STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02948

GEKLIBENE VERK

Shmuel Zaromb

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל זאראמב

*

געקליבענע ווערק

שמואל זאַראָמב

געקליבענע ווערק

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

1962

SHMUEL ZAROMB / GEKLIBENE WERK

Publishing House I. L. Perets

Tel Aviv, 31 Allenby Str.

שמואל זאראמב / געקליבענע ווערק

רעדאַקציע־קאָמיטעט:

מ. באַסאָק, ב. העלער, מ. חלמיש, א. סוצקעווער מ. ראַוויטש, א. ריוועס.

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין תל־אביב

האַרציקע דאַנקען די פריינט וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אַרויסגעבן דעם בוך, באַזונדער דעם חבר און פריינט א. ריוועס פאַר זיין גרויסער מי און צייט וואָס ער האָט געווידמעט אויסצוגעפינען און צונויפזאַמלען זאַראָמבס שאַפונגען פון פאַרשידענע מקורות.

חוה און מענדל זאַראָמב

©

נ ד פ ס ב י ש ר א ל

Printed in Israel, 1962

דפוס א. בן־חור, רח׳ החלוצים 19, ת״א, טלפון 83748

שמואל זאַראָמב (1941—1896)

> „אַרום און אַרום בין איך עפּעס אַ מאָדנער מענטש, זייער פּעיִק צו זיין גליקלעך, אָבער דווקא די זענען די פעיִקסטע דאָס גליק צו צעברעכן ווי גלאָז. בכלל בין איך מסתמא די שטעכעניש אין פאַרטונאַס רוקן, דער פיבער וואָס וואַרפט מיך אַרום פון איין וועלטוואַנט צו דער צווייטער איז אַ מאָדנער, אומדערטרעגלעכער, גוטער, הייליקער פיבער — — — מיר גליווערט דער באַוווסטזיין פון סוף דאָס בלוט אין די אָדערן״ —

דאָס איז איינע פון די פילאָזאָפיש־אינטראָספעקטיווע באַמערקונגען וועגן זיך אַליין, וועלכע דער סתירותפולער שמואל זאַראָמב האָט אַמאָל אַריינגעפלאָכטן אין איינעם פון זיינע בריוו צום שרייבער פון די דאָזיקע שורות. אימפּולסיוו, טיף עמאָציאָנעל און גייסטיק דערהויבן איז ער געווען הן אַלס דיכטער, דערציילער און עסייאיסט, און הן אַלס מענטש. יעדע שאַפונג זיינע איז געווען אויסגעפיבערט מיט אַלע דינע צאַרטקייטן פון זיין גרויסער נשמה. און עס איז כמעט זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ דיכטער פון אַזאַ דערהויבענער מדרגה ווי ש. זאַראָמב האָט נישט געהאַט דעם מינדעסטן חוש פאַר פראַקטישקייט, פאַר פאַרזאָרגן זיין עולם הזה, און שוין אָפגערעדט וועגן זיין „עולם הבא״. איז ער טאַקע אַוועק פון דער וועלט, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך מער ווי אַ פופצן אָפגעדרוקטע לידער, עטלעכע נאָוועלן און אַ בינטל עסייען — צעזייטע און צעשפּרייטע אין פאַרשידענע זשורנאַלן און העפטן. מער האָט זיך נישט אָפגעפונען, טראָץ אַלע באַמיונגען און טראָץ דעם וואָס עס איז באַוווּסט, אַז ער האָט פאַרעפנטלעכט אויך נאָך אַנדערע זאַכן. אָבער נישט ער אַליין און אויך נישט עמעץ אַנדערש האָט ביזן היינטיקן טאָג נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן זאַראָמבס שאַפונגען אין אַ בוך־פאָרם. דאַקעגן זענען זיינע נישט־פאַרעפנטלעכע מאַנוסקריפּטן אַוועק מיטן רויך צווישן די חורבות פון ברענענדיקן

וואַרשע אין יאָר 1939, און דער מחבר אַליין איז, זייענדיק פּאַרוואָגלט אין ניעסוויעזש, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע נאַצי־רוצחים אין ט׳ חשון תש״ב, דעם 30־טן אָקטאָבער 1941.

פון דאַנען נעמט זיך טאַקע וואָס זיין שעפערישע ירושה, וועלכע איז אויפגעזאַמלט געוואָרן דורך זיינע נאָענטסטע פריינד און ווערט געבראַכט דאָס ערשטע מאָל אין אַ געזאַמלטער פאָרם אין דעם אַ באַנד, איז נישט גאַנץ, ווייט נישט גאַנץ.

פעיק צו זיין גליקלעך איז ער געווען, ווי ער האָט עס אַליין פעסטגעשטעלט אין זיין אויבנדערמאָנטן בריוו — אָבער דערביי האָט אים פון דער פריסטער יוגנט באַגלייט די אַנונג פון סוף און „געגליווערט דאָס בלוט פון די אָדערן״... און טראָץ זיין פעיקייט צו זיין גליקלעך, האָט דער גורל כמעט ווי אומפאַרמיידלעך אים תמיד געפירט צום אומגליק, צו שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט, צום ראַנד פון די וואַנזין־אָפּגרונטן ביי אים נאָענטע און טייערע מענטשן...

* * *

אייגנטלעך וואָלטן פאַר אַ פאַרשטאָרבענעם שרייבער די בעסטע מצבה געדאַרפט זיין זיינע אייגענע שאַפונגען, צו וועלכע מען איז זיך נוהג צוצוגעבן בלויז אַ ביסל ביאָגראַפישע דאַטן. ווער עס האָט אָבער געקענט שמואל זאַראָמבן פון דער נאָענט, דער ווייסט, אַז אפילו ווען עס וואָלטן צונויפגעזאַמלט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם בוך אַ ל ע זיינע לידער, נאָוועלן, עסייען, רעצענזיעס וועגן ביכער, רעפּאָרטאַזשן און איבערזעצונגען פון דער העברעישער, פוילישער און דייטשער פּאָעזיע און פּראָזע אויף יידיש — אויך דעמאָלט וואָלט זיך נישט באַקומען קיין פולער באַגריף וועגן זיין אָריגינעלן, פילזייטיקן טאַלאַנט. אפילו ווען מען זאָל אויך צורעכענען זיינע רעדאַקטאָרישע אויפטוען, אָנהייבנדיק פון לאָמזשער „טייפון״, דעם וואַרשעווער „ערשטער שניט״, וואָס אין זיינע פיר העפטן איז זאַראָמב געווען דער „אונטערפירער״ ביי דער פאַרקנסונג מיט דער יידישער ליטעראַטור פון אַזעלכע דיכטער ווי יעקב פרידמאַן, יצחק יאַנאַסאָוויטש, א. לעוו, י. פערלאָוו, ב. מרדכי און נ. פערסקי,

און אַזוי ביז צו די „שריפטן” און די „ליטעראַרישע בלעטער” — איז עס אַלץ נאָך ווייט נישט דער גאַנצער ש. זאַראַמב.

ווייל נאָך טיפער, פאַרנעמפולער, אינטערעסאַנטער און פילפאַר־ביקער ווי זאַראַמב דער שרייבער און וועגווייזער פאַר יינגערע שרייבער פון אים — איז געווען זיין ממש באַצויבערנדיקע פערזענלעכקייט, וואָס איז אפשר געווען אייגנאַליק אין איר קראַפט צוצוציען און צו באַווירקן מענטשן פון זיין נאָענטן קרייז, צו פאַרברייטערן זייערע גייסטיקע האָ־ריזאָנטן און צו פאַרטיפן זייער וועלט־באַנעם. עס וועט טאַקע נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער אָ שטילער, צאַרטער דיכטער און וויזיאָנער איז געווען אַ מין נסתר, אַ „רבי”־אַ־מיסטיקער און אַ פילאָזאָף, וואָס נאָר צו גאָר נאָענטע און פאַרטרויטע האָט ער געקאָנט אַנטפּלעקן זיין גרויסע נשמה און דערמיט משפיע געווען אויף זייער טראַכטן און פילן, אויף זייער גאַנצן גאַנג אין לעבן. זייענדיק ווי אַן אָרגאַנישער סינטעז פון בראַנד (איבסענס העלד) און עפּיקור, פון דעם נזיר אין טאַיס פון אַנאַטאָל פראַנס און פון אַ לוקולוס (בלויז אין גייסט פאַרשטייט זיך...) — איז ער תמיד געווען פול מיט סתירות, תמיד האָט ער געבויט און צעשטערט וועלטן גאַנצע און תמיד האָט ער געברענט מיט אַן אינערלעכן גייסטיקן פייער. זיינע אינטימע, גייסטרייכע שמועסן וועגן ליטעראַטור און קונסט, וועגן לעבן און טויט, וועגן דעם מהות פון דער מענטשלעכער נשמה, וועגן די פּסיכאָלאָגישע און ביאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון מאַן און פרוי, וועגן ליבע און גליק, וועגן סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען, ווי וועגן צווישנ־מענטשלעכע באַציונגען בכלל — זענען געווען באַהויכט מיט עפּעס אַ ספּערישן פלואיד, עס האָט פון זיי געווייעט מיט התרוממות־הנפש און זיי האָבן געשפּרודלט מיט אוראַלטער חכמה... נאָר די, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו זיין מיט אים אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט פון אמתדיקער פריינד־שאַפט און אַזוי אַרום זיך באַקענט מיט זאַראַמבן שבעל־פה — נאָר זיי האָבן דערפאַר געקאָנט תופס זיין די מקורדיקייט פון זיין פילן און דענ־קען, זיין ווייטקייט פון יעדן שאַבלאָן, זיין טיף מאָראַלישן גאַנג אין אַלע זיינע האַנדלונגען. און צי זיי האָבן עס געוווסט אָדער נישט, צי זיי וועלן זיך מודה זיין דערצו צי נישט — איז עס כמעט קיין ספק נישט, אַז אַלע די וועלכע זענען געווען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט אים, זענען פון

אים טיף באַווירקט געוואָרן. מען מעג בכן זאָגן מיט דער פולסטער זיכער־קייט, אַז די גייסטיקע השפעה פון שמואל זאַראַמבן שטייגט ווייט אַריבער די גרענעצן פון זיין ליטעראַרישער ירושה.

* * *

שמואל זאַראַמב איז געווען נישט הויך, פעסט געבויט און זייער עלאַסטיש אין זיינע באַוועגונגען. זיינע גרויסע, העלע מאַנדל־אויגן און טונקעלע, געדיכטע „טשופרינע" האָבן צוגעגעבן זיין פּולן, אָוואַלן און ערנסטן געזיכט אַ סך שיינקייט. זיין אַ ביסל הויכע שטימע האָט ביים רעדן אָפט מאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון עקזאַלטירטקייט, אָבער טראָץ איר אייגנטימערס נישט־זעלטן שווערן געמיט, האָט זי זיך זייער אָפט געלאָזט הערן פאַרטראָגן אין אַ הילכיקן האַרציקן געלעכטער. דער לבוש איז ביי זאַראַמבן געווען תמיד מער ווי באַשיידן, אָבער אַלע מאָל האָט ער געבלאַנקט פון ציכטיקייט און אויסגעזען אפילו כמעט ווי עלעגאַנט.

זיין אמתער נאָמען איז געווען משה צבי פיינצייג. געבוירן איז ער אין יאָר 1896 אין אַ קליין שטעטעלע בראָק (צווישן אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק און ווישקאָוו), וואָס האָט געשמט איבער גאַנץ פּוילן מיט די באַרימטע „בראָקער מצות". זיין בילדונג האָט ער באַקומען — ווי געוויינטלעך אין די יידישע שטעטלעך פון פּוילן אין יענע יאָרן — אין חדר. שפּעטער האָט ער געלערנט ביז זיין 18־טן לעבנס־יאָר אין דער אָסטראָווער ישיבה. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פרוי חוה און נישט לאַנג דערנאָך איז געבוירן געוואָרן זייער איינציקער זון מענדל (זיי, מענדלס פרוי און קינדער לעבן איצט אין ישראל, וווהין זיי האָבן עולה געווען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה). אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און מיטן אַנטשטיין פונעם זעלבשטענדיקן פּוילן האָט משה צבי פיינצייג, כדי נישט מאָביליזירט צו ווערן אין דער אַרמיי, זיך אויסבאַהאַלטן, אָוועק קיין לאָמזשע, געענדערט זיין נאָמען אויף שמואל זאַראַמב און ביי דעם נאָמען איז ער שוין פאַרבליבן. אין לאָמזשע האָט ער מפרנס געווען זיין משפחה מיט שווערער פיזישער אַרבעט אין אַ טאַרטאַק.

אָבער אין לאָמזשע האָט דער פאַרטרוימטער ישיבה־בחור אויך דערפילט אין זיך דעם דיכטערישן אויפקום. ער האָט ממש פיבערהאַפט אַריינגעשלונגען אַן אַ צאָל ליטעראַרישע שאַפונגען פון דער יידישער און

אַלגעמיינער ליטעראַטור, געלייענט וויסנשאַפטלעכע ווערק פון די פּאַר־שידענסטע געביטן כדי אַזוי אַרום אָנצוזאָגן אויף אַן אויטאָדידאַקטיש וועג, דעם מאַנגל אין סיסטעמאַטישער אַלגעמיינער בילדונג. אין אַ רע־לאַטיוו קורצער צייט איז זאַראַמב געוואָרן אַ בקי אין דער וועלט־ליטע־ראַטור — פּאָעזיע, פּראָזע, געשיכטע, פילאָזאָפיע אאז״וו — און האָט אויך גענומען זוכן אַ שעפערישן וועג כדי אויסצודריקן די אוצרות פון מחשבה און געפיל וואָס האָבן געגנורטעוועט אין אים. און טאַקע אין לאָמזשע דעביוטירט ער מיט זיינע לידער „פון אַ באַלאַדע״ און „השארת הנפש״, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „משה צבי״ אין „טייפון״, (אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט ח. וואָלף, אהרן מאַרק, אברהם ריוועס און ירחמיאל שטייגמאַן).

גאַנץ גיך נאָך זיין ליטעראַרישן דעביוט, נאָך אין יאָר 1924, קומט ש. זאַראַמב קיין וואַרשע. אייגנטלעך האָט ער נאָך אין יאָר 1923 אָפּגעדרוקט זיינע לידער „נאַכט״ און „ברודערל ווינט״ אין זאַמלבוך „וואַרשעווער אַלמאַנאַך״. און שוין אין די אָ פריע לידער זיינע דערשיינט פאַר אונדז די אינטראָווערטע און טיף־פּעסימיסטישע געשטאַלט פון אַ דיכטער פאַר וועלכן

„מיין שבת הויבט זיך אָן מיט נאַכט,
מיין שבת ענדיקט זיך מיט נאַכט״ ———

און

„די הימלישע טויערן זענען פאַרשלאָסן פאַר אונדז אַזוי בלינד,
מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן, אָ ברודערל ווינט!״ ———

ווייזט אויס אַז די ווירקלעכקייט איז געווען לגבי אים נישט צופיל פריינדלעך און צוליב דעם טאַקע איז דעם דיכטער ליבער „צו שלאָפן מיטן ווינט״ —

„און חלומען לאַנג און חלומען ווייט און חלומען: גאָט שלאָפט אין צער פון דעם ווינט״.

זייענדיק אַזוי פיזיש און גייסטיק נע־ונד, נישט האָבנדיק, ווי ער זאָגט, „קיין הויז און קיין בעט״ — איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז:

„מיר ווינען אין אַלע צעבראָכענע שויבן, מיר קרייזן אין אַלע פאַראיינ־זאַמטע הייכן,

עס יאָגט אונדז דאָס מזל אַרום פון דעם זומער ביז ווינטער שפּעט,
נאָר מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן״ — — —

די אַ טיף־דערשלאָגענע שטימונגען און טאָקע אויך שטאַרק דעקאַדענטישע נייגונגען וועלן שוין באַגלייטן דעם דיכטער כמעט אַלע זיינע שפּעטערישע יאָרן. נאַכט, טויט, שטאַרבנדיקע דיכטער, פּרי־האַרבס־טיקע וואָלקנס — דאָס זענען די הויפּט־מאָטיוון אין זיין ליד, באַלאַדע און פּאָעמע, וואָס תמיד זענען זיי באַהויכט מיט געוואָלדיקער, און דאָך געצוימטער, עמאָציע. און אויב שרייבט ער שוין וועגן ליבע — איז עס אָדער די אומעטיק־טראַגישע ליבע פון „נאָנעס״ (אַ גרויסע פּאָעמע, פאַר וועלכער ער האָט באַקומען אַ חשובע ליטעראַרישע פּרעמיע), אָדער זי גייט ביי אים געפּאָרט מיטן טויט. און בכלל: דער דאָמינירנדיקער קאָ־ליר אין דער וועלט פון זיין פאַנטאַזיע איז תמיד נאָר שוואַרץ...

זענען די אַ שטימונגען און גייסטיקע נייגונגען בלויז אַ פּועל־יוצא פון דיכטערס אינדיווידועלן גורל? אָדער אפשר איז גאָר ש. זאַראָמבס פּאָעטישע וויזיע אַ מין קאָנצענטראַט און אַ שאַרפע אָפּשפּיגלונג פון דעם געדאַנקען־גאַנג און פון דער געפילן־וועלט פון אַ גאַנצן יידישן דור, וועלכער האָט אינסטינקטיוו געאַנט וואָס עס דערוואַרט אים אין דער נאָענטער צוקונפט, איז צוליב דעם געוועזן אַזוי מוראדיק טראַגיש פאַר־לוירן און נישט געהאַט דעם אינערלעכן כוח זיך אַרויסצורייסן פון גורלס פענטעס, פון דער מאָראַלישער און גייסטיקער פאַרצווייפלונג?

אַזוי צי אַזוי, דער טיפער סקעפּטיציזם און נאָך טיפערע רעזיגנאַ־ציע, דער קלאָרער באַוווסטזיין, אַז „מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן״ — האָט אַרויפגעלייגט אַ טיפן חותם נישט נאָר אויף זאַראָמבס שאַפן, נאָר אויך אויף זיין גאַנצן דענקען און פילן. און מערקווירדיק: ביי זיין אויס־געשפּראָכענעם פילאָזאָפישן סקעפּטיציזם, ביי זיין פאַרגלייכן זיך אַליין צו אַ מין „פּער גינט״ (ווי ער האָט זיך נישט איין מאָל אויסגעדריקט), וועלכער קאָן אין ערגעץ נישט געפינען זיין שטענדיק אָרט (אויך נישט אין קיין פּאָליטישער פּאַרטיי אָדער געזעלשאַפטלעכער ריכטונג) — איז ער אָבער תמיד געבליבן קרישטאָל־ריין אין זיין מאָראַלישן וועלט־באַנעם און אין זיינע האַנדלונגען, אַזוי וייט — אַז ער האָט ליבער מסכים גע־ווען צו ליידן אַ לעבן־לאַנג שווערע נויט, איידער איינצוגיין אויף וועלכע

עס איז קאָמפּראָמיסן מיט זיין געוויסן, אָדער גאָר חלילה מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער איז נאָענט צו דעם אָדער יענעם לאַגער, וועלכער איז גרייט געווען אים צו שטיצן מאַטעריעל אָדער מאָראַליש. זיין גייסטיקע זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט זענען אים תמיד געווען טייערער אפילו פון אייגענעם לעבן. און ווען ער האָט, אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, זיך דערנענטערט צום אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל (אין לאָמזשע איז ער אַ געוויסע צייט געווען נאָענט צום „בונד"), געהאַלטן דאָרט לעקציעס וועגן ליטעראַטור און געשריבן פיינע רעפּאָרטאַזשן פאַר דער פּעריאָדישער אויסגאַבע פון דער דאָזיקער באַוועגונג „ידיעות" — האָט ער אויך דאָרט זיך באַטראַכט בלויז ווי אַ גאַסט, ווי אַ זייטיקער, וואָס האָט נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר זיך אפילו קיין סערטיפיקאַט כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. און דאָס זענען דאָך שוין די יאָרן פון עקסצעסן און פּאָגראָמען אויף יידן אין פּוילן, ווען די זיך דערנענטערנדיקע נאַצישע לאַווינע האָט שוין געדונערט גאַנץ נאָענט און קלאָר אָנגעצייכנט דעם מאוימדיקן גורל פאַרן פּוילישן יידנטום...

* * *

אין די ענגע ראַמען פון אַן אַריינפיר צו זאַראָמבס בוך איז אוממעגלעך צו מאַכן אַן אויספירלעכן קריטישן אַנאַליז פון די שאַפונגען פון אַזאַ קאָמפּליצירטן קינסטלער ווי ער איז געווען. וועלן מיר זיך באַגנוגענען מיט צוגעבן בלויז אַ בינטל ביאָגראַפישע שטריכן, וועלכע קאָנען אפשר כאַראַקטעריזירן זיין אַזוי אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט — איבערלאָזנדיק די פולע אָפּשאַצונג פון זיין ליטעראַרישן אויפטו פאַר אַנדערע געלעגנהייטן.

אין די יאָרן 1924—1939, אין וואַרשע, האָט זיך דער פּראָווינציאַנעלער, שטילער און צוריקגעהאַלטענער (אפילו אַ ביסל שעמעוודיקער) יונגערמאַן ווי אומבאַמערקטערהייט אַרויסגערוקט וואָס אַמאָל מער אין די ערשטע רייען פון דער גרויסער פּלעיאַדע דיכטער, דערציילער און עסייאיסטן, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן פאַרוואַנדלט די הויפּטשטאָט פון פּוילן און איינעם פון די וויכטיקסטע קולטור־שאַפערישע צענטערס אין דער יידישער וועלט. עס איז ממש נישט צו פאַרשטיין, ווי דער אין זיך קאָנצענטרירטער נחבא־אל־הכלים, וועלכער איז ווי געבוירן געוואָרן „אַן

עלנבויגנס״, האָט זיך באַוויזן צו דערשלאָגן צו אַזאַ אָנגעזעענער פּאָזי־ציע אין יידישן ליטעראַרישן וואַרשע, נעמענדיק דערביי אין באַטראַכט, אַז ער האָט אפילו נישט צופיל געשריבן (אויף יעדן פאַל האָט ער קיין סך נישט פאַרעפנטלעכט). אפשר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַזאַ גרוי־סער מבין און בעל־טעם לגבי ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען, אַ שטאַרקער מקפּיד און אַ מענטש מיט אַ טיפער באַציונג לגבי יעדן גע־שריבענעם וואָרט, האָט שטענדיק אָנגעווענדעט די שטרענגסטע מאָסן ביים אָפּשאַצן יעדע שאַפונג — און קודם כל, פאַרשטייט זיך, לגבי זיין אייגענער — איז ער אָנערקענט געוואָרן ווי דער נאַטירלעכסטער רע־דאַקטאָר פון אַזעלכע אויסגאַבעס, ווי דער שוין דערמאָנטער „ערשטער שניט״ (1930—1931), „קאָנטורן״ (1934), דער אויסגעצייכנטער חודש־זשורנאַל „שריפטן״ (1936—1938, רעדאַקטירט צוזאַמען מיט הערץ בער־גנער, קלמן ליס און י. לעווענשטיין). און אַזוי איז ער אויך געווען אַ געוויסע צייט רעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט מ. ב. שטיין) פון די ליטע־ראַרישע פרייטיק־ביילאַגעס צו דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט״, און נאָך דעם ווי נחמן מייזיל איז אַוועק קיין אַמעריקע — האָט זאַראָמב רעדאַקטירט די „ליטעראַרישע בלעטער״.

און כדי צו דערגענצן די ביבליאָגראַפיע פון זאַראָמבס שאַפונגען און איבערזעצונגען פון דער נייער העברעישער פּאָעזיע, וועלכע איז מיט גרויס מי און געטריישאַפט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך זיין יוגנט־פריינד דעם שרייבער א. ריוועס און ווערט געבראַכט צום סוף פון דעם בוך — דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז ש. זאַראָמב האָט אויך פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע שאַפונגען אין וואַרשעווער זשורנאַל „די יידישע וועלט״ (1928), אין די טאָג־צייטונגען און זשורנאַלן „היינט״, „דאָס וואָרט״, „אַרבעטער־צייטונג״, „פאָרויס״, „דאָס נייע וואָרט״, „וואָכנשריפט״, אין דער לאָדזשער צייטונג „דאָס נייע פאָלקסבלאַט״ א״א. ער האָט אויך איבערזעצט פון דייטש פּראָזע־ווערק, ווי געאָרג פינקס „דו האָסט פאַר־בלאָנדזשעט״ (ז׳ „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״) און אויב מיר האָבן נישט קיין טעות — אויך פון קנוט האַמסונס ווערק.

ווי געזאָגט, זענען אַלע נישט־פאַרעפנטלעכע כתב־ידן זיינע פאַר־ברענט געוואָרן בעת דעם חורבן־וואַרשע אין יאָר 1939. פון דיכטער

ישראל עמיאָט איז אונדז באַוווסט, אַז זאַראַמב האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע פּאָעמע „נפילים". דער דיכטער אברהם סוצקעווער גיט איבער, אַז ער האָט אין די מלחמה־יאָרן אָפּגעפונען אין מאָסקווע זאַראַמבס אַ גרויסע פּאָעמע „איוב" און זי צוגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון פאַרלאַג „עמעס". דיביידע שאַפונגען זענען ליידער אויך פאַרלוירן געגאַנגען, פּונקט ווי עס איז פאַרלוירן געוואָרן זאַראַמבס אַ סאָנעטן־קראַנץ, וועלכן עס דער־מאָנט דער ניעסוויעזשער פּאַרטיזאַן שלום כאָליאַווסקי אין זיינע זכרונות וועגן זאַראַמבס לעצטער לעבנס־תקופה (זע ווייטער).

אָפּהאַנדלונגען וועגן ש. זאַראַמב זענען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן: אין זמ"ב „יידישע שריפטן", לאָדזש, 1946, ז' 3; א. ריוועס, „נייוועלט", תל־אביב, נומער 146, יאָר 1952; ד"ז אין יזכור־בוך לאָמזשע, נ"י, 1957, ז"ז 100—101 (אויך אין דעם זעלבן יזכור־בוך וואָס איז דער־שינען אויף העברעיש אין ת"א); ב. העלער, „דאָס ליד איז געבליבן", וואַרשע, 1951, ז"ז 94—96; ב. מאַרק, „אומגעקומענע שרייבער פון גע־טאָס און לאַגערן", וואַרשע, 1954, ז' 217; ח. ל. פוקס, „פון נאָענטן עבר", ב. 3, 1957, ז' 264; מלך ראַוויטש, „מיין לעקסיקאָן" ב. 3, מאָנטרעאָל, ז"ז 179—181; און אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור".

מיר דערנענטערן זיך צום פאַרענדיקן די ווייניקע שטריכן צום פּאָרטרעט פון שמואל זאַראַמבן און עס נעמט אונדז באַהערשן אַ געפיל פון אָפּהענטיקייט. האָבן מיר באַוויזן צו געבן כאָטש אַ בלאַסן אָפּשיין פון זיין גרויסער ליכטיקער געשטאַלט? האָבן מיר געפונען דעם שליסל צו זיין אַזוי קאָמפּליצירטער און אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט? אוודאי וואָלט בעסער געווען ווען מיר וואָלטן געקאָנט געבן אויך אַ רעקאָנסטרוק־ציע פון עטלעכע פון זיינע שמועסן; ווען מיר וואָלטן אימשטאַנד געווען צו באַשרייבן זיין טיפע ליבשאַפט צו זיינע חברים — ווי אהרן מאַרק און דער סובטעלער דיכטער לייב ניידוס פון גראָדנע — וועגן וועלכע ער האָט תמיד געפלעגט רעדן מיט אַ סך פּיעטעט און קיינמאָל זיך נישט געקאָנט טרייסטן נאָך זייער פריצייטיקן טויט. אוודאי וואָלט גוט געווען ווען מיר קאָנען ברענגען אין דעם זאַראַמב־בוך אויך זיינע, מיט אַ דראַב־נעם פּערל־שריפט, געשריבענע בריוו. צוליב פאַרשידענע טעמים איז עס אָבער ליידער נישט מעגלעך. וועלן מיר פאַרענדיקן בלויז מיט נאָך עטלע־

כע ציטאַטן פון זיינעם אַ בריוו פון יאָר 1936.

— — — „וואָס שייך מיר פערזענלעך — וואָלט געווען גוט, ווען איך זאָל זיין רויק. ס'איז נישט גוט ווען דאָס פייער ברענט און נאָך ערגער ווען ס'פייער לעשט זיך. פון דער אַנדערער זייט טראַכט איך, אַז ס'איז עפּעס גוט צו זיין כסדר ביים תהום פון פאַרלוירנקייט און משוגעת. ווייל אפשר איז גרויסע פרייד פאַראַן נאָר אויפן ראַנד פון תהום. פון דעסטוועגן דאַרפסטו מיך נישט זען ווי עפּעס אַ זויערן פילאָזאָף מיט אויסגעקראַכענע וויעס ביי די אויגן. אַרום און אַרום מיין איך, אַז די וועלט איז וווּנדערבאַר, און אַז זי טוט צו מיר אַ שמייכל, בין איך איר, פּונקט ווי אַ פאַלשער געליבטע, גרייט צו פאַרגעסן אַלע עוולות וואָס זי האָט מיר אָפּגעטאָן. אַרום און אַרום איז גאָרנישט שלעכט: אַ העלפט פון אונדזערע יסורים דאַרפן מיר אָנערקענען פאַר נויטווענדיקייט, און די צווייטע העלפט מאַכן פאַר ספּאָרט. די ערשטע העלפט פאָדערט חכמה, די צווייטע אַ ביסל הומאָר. און חוץ דעם, חוץ דעם — איז דאָ אַ גרויסע וועלט, וואָס מיר מוזן זיך איר שענקען, נישט דערפאַר וואָס זי האָט עס פאַרדינט, נאָר ווייל אַנדערש קאָן מען נישט. פּונקט ווי טאַטע־מאַמע און פּונקט ווי אַ קליין קינד. די וועלט פאַרמאָגט ביידע אייגנשאַפטן און די אייגענע ווערטן פאַר אונדז, ווי טאַטע־מאַמע און ווי אַ קינד".

און כמעט ווי אַן עלעגישע קווינטעסענץ פון זיין טרויעריקער פּערציקיאָריקער לעבנס־דערפאַרונג קלינגען זיינע ווייטערדיקע ווערטער אין דעם זעלבן בריוו:

„— — — נו, און דיך וואָלט איך געוואָלט לערנען אויסמיידן מיינע ביישפּילן, וואָס זענען פאַטאַל לכל הדעות פאַר דער צייט און פאַר דער הייַנטיקער געזעלשאַפט (־לעכער פאָרם). מאַך די געפילן אונטערטעניק אונטער זיך, באַקעמף שטימונגען, שפּייז זיך נישט מיט עמאָציעס, שאַף זיך אַ געניִיעם און עקאָנאָמישן לעבנס־סדר, און אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט! זי איז בכוח צו באַפרייען פון אַלע ווייטיקן, נישט דערפאַר ווייל זי האָט זיי נישט, נאָר ווייל זי צעלייגט זיי אין גלייכע טיילן און מאַכט פון זיי צוועק. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף אויך לעבן, עס איז זייער גוט און געזונט אויפצוהייבן דעם קאָפּ פון טיש נאָך אַ שווערער אָנשטרענגונג און זיך באַגעגענען מיטן ליבלעכן

שמייכל פון אַ פרוי און אַ פריינד. — — — ס׳איז נאָך אַלעמען אַ גרויסע פרייד צו האָקןביימער און אויסצוציען אַ ליכטיקן שנור אין דעם אייגענעם פינצטערן וואַלד פון אום־ און אונטערבאַוווּסטזיין, געפילן און דערקענטעניש, אַ פרייד וואָס קאָן דיר קאָמפּענסירן פאַר אַלץ״.

אין די אַ געציילטע שורות איז דאָך אייגנטלעך קאָנדענסירט אַ גרויסע לעבנס־דערפאַרונג פון אַ מענטש אַ קינסטלער און אַ דענקער, פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך באַמיט צו סובלימירן אַלע זיינע געפילן און נייגונגען ביז צו די העכסטע מדרגות פון קונסט, גייסט און עטיק. און עס איז דאָך נישט געווען זיין שולד וואָס דער קוהלתדי־קער „הבל הבלים״ האָט תמיד שפּאָטיש געקוקט זיין „שיר השירים״ אין די אויגן און אייביק אים פאַרלאָפן דעם וועג...

שמואל זאַראָמב איז דערמאָרדעט געוואָרן ווען ער איז אַלט גע־ווען בלויז פינף און פערציק יאָר. און מיר, זיינע נאָענטסטע פריינד, וועל־כע האָבן פון אים געלערנט, אַזוי טיף פאַרערט זיין גרויסן גייסט און פלאַמענדיקע נשמה און אים אַזוי הייס ליב געהאַט — פילן אויס אונדזער ערן־חוב לגבי זיין הייליקן אָנדענק. צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט דער־לאַנגען מיר דעם לייענער דאָס ערשטלינג־בוך פון שמואל זאַראָמב. זאָל עס זיין אַ באַשיידענע מצבה אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר.

תל־אביב, 1961

מרדכי חלמיש (פלינט)

זיינע לעצטע יאָרן

ווי באַווּסט זענען ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן אַ סך יידישע שרייבער פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, וועלכע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ראַטן־פאַרבאַנד. שמואל זאַראַמבּ איז געווען צווישן די שרייבער, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן קיין ביאַליסטאָק. עס ווערט דערציילט פון פאַרשידענע שרייבער, צווישן זיי אויך יחיאל האָפער, אַז ווען עס איז אַמאָל איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ליטעראַרישער אָוונט אין ביאַליסטאָק מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרופּע געסט, חשובע יידישע שרייבער פון מאָסקווע, איז זאַראַמבּ אויפגעטרעטן און גענומען לייענען זיינעם אַן עסיי וועגן ליטעראַטור. פּרץ מאַרקיש האָט אים דעמאָלט געבעטן, אַז ער זאָל בעסער לייענען לידער. (משמעות, אַז פאַר לידער האָט מען ווייניקער געהאַט וואָס מורא צו האָבן פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט...) אָבער דער שטאָלצער זאַראַמבּ האָט נישט געוואָלט מוותר זיין און באַשטאַנען דערויף אַז ער זאָל דווקא לייענען דעם עסיי. אים איז נישט דערלויבט געוואָרן צו פאַרבלייבן אין ביאַליסטאָק — ער האָט געמוזט אַוועק קיין ניעסוויעזש. וועגן זיינע קנאַפּע צוויי יאָר זיין פאַרוואָלגערט דאָרט, ברענגען מיר די ווייטערדיקע שורות פון שלום כאַליאַווסקי:

אין איינעם פון די האַרבסט־טעג — דאַכט זיך אין יאָר 1940 — האָב איך געגומען מיין ספר־התנ״ך (וואָס פאַרן תמימותדיקע אומפאַרזיכטיקייט אין יענער צייט!) און אַוועק אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק נעבן דעם שלאָס פון די ראַדזשיווילס. דאָרט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און גענומען לייענען. עס איז געווען אַ שטילער, ווייסרוסישער האַרבסט — אַ באַהויכטער מיט גאָלד און טרויער. צו מיין באַנק איז צוגעקומען אַ מענטש פון נישט הויכן וווקס אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט

נעבן מיר אַ פּאַרטיפּטער אין זיינע מחשבות און זיין בליק איז געווען פאַר־טראַגן ערגעץ אין די ווייטקייטן. פון צייט צו צייט האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף מיר און דערזעענדיק די יידישע אותיות אין מיין בוך, האָט ער זיך אַ רוק געטאָן נעענטער צו מיר און געפרעגט: „איר זענט אַ היגער ז״

נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשמועסט אַ לענגערע צייט, האָט ער זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט: „איך הייס שמואל זאַראַמב״. פון דע־מאָלט אָן האָבן מיר זיך געפלעגט טרעפן זייער אָפט. ער האָט מיך ממש באַצויבערט מיט זיין אויפריכטיקייט און יושרדיקייט, מיט זיין געוויסנהאַפ־טיקייט און מיט זיין פעיקייט צוליידן אָן אַ שיער און שטילערהייט — אַבי צו זיין שלימותדיק מיט זיך אַליין.

די שמועסן מיט זאַראַמבן זענען מיר געוואָרן וואָס אַ מאָל טייערער און גייסטיקער, און איך גלייב, אַז אויך ער האָט זיך גענייטיקט אין זיי, ווייל דאָס זענען געווען צייטן ווען יעדער איינער האָט זיך גענייטיקט אין עמעצן, פאַר וועמען זיך אַ ביסל אַראָפּצורעדן פון האַרצן... פאַר מיר איז יעדער שמועס אַזאַ געווען אַ שפּאַציר איבער די ברייטע שליאַכן פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור און זיינע ווערטער זענען תמיד געווען אַ שפע פון וויסן, גייסטרייכקייט, האַרבע מאָראַלישע געצוימטקייט; זיי זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַ טיף מענטשלעכן צוגאַנג צו יעדן ענין. נישט איין מאָל האָט ער גערעדט מיט גרויס ביטערניש און ווייטאָג וועגן יענע יידישע שרייבער, וואָס ווי נאָר זיי זענען אַריבער די סאָוויע־טישע גרענעץ, האָבן זיי זיך באַלד צוגעפּאַסט צו די נייע ווינטן און פאַר־לייקנט זייער טיפסטן גלויבן און זייערע איבערצייגונגען.

איך געדענק איינעם אַן אָונט, ווען ער איז געקומען מיט אַ באַזוך צו מיר אַהיים. עס איז געווען חנוכה, אין שטוב האָט געהערשט אַ יידיש־לעך־יומטובדיקע אַטמאָספער, דער אויוון איז געווען איינגעהייצט און צום טיש איז דערלאַנגט געוואָרן הייסע טיי און אפילו חנוכה־לאַטקעס. זאַראַמב האָט דעמאָלט קוים געאַרבעט, און אָן שום ספק — אַ ביסל אונ־טערגעהונגערט, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווסט. יענעם אָוונט האָט ער זיך שטאַרק דערוואַרעמט, גערעדט וועגן וואַרשע, וועגן זיינע יידישע איבערזעצונגען פון דער נייער העברעישער פּאָעזיע, וועגן זיינע באַציונגען מיט די רעדאַקציע־מיטגלידער פון „ידיעות״ אין „החלוץ״. ער

האָט אַ סך דערציילט וועגן זיינע חברים־שרייבער און וועגן ליטעראַטור בכלל, און צום סוף איז ער איבערגעגאַנגען צו רעדן מיט פאַרביטערטקייט און באַדויער וועגן מצב פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ווען איך האָב אים דערציילט וועגן אַ פּרווו מצד מיינע חברים זיך אַדורכצוברעכן אַ וועג קיין ארץ־ישראל דורך קאַווקאַז, האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן און עס האָבן געגומען פינקלען אין זיי טרערן. ער האָט אַ זאָג געטון מיט גרויס אויפגערודערטקייט: „ווען איך קאָן — וואָלט איך נאָך היינט אַוועק קיין קאַווקאַז...״

איך האָב אויך געפלעגט קומען צו אים. ער האָט געוווינט אין אַ קליינעם, נישט־מעבלירטן אַלקערל ביי ר׳ איטשע דעם איינבינדער אויף מיכאַליש־קער גאַס. אין קליינעם, נאַקעטן צימערל איז בלויז געווען אַ בעטל, אַ טישל, אַ שטול און אַ בענקל. איינמאָל אין אַן אָוונט האָט ער, זיצנדיק אויף זיין בעטל, אַרויסגעצויגן אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע און מיר געלייענט אַ סאָנעטן־קראַנץ. דאָס איז, ווי ער האָט מיר געזאָגט, דאָס איינציקע וואָס ער האָט אין יענער צייט געשאַפן. עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם און ביז היינט געדענק איך נאָך די שורה „עס קלינגט אין מיר דאָס ליד פון נהרות בבל״... אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער האָט דעם סאָנעטן־קראַנץ אַוועק־געשיקט צו דאָברושינען קיין מאָסקווע.

ער האָט זיך אין יענע טעג אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק איבערצוזעצן אויף יידיש „יעווגעני אָניעגין״ און ער האָט אפילו מיך געבעטן נישט איין מאָל אים אויפצוקלערן געוויסע רוסישע אויסדריקן פון דער פּאָעמע. אָבער ער האָט אפילו נישט באַוויזן אָנצוהייבן די דאָזיקע אַרבעט, ווייל דערווייל זענען די נאַציס אָנגעפאַלן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. די דייטשן זענען אַריין קיין ניעסוויעזש. אונדזערע צוזאַמענטרעפן זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל זעלטענערע און קירצערע.

דעם 30־טן אָקטאָבער 1941 (ט׳ חשון תש״ב) איז ער אַוועק — צו־זאַמען מיט 4000 ניעסוויעזשער יידן — צום גרוב, און מיטגענומען מיט זיך אויך זיין סאָנעטן־קראַנץ...

שלום כּאָליאַווסקי

עין־השופט, 1961

לידער און פּאעמעס

נ אַ כ ט

מיין שבת הייבט זיך אָן מיט נאַכט,
מיין שבת ענדיקט זיך מיט נאַכט.

נאַכט צו נאַכט —
מיין שבת איז אין גאַנצן נאַכט,
דעם גיהנומס שוועבל ליגט פאַרשטיינט,
דער רשע ליגט אין אַש און וויינט
אין שבת — נאַכט. —

אָ!
און ס׳רופט אַ קול פון עק ביז עק
און ס׳רופט אַ קול אין הוילער שרעק
„שבת!"

שבת — רו!
שבת — שטיל!
רוישט פאַרבאָרגן שטיל דאָס בלוט אין מיר.
שבת — נאַכט!

קוואַל אין נאַכט,
שוואַרצער קוואַל,
שרעק אין נאַכט —
ס׳איז שבת, שבת, שבת,
כף־הקלע, וויסטער פיין,
שטילער פיין
אין לאַנגער נאַכט.

ברודערל ווינט

די הימלישע טויערן זענען פאַרשלאָסן פאַר אונדז אַזוי בלינד,
מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן, אָ, ברודערל ווינט!

דו קלאָגסט אין מיין גייסט, ווי מיין גייסט קלאָגט אין דיר.
אָט אַזוי ווען דו לייגסט אים דעם רויך, וואָס ער שווימט איבער מיר
און דו ביסט דיין רויך אין מיין פייער, וואָס בייגט זיך און קנאַקט אַזוי טריב.
און כ׳ווייס, עס וועט רעגענען. שלאָפן יאָ וועלן מיר צוויי אַזוי ליב.
און חלומען לאַנג און חלומען ווייט און חלומען: גאָט שלאָפט אין צער פון דעם ווינט!

די הימלישע טויערן, ברודערל ווינט, אוי, מיר האָבן קיין הויז און קיין בעט,
מיר וווינען אין אַלע צעבראָכענע שויבן, מיר קרייזן אין אַלע פאַראיינזאַמטע הייכן,
עס יאָגט אונדז דאָס מזל אַרום פון דעם זומער ביז ווינטער שפעט.
נאָר מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן.
אַ שניי וועט אַראָפפאַלן, מיר וועלן זיך גליטשן אויף שניי;
און גרינג אונדזער טריט אויף דעם שניי, ווי די וואָנעס גאַנץ פרי,
אַ שניי וועט צעגיין און מיר וועלן די וואָלקנשע זיגלען נאָר שטויסן און שטויסן מיט ווייי.
דאָס וואַסערל רונצלען און דרייען דעם שטויב אויפן שליאַך.
אוי, ווי נישט גוט איז אונדז, ברודערל ווינט, אויף דער סטעפּיקער פלאַך.
מיר וועלן זיך יאָגן אַזוי אינאייינאַנדער און וועקן זיךביידע פון שלאָף,
און מאַניען די פורטקעס פון אונדזערע פענצטער אָן סוף.
און ביידע מיר וועלן אָט בייזערהייט שטיפן, זיך שטעכן מיט רעגן און שניי,
אַזוי ווי די הימלישע טויערן שווייגן נאָר, שווייגן אַזוי, ברודערל ווינט;
און ווייסן, מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן.

שטאַרבנדיקע דיכטער

דיינע ווייסע חלומות גוססן ווי די פלאַטער
אויף די אָנגעגליטע שטאַמען פון בין־השמשות.

אין דיינע פאַרטריקנטע ליפּן מורמלען שלעכטע נביאות
איבער דיין אויף די הענט איינגעשלאָפענעם קאָפּ.

אין דיין בלייכער גלאָריע האָט אָפּגעברענט
דיין געלעכטער אירע זילבערנע פליגלען.

בייזע גרויסע פליגן רוישן אין איר
די מאָנאָטאָניע פון דיין מרה־שחורה.

פאַרוואָס הילכן אָפּ דיינע שטילע טריט
און פאַרקייכן דעם בונטן רעש פון די גאַסן?

פאַרוואָס גליווערט דער עלנט פון הינטער דיין נאַקן
די פינגער־שפּיצן פון דיינע פיס?

דיין שמחה האָט אויסגעלאָשן ווי אַ מעטעאָר
אויף די טונקעלע פעלדער פון דיין דמיון.

און דער טרויער שטראַלט רויט איבער דיר
מיטן גאַנצן בלוט פון דיינע יסורים.

ווי פאַרלוירענע מיט דער יאוש־תּפילה,
ווי צוויי איינגעקנוילטע שפּינען אין דיינע אויגן!

דער וואַקס פון דיין לעבן שמעלצט זיך דיר אויס אין די הענט
אויף די טונקעלע טרעפּ פון דיינע מעמקים.

די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ איבער דיר ווי איבער אַ דאָרן
און דעקט צו די חרפּה פון דיין ווייטיק.

דיין מויל האָט דריי מאָל געקושט דעם חושך
מיטן קילן קוש פון טויט.

ליבע־לידער

1

אויף דער רויטער אויבערפלאַך פון די שטילע וואַסערן
פון מיין אומעט
איז אַרויסגעשווומען דיין דערטרונקענער
שוואַרץ־געלאָקטער קאָפּ.

פון אַלע זייטן ציען די בוימער אויס צו דיר זייערע הענט,
באַהאָנגען מיט שווערן גאָלד פון מיינע פּירות:
קום צו מיר!

קום צו מיר! איך וועל דיך אַרויסציען. פון דיין נאַסן קערפּער
וועלן וויינענדיקע טראָפּנס צוריקפאַלן אין דעם טייך פון מיין אומעט.

קום צו מיר! איז דיין נשמה אַ ווינט, וועלן מיר פון דיין אָטעם
אויף אַ פידל סטרונעס ציען.
איז דיין נשמה אַ קינד, וועלן מיר דיך, ווי אַ פייגעלע,
באַזעצן אונטער דער חופּה פון אַ גרינעם בלאַט אין די צווייגן.

נאָר דו ענטפערסט נישט.
די רינגען צעלויפן זיך איבער דעם שפּיגל
און צעשפּרייטן דיינע שוואַרצע האָר אויפן וואַסער.
דיין פּנים זע איך נישט: ער קוקט צום אָפּגרונט,
ער קוקט צום אָפּגרונט.

2

זומערן פֿאַרגייען אין די זיפֿצן פֿון זייער סוף,
שטילע האַרבסטן וויקלען אויף זייערע באַגינענס אויף די ווען. —
און דו שלאָפֿסט.
מירטן, טרויבן און אַלאָע־בלעטער,
ווילדע קלעטער־פֿלאַנצן קרייזלען זיך אַרום דיין שלאָפֿנדיקן קאָפּ.
אָבער איינמאָל —
האָסטו אין דעם בלויען שיין פֿון מיין ליבע
אויפֿגעמאַכט די אויגן.
צווישן די נאַכטיקע קוסטעס, אויף דער טונקעלער אָזערע
פֿון מיין אומעט,
האָט דורכגערוישט דער שוואָן
מיטן אויסגעצויגענעם האַלדז פֿון מיין בענקשאַפֿט.
און פֿייגל, ווי פֿליענדיקע היעראָגליפֿן,
האָבן מיינע געהיימע חלומות דיר געשוועבט איבערן קאָפּ.
אָ, זיי געגריסט!

3

און אַט האָסטו זיך אַ ריר געטאָן אין דעם טונקעלן ווינקל פֿון מיין האַרץ
און אָפּגעזיפֿצט.
אַ ווינט האָט דורכגעווייעט דורך מיין פֿענצטער
און עס קלינגען די קרישטאָלן אַרום מיינע פֿאַרלאָשענע לאָמפּן...
שלייך איך זיך צו צו דיין ווינקל
און נעם זיך בעטן ביי דיר דו זאָלסט אויפֿשטיין:
דיינע פֿאַרמאַכטע אויגן האָבן אויסגעבלייכט דאָס אומגליק אויף מיין פּנים.
אין דעם שיין פֿון טאָג, זע, שטיי איך איבער דיר,
גלייך אַ ליכט, וואָס שמעלצט זיך איבער אַ געשטאָרבענעם קאָפּ.
אָ, שטיי אויף!
נאָך דו ליגסט מיט פֿאַרחתמעטן גליק אויף די וויעס און שווייגסט.
מיינע חלומות איבער דיר — די גרינע בלעטער — וויגן.

אַ ווינטל האָט זיך אויסגעוויינט אויפן האַרץ פון אַ יאָדלע,
און דו זיפצסט אָפּ אויף דעם גאָלדענעם בעט פון מיין האַרץ.

4

אומדערבאַרעמדיקע!
ווייסע טעג גליטשן זיך אַראָפּ און שווימען אַוועק מיט די שוואַרצע טייכן
פון דער נאַכט

שעהן, מינוטן,
וואָס צעברעקלען זיך מיט בראַזג פון גלאָז אויף שטיקלעך...
און נאָר אויף איין רגע מיינער פאַלט אויס די טיפע פרייד
פון דיין באַפרוכפערונג,
פון מיליאָנען רגעס, וואָס פליען צו דיר און שטויסן זיך קאָנוווּלסיוו
צו דעם אוצר פון דיין טראַכט.
איין איינציקער אויגבליק טרינקט פון מיינע טייכן,
וואָס שפיגלען אָפּ די זיבן הימלען פון מיין לעבן;
און דאַן
בליט אויף אין טאָל דער עפּלבוים,
וואָס זיין שאָטן פאָכעט קיל איבער מיין שלאָף
מיט די ווונדער פון מיינע זיבעציק יאָר —
ווייל אין דעם בלויען שיין פון מיינע חלומות
אונטער דיינע צוגעשלאָסענע וויעס,
וואָס אין מיין האַרץ,
האָב איך אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן
און נאָר ווען דיינע ליפּן טוען אַ ציטער
דערוואַך איך.

שטיי אויף!

דער שפּיגל

...נאָר די געשליפענע גלאַנץ פון אַ שפיגל אין טיפער נאַכט,
דאָס איז אַ פענצטער אין כאַאָס פונאַנדערגעמאַכט.
טרערסט אים אַריין אַ געוויין, און ער ענטפערט געלעכטער דיר אָפּ.
לאַכסט אַריין אין אים, שאָקלט ער טרויעריק דיר מיטן קאָפּ.
יעדן טריט דיינעם צענעמט ער און דאָפּלט און כפלט אויף נאָך,
אויגן באַשאָפט ער אין נאַקן דיר צוויי, וואָס זיי קוקן דיר נאָך.
יעדער באַוועגונג דיין וואָלסטו, פאַרלוירן, געכאַפּט אויף צוריק,
און דו באַהאַלטסט זיך אין ווינקל — ער לויערט אויף דיר מיט אַ בליק.
זעסט, אַז ס'איז טאָג אין זיין טיפעניש דאָרט, און קיין טאָג איז עס נישט.
נאַכט איז קיין נאַכט נישט, אַ ליכטיקייט פלאַטערט פון אויבן צעמישט.
פלאַך איז אַ טיף, און די טיפעניש דאָרטן פאַרוואַנדלט אין פלאַך.
און אין פאַרשוויגנקייט גליווערט און רוט אין אים אַלץ, וואָס דו זעסט,
אין זיך עקשנות, אַ שטילקייט אַ שווערע, וואָס פרעסט;
דו אין דעם שפיגל פאַרשטומסט און עס ברענט אין דיר אויף אַ דעמאָן,
שרייסט, און דו ווייסט — דער געשריי איז נישט דיין, איז נישט דיין.
הייבסט אויף די האַנט אין דער לופטן און וואָלסט זיך אַ מעשה געטאָן.
לייגסטו דעם פנים צו אים און דו ווילסט אַ געאייניקטער זיין.
הויכסטו אַרויף אויף דעם גלאָז און פאַרלוירן שטייסטו פאַר אַ וואַנט,
ווייסטו, אַז ער וואַכט און נאָך אויסגעשטרעקט האַלט ער די האַנט.
און אָט דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט אַנטקעגן פון שפיגל דעם גרויל,
בעת מען פאַרהענגט אים מיט טוך מיט אַ שוואַרצער פון וואָל,
בעת אויף דער ערד ליגט דער מת מיט פאַרדעקטן געזיכט,
און אַרום אים, אין דער לענג, ברענען געל און עס שמעלצן זיך ליכט.
דעמאָלט דערפילסטו — עס איז נישט קיין גלאָז, נאָר אַן אויג וואָס סע וואַכט,
וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט איצט זיינע וויעס און חלומט זיין נאַכט.
ווייסט, אַז דו שטרעקסט נאָר אַ האַנט אויס און ציסט אָפּ די קרעפּ פון דער ראָם,
ווערסטו דערזען אָט דאָס, וואָס פאַרבלייכט דיך, און סמט דיך ווי סם:

די גאַנצע מלחמה פון גוסס, זיין קאַמף מיטן מלאך פון טויט,
זעען דעם חלף, זיין בליץ פאַר זיין שכורן טרונק פונעם רויטס.
און ווי עס קניט נאָך דער נפטר, ער כאַפּט זיך אָן מעסער און קניט,
און ער דריקט־צו צו די אַקסלען זיין קאָפּ צו פאַרמיידן דעם שניט...
און אַ געשריי פון דער שטיל וועט זיך הייבן, וועט מאַכן דיך טויב,
און וועט פאַרוואָגלען דעם שלאָף פון דיין אויג און דיך מאַכן פאַר רויב
פון משוגעת און פון ווייטיק... ווייל וואָס ס'איז געשטאָרבן אויף דר'ערד,
איז נאָך אין שפּיגל נישט טויט, און עס בליצט נאָך דער בליץ פון דער שווערד,
אפילו זי רוט שוין פון לאַנג איינגעשלאָפן, באַרויקט אין שייד —
אויבערשטער גלאַנץ פונעם שפּיגל, ער נאַרט דיך כלומרשט מיט פרייד.
פינקלט און לאַכט דיר, פאַרפּילפּאַכט די צאָל פון די געסט.
גלעזערנע כלים פאַרמערטער, באַרייכט דיר מיט זילבער ביים פעסט.
לאָמפּן צעצינדט ער אַנטקעגן, און כפלט און פרוכפּערט די שיין.
חנט מיט אַ גלאַנץ דיר די פלעשער, און פורפורט מיט שקיע דעם וויין, — — —
אָבער בלייב שטיין אַ מינוט נאָר, אַנטקעגן דעם גלאָז בלייב נאָר שטיין,
ס'וואָרט, וואָס אַרויסרעדן ווילסטו, בלייבט שטיין דיר אין האַלדז ווי אַ ביין,
ענדיקסט דאָס וואָרט נישט, דיין אויג הערט אויף לאַכן, און שטום ווערסטו, שטום;
קוקסט אין דער טיף און אויף זיך, און דו קוקסט אויף די מענטשן אַרום.
פילסט אַז זיי שווייגן, זיי שווייגן כאָטש הויך איז דער ליאַרעם אין הויז,
פילסט, אַז אַ דמיון די טומלעניש איז, אַ פאַרבלענדעניש בלויז.
קוקסט אויף די אויגן, וואָס ברענען ווי שטורקאַצן אין דיין געזיכט,
אַלצדינג באַנעמסטו, אין פינצטערן זאָל צינדן אָן זיך צוויי ליכט,
ברענען זיי איבער דיין קאָפּ, און דו קוקסט אויף דעם גלאָז,
שטייגט דיר אין טונקלקייט אויף יעדער זין און דער וועג אין כאַאָס.

יעדע נאַכט

יעדע נאַכט פּונקט אין חצות
פֿאַלט איין ביי מיר דער סופיט,
צעברעכט זיך ווי שטיקלעך גלאָז.

אותיות פֿאַרקיילעכדיקט שטום —
באַשריבענער אומעט אויף ווענט,
וויקלען מיין האַלדז זיך אַרום.

ביז דער באַגינען קומט צוריק,
גראַטעס פֿאַרבלוטיקטע שטייען,
ווערגט מיך דאָס גלאָז און די שטריק.

קלאַנגען ווי זעלנערשע טריט —
באַהעפּט זיך אַ שטיק מיט שטיק,
און ס׳שטעלט זיך צונויף דער סופיט.

ליגט ער אַ גאַנצן טאָג וואַך,
קוקט ווי אַ געבעלמעטער אויג,
און וואַרט אָפּ געדולדיק די נאַכט.

יידישע מאָטיוון

1

ראָמאַנס פון אַ מיידל

סאַמע שפּיץ די טרעפּ געדרייטע
ווו די פייגל און די שדים
בריקען, סודען זיך אין קראָקוועס,
וווינט אַ בחור אויפן בוידעם.

סאַמע ביי די שטיגן אונטן
ווייסט זיך אונדזער טיר. די מומע
ציטערט בייז אויף, ווען זי סקריפּעט
און זי קוקט מיט אויגן קרומע.

קומט די נאַכט, ווען די חלומות
שווימען שטילע דורך די בלוטן,
הייבט ער אָן אַרומצוּלויפן,
און ער לאָזט קיין אויג נישט צוטון.

אָט אַראָפּ און אָט אַרויף שווין,
אונטערפייפנדיק אַ ניגון,
גלייך ווי רוחות אין שגעון
טרייבן וואַלט אים אויף די שטיגן.

איינמאָל מוז איך עס אים זאָגן:
בעסטער פריינד — אַזוי נאָר אָפן,
ס׳קאָסט אייער קאַפּריז מיר טייער —
כ׳קאָן אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן.

נאָר די נאַכט, נאָר ווי ס'וואָלט פלוצלינג
זיך אַ מאַנדלבוים צעבליט מיר.
האָב איך שטיל מיט בלייכע פינגער
אויסגעפּויקט אַ ליד מיר:

ווען איך מאַך נאָר צו די אויגן
פון די טרעפּ אים לויפן הער איך,
לויף איך אים געשווינד אַנטקעגן
נאָר ביים טיר פאַרגליווערט ווער איך.

שוין אַראָפּ און שוין אַנטלאָפן,
דאָך מיין טיר שטייט אַלץ נאָך אָפן.
וואָזשע נאָך די פורטקעס וואַרטן
מיט אַ קאַנט אַזאַ אַ שאַרפן?

גייט ער צריק, וועל איך אים טרויען,
גייט ער צריק וועל איך אים זאָגן:
ס'דינט דער אויער מער דעם קרוג נישט —
כ'קאָן שוין מער מיין פיין נישט טראָגן.

נאָך זיין בליק איז ווי אַ קאָץ שאַרף
און מיין האַרץ דורך חושך זעט ער;
זע, ער בייגט צו מיר זיין קאָפּ שוין,
ביי דער וואַנט אין שאָטן שטייט ער.

האָניק טריפן זיינע ליפּן
און ער ציט זיין האַנט אויס — שלום.
„שיינע פריינדין, צו די וואָלקן
וואַקסט מיין האַרץ אויף אייער חלום!"

ציטערט טיף אין מיר אַ פויגל,
שרעקט זיך פאַר זיין פּנים בלאַסן,
ס׳שרעקט דאָס גליק זיך אין מיין האַרצן,
און איך ענטפער אים געלאַסן.

פליגל פאַר אַ נעסט דערפרייען,
פליגל פאַר אַ נעסט דערשרעקן.
ווער ביסטו אין נעסט פון נאַכט מיין
מיך געקומען אויפצוועקן ?

אין מיין שמחה וווינט דער חלום,
וואָס דורך טויזנט דורות שלייכט ער,
זע, אין טיפן אויג מיין ברענען
נאָך די שבתדיקע לייכטער.

און דיין מויל שיט ריינע פערל,
אין דיין אויג מנורות טרוימען,
היט מיך אויף דעם בעט דיין חלומס,
כ׳בין אַ קיילכיקע יתומה.

זאָגט ער שטיל: עס היט דיין ליכט דיך
הייליק ריין פון גורל שוואַרצן —
לאָז איין האַנט אויף קאָפּ דיר האַלטן
און די צווייטע אויפן האַרצן.

2

ראָמאַנס פון אַ ייִנגל

לויטערקייט פון מיינע מאָרגנס
הענגט אויף דיינע ברעמען — אויגן.
און מיין גליק האָסט אויסגערופן
איידער כ׳מאַך נאָך אויף די אויגן.

אַלע טונקעלע חלומות
פּונקט ווי זייפנבלאָזן פּלאַצן;
נאָך דיין הילכיקן געלעכטער
גייט די גאַנצע וועלט מיט טאַנצן.

רעד איך שטיל אַרויס דיין נאָמען
פיל איך ווי אַ ווינט, געפלויגן,
קומט פון די ציטרינען־וועלדער
און ער קושט מיך אין די אויגן.

מרים! מרים! נאָך דיין טאַצן
קלונג צעווישן דינע פליייטן
לויפט אַ שטראָמיקער דער סלע
שפּע אין אַ מדבר שפּרייטן.

און איך, איך בין מיד און דאָרשטיק,
און אַ רויז אַ בלוט צעבליטע
חלשט טויט אין מיין געהירן,
פון דער מדבר־זון צעגליטע.

אויפבלי איבער מיר אַ לינדע
און אַ נחת־ווינט זאָל וויגן
אירע שמעקענדיקע בלעטער —
ווען איך אין איר שאָטן ליגן.

אויף אַ לאַנקע־שטעגל, פרילינג...
הערט מיין האַרץ די קנאָפּסן פּלאַצן.
לאכט מיין מיידל, אין איר לאַכן
קלינגלט מרים מיט די טאַצן.

לאַך, אַ מיידל, ביי די טויבן
דיין געלעכטער האָסט געליגן, —
אין דער לופטן מיין נשמה
שטיל און גליקלעך טוט זיך וויגן.

שמעקן דיינע האָר אין בשמים,
שלאָפט מיין מויל אין זייער ריח.
ליבסטער, קוש שוין מער מיין קאָפּ נישט,
ס׳גייט דיין האַרץ דיר אויס פון כוח.

— אַז דיין קאָפּ נאָר אויף מיין בוזים,
ליגן אויף מיין ברוסט טוט בענקען, —
זאָרג נישט אויב מיין האַרץ וועט אויסגיין
שיכור אויף דיין קאָפּ פאַרקרענקען, —

וועל איך אייביק בלייבן קניען
פאַר דיין האַרץ מיט שטילע זאָקן,
וויגנדיק מיין טיפן חלום,
ווי דער קלאַנג פון טיפע גלאָקן.

טיפע גלאָקן וואַנדלען, אָוונט.
ס'פּאַלט די נאַכט אויף וועלט אַ שטילע.
לעצטע קלאַנגען פון די נעסטן,
פון די שפּעטסטע בעלי תּפילה.

דוכט מיר, כ'זע די גלאָקן וואַנדלען,
גיין פון ווייט אין לאַנגע קליידער.
— כ'בעט דיך, זאָג מיר, אַז דו ליבסט מיך,
ס'וויינט אין מיר מיין פרייד כסדר.

— כ'האָב דיך ליב, אָ דו מיין יינגל,
ביסט אַ שיינער, איינגעזויגן,
עדן־ליכט — דיין גייסט צו מיר קומט
קניען מיט פאַרמאַכטע אויגן.

כ'האָב דיך ליב, עס האָט מיין ליבע
מיך דערוווסט — מיין לעבן בליט מיר —
...ס'איז מיין לעבן גרויס און איינס נאָר —
זינג זשע אויס דאָס גרעסטע ליד מיר!

— שווייגט דאָס ליד, ווען פול די פרייד איז,
ס'שוימט דער ווין דעם כוס אַריבער.
זעסט, איך קוש דיך, הער דעם ניגון —
ס'איז דאָס ליד פון אַלע לידער.

כ'קוש דיך נאָך, אָט ווי די שטערן
ווייכע שאָטנס פאַר אונדז ליגן;
טיפער חלום... ס'פּאַלט מיין לעבן
אין דיין כוס ווי אַ טראָפּן רעגן...

לאָמזשע, 1923

נאָנעס

1

אונדזער לעבן זשאַווערט זיך אויס אויפן אייזן
פון די טויטע שלעסער אויף אונדזערע קלויסטערס.

גרופּנווייז שטייען מיר אַרום דעם רויטן נר־תמיד
און מיר היטן אָפּ דאָס גוססע פייער פון אונדזער בתולהשאַפט.

קניענדיקע, שטילע וואַקסן מיר, ווי די יאָדלעס,
מיט די באַצלמטע הענט אויפן האַרצן.

דער הונגער פון אונדזער שויס האָט אויסגעדאַרט אונדזערע קניען
און אונדזערע ווייס אַראָפּגעצויגן איבער די אַפּלען.

נאַכטיקע שטערן קרייציקן אונדז מיט נעגל צו די בעטן
אַנטקעגן דעם צלם, וואָס שטייט אונדז צוקאָפּנס.

דער צלם ציט אויס די הענט און די פיס איבער אונדזערע חלומות
און זיין וווּנדן־אייטער שטילט דעם דורשט פון אונדזער שויס.

דאָס ליכט פון די אַלטאַרן האָט אויסגעבלייכט אונדזער פּנים
און מיר וויגן זיך ווי די ליליעס אויף אונדזערע אייגענע קברים.

2

פאַר וועמענס אויגן בליען מיר,
אַז אונדזערע גערטנער זענען אַרומגעצוימט מיט שטיינער?

אַזוי ווי די פאַרשניטענע, צעפּאַלנדיקע רויזן אין די נעכט,
וואַרפן מיר פון זיך יעדע נאַכט אַראָפּ די קליידער.

אין אַ גלייכער שורה צייטיקן די טעג אונדזערע פּנימער,
אַזוי ווי די פּירות אין אונדזערע איינזאַמע פּאַרקן.

שמייכלענדיקע גייען מיר אויף אין דער זון פון די שפּעט־זומערן
און מיר שרומפּן איין אויף דיביימער אין אונדזערע האַרבסטן.

קיינעמס געלעגער זעטיקן מיר בישט,
דער שאָרך פון אונדזערע קליידער זינגט נישט אין קיינעמס חלומות.

אַזוי ווי ווערבעס אַרום אַ טונקעלן קוואַל,
קוקן מיר אייביק אַראָפּ אין אונדזער אומעט.

אונדזערע שעהן פּאַלן אָפּ אין אים שטילע, ווי די בלעטער,
און ער טראָגט זיי אַוועק אין די אייביקייטן — סלה.

3

יעדער וועג האַקט זיך אָפּ פאַר אונדז אין מיטן
מיט די אויסגעשפּרייטע אָרעמס פון צלם.

נאָר מיר גייען צו אים מיט געשלאָסענע אויגן,
ווייל ער ווױנט אין אונדזערע אַפּלען.

אין אָוונט שעפּטשען גליקלעך אונדזערע ליפּן
איבער זיין לייב אין אונדזערע באַהאָפּטענע הענט...

מיר פאַרשטעלן זיך די אויגן פון זיסער חרפּה,
בעת ער נידערט אַראָפּ צו אונדז אין די פאַרנאַכטן פון קרייץ.

און באַזונדער, ווי זיסע שפייז, טראָגן מיר אים אַוועק אין די חדרים
און מיר מאַכן אים לעבן אין דעם קטורת פון אונדזערע חלומות.

אָבער פאַרטאָג קניען מיר אונטער די רויטע לאָמפּן
און אונדזערע נעכט אָן שלאָף קאָרטשען זיך אים צופוסנס.

עס שרומפּן אונדזערע וויינענדיקע געזיכטער אַנטקעגן זיין אויסגעטריקנט לייב
און אונדזערע טרערן בליען רויט אַנטקעגן זיינע ווונדן.

4

כּלות זענען מיר און יונגע פרויען נאָך דער חופּה־נאַכט;
ציטערנדיק זויגט איינע דער אַנדערער די ליפּן.

שעמעוודיק זענען די ברעמען פון אונדזערע פרימאָרגנס;
די שוואַרצע טירן פון אונדזערע חדרים עפענען זיך שווייגנדיק.

און מיר באַווייזן זיך אין זיי שטילע, מיט געזילבערטע אויגן
און אַזוי ווי זילבער־געפעס איז געוויקלט אונדזער לייב.

קלינגען זילבערן אונדזערע שטימען, בעת אונדזערע תּפילות,
מיטן קלאַנג פון אונדזער באַשערטן,

דעם וואָס מיר באַהאַלטן פון אונדזערע אויגן
אין דעם שאָטן פון אונדזערע פאַרהילטע בריסטן.

דעריבער בענקען מיר צו אונדזערע חדרים,
ווי ער גלאַנצט געהיים אין דעם שאָטן פון געוועלבן.

די באַקרעלטע פינגער ציען מיר אויס איבערן האַרצן
און זיי זעטיקן אונדזערע באַגערן — —

5

אַנטקעגן דעם אָרגל־געשריי בינדן מיר אין די באַגינענס די הענט און די פיס,
אויף אונדזערע קייטן הענגען צלמים.

די ליכט פון די אַלטאַרן לעשן אויס די שטערנס פון אונדזערע פאַרטאָגן,
נאָך איידער דער מאָרגן בלויט אין די טיפע פענצטער.

אַנטקעגן אונדזערע שאָטנס אויף די קלויסטער־ווענט
צלמען אונדזערע דערשראָקענע ליפּן אונדזערע נאַכטיקע רעיונות.

אונדזערע זקנות טראָגן זייערע קעפּ,
פּונקט ווי פאַרלאָשענע ליכט אונדז פאַר די אויגן.

אַזוי ווי פליגן זינגען מיר מאָנאָטאָן אונדזער ווידוי,
אונטער זייערע האָריקע הענט אין די ווינקלען.

שוואַרצע צלמים, אַזוי ווי מצבות,
הענגען מיר אויף אויף אונדזערע שויסן.

און אַזוי ווי יאָדלעס וויגן מיר זיך
און מיר זאָגן תּפילות איבער אונדזערע צוגעדעקטע קעפּ.

6

גלייך ווי שוואַרצע שרייענדיקע פייגל רייסן זיך אַרויף אונדזערע הללויהס, —
עס איז דער ווייטיק פון אַ געווינערין —

בעת דער רויך פֿון די קטורת־לאָמפּן
פֿאַרציט דעם חלום איבער אונדזערע אַפּלען.

וואָס רופֿן אַזוי די אָרגל־פֿלייטן,
גלייך די פֿלייטן פֿון די פּאַסטעכער אין גליל,

בעת דורך די אָפֿענע טירן גלעטן די רויטע פֿינגער פֿון אַ שקיעה
אונדזערע נאַקעטע קניען אויף דער בראָכשטול?

ווייכע וואָל טוליען שעפּסעלעך
צו אונדזער אויפֿגעקוואָלט, בלוטיק לייב.

אונדזערע אָרעמס פֿאַלן קניענדיק אַראָפּ צו אונדזער טראַכט,
ווו דער ניי־געבוירענער פֿאַלט, ווי אַ ווייסע פּרי פֿון געבלעטער.

אַ שטערן ברענט איבער אונדזערע קעפּ,
ער איז אויפֿגעגאַנגען אין אונדזער בלוט — זאָל ער זיין געלויבט.

7

מאַכט ליכטיק אין אונדזערע פֿולע שפּייכלערס!
גלייך ווי שווילנדיקע טייטלען טריפֿן מיר אַראָפּ פֿון די ווענט.

תרומה־קאַמערן זענען אונדזערע חדרים,
איבערצייטיקטע הענגען אונדזערע אָרעמס פֿון די בעטן.

מיר זענען דאָס מעשר פֿון דער וועלט,
אַזוי ווי בכורים פֿאַרשניידט מען אונדז זינגענדיק.

הללויה דעם כהן, וואָס אין די נעכט קומט ער צוגיין
און ער טרינקט דעם זאַפט פון אונדזערע לאָגלען.

אַ קעניג איז ער, אין רויטן פּורפּור איז ער אָנגעקליידט,
און פון זיינע ליפּן טריפט דער ווין אויף אונדזער געלעגער.

זאָל ער עסן און זאַט ווערן, זאָל ער טרינקען —
אַזוי ווי כוסות שיכורע ווען מיר פלאַטערן איבער זיין מויל.

וואָרעם אין די טעג וואַרטן מיר אויף דער נאַכט פון אונדזער חתונה,
ווען אונדזערע ליידיקע בעכער פלאַצן אונטער זיין חופּה־טראַט, הללויה!

8

הללויה, טויטע שוועסטער, וואָס מיר האָבן מיט די קליינע תהילימס
אָפּגעפּירט צווישן די קוסטעס אין אונדזערע פּאַרקן!

בשעת מיר מישן ווידער אייערע בלעטער אין אונדזערע תפילות
שוועבן אייערע ווייסע הענט איבער אונדזערע קעפּ...

פּאַרוואָס זיפצט איר, שוועסטער, אין די הייליקע האַלבע נעכט,
ווען עס רעדן פון היץ די ליפּן פון די שלאָפנדיקע גלאָקן? —

אייער קלייד איז ווייס ווי שניי
און עס ציטערט נישט־אויף אייער לייב, ווען איר רירט אָן די ברעגעס.

די ווינטן פון פרילינג אָטעמען שוין נישט מיט תאווה אין זייערע באַהעלטענישן;
זיי וויקלען זיך נישט אַרום אייערע פיס, בעת איר גייט דורך צווישן די קוסטעס.

עס האָבן אייך געלאָזט אַליין אייערע דורות אין דעם טאָג פון יאָמער;
ווי די איינזאַמע ווילדע געגנדז פֿאַרפֿליט איר שרייענדיק אין אייערע האַרבסטן.

נאָר איר באַווייזט זיך ווידער אין דעם סוף פון אונדזערע חלומות, פֿאַרטאָג,
ווען אונדזער בלוט גילדט אָפּ אונדזערע זילבערנע קרייצן — הללויה!

9

די וואַרפסט אַרויף דיין שלייער אויף אונדזערע בעטן
אין דעם טאָג פון אונדזער פֿאַרקנסונג, אָ, דערלייזער!

ווען אַנטקעגן דער רויטער שקיעה אין אונדזערע פענצטער
דערברענט דיין קוש אונדז די היץ פון די באַקן.

דאָס איז אונדזער ווידוי, דאָס גליק פון אונדזערע ליפּן,
דער לעצטער וויין־טרונק פון אונדזער שוידער.

וואָרעם אויף די גלייכע שטעגן פירט אונדזער לעבן צו דיר,
אין די קברים לייגן מיר זיך ביסלעכווייז.

דעם וועג צו זיי ווייזן אונדז אונדזערע שאָטנס,
וואָס ליגן אויף דער ערד פאַר אונדז אין די אַלעען.

די ברכה יובלט אויף אין אונדזער לעצטן צאַפּל,
ווי צעבראָכן גלאָז שטאַרבט מיט אַ דינעם קלאַנג אונדזער לעבן.

די חופה פלאַטערט איבער אונדזער קאָפּ.
פיר אונדז אַוועק אין דיין היים — אמן!

פאַרן געעפנטן אויג אין דער נאַכט

פאַרן געעפנטן אויג אין דער נאַכט —
די שאַפע, דער דיוואַן, דער טיש —
ווי אַ קוואַל פליסט דער שימער פון שויב
און ס׳וואַשט זיך אַ שטול זיינע פעדערשטע פיס
(אַ האַנטעך הענגט גרייט),
אַ זייגער זאָגט פרום למנצח —
שלאָפלאָז איז דער טואַלעט
(אַ שטערן פאַרשטאָכן אין גלעזערנעם לייב),
און ס׳שמייכלט געהיים אַן אַלטער פאָרטרעט —
מיין אויג מאַכט זיך צו,
און מיין מויל פליסטערט, פליסטערט קוים:
די שאַפע, דער דיוואַן, דער שפיגל, דאָס בעט,
ניין, ס׳איז נאָך נישט שפעט,
עס איז נאָך נישט שפעט.

צו קיינעם נישט

אַזוי ווי אַ חיה באַהאַלט איך מיך מיט מיין ברויט,
וואָס דו רייסט מיר אַרויס פון די הענט.
איך טייל זיך מיט דיר
מיט מיין בעט,
מיט מיין פרוי,
מיט מיין קינד,
וואָס דו באַוואָפנסט מיט שטייגער קעגן מיר.
דו וואַרפסט מיך אום אויפן וועג,
בשעת איך גיי צו דיר...
צו אַ געשליידערטן שטיין,
וואָס וויינט דורך דער לופט,
איז געגליכן מיין לעבן, וואָס איז אַ שרעק פאַר לייט
און מיר אַליין...

הימן צום שוואַרצן ליכט

אַ, בליענדע, שווייגנדע, טיפע און שוואַרצע פאַרכישופטע נעכט,
און פלאַפּלענדע נעכט, ווי די מיידלעך, מיט בלויע צעלאָזענע פלעכט,
און נעכט, ווי די מורמלענדע, מיט ווייסע פאַרשרומפּטע געהירן,
וואָס נעמען דיך אָן פאַר אַ האַנט און זיי נעמען דיך פירן,
פירן און פירן דיך ערגעץ צעווישן די שטעלער און שטאַר־בלינדע פלויטן,
און ס'בייסן די טריט דיר די בלאָטעס און זייערע שמוציקע צויטן —
און פלוצלינג — דו רייסט אויס פון זיי דיינע הענט און הייבסט אָן צו שרייען.
עס שטייען די האָר דיר, ווי טשוועקעס אין שאַרבן, צעגליט ווי פייער,
און ס'טראָגן דיך אונטערגעבראָכענע פיס צו דיין היים מיט אַ צאַפּל.
דו לויפסט קוים אַרויף אויף די שטיגן — און קאָנסט זיך די טיר נישט דערטאַפּן.

זענען זיי זיבן די נעכט פון דער וואָך, פון דער וואָך דער געבענטשטער,
געגעבן פון הימל אין זיבן, אַנטקעגן די זיבן מזלות.
ברענען זיי פרייטיק־צו־נאַכטס מיטן חסד פון הייליקן בענטשליכט,
און שבת־צונאַכטס מיטן פלאַם פון דערשראָקענע רויטע הבדלות.
און זונטיק בייטאָג, אין אַ ווינקל פון קלויז, קעגן פענצטער, אין טאָפּ,
אַ האַלבע באַגראָבן אין זאַמד, שטייט אַ ברענענדע ליכט אָן אַ קאָפּ,
אַ ברענענדע ליכט אָן אַ קאָפּ, באַוואָרט פון אַ ציטריקער האַנט,
פאַרלוירן דעם פלאַם אין דער זון און עס שאָטנט דער קנויט אויף דער וואַנט.

יאָרצייטליכט, וועלכע פאַרלירן אין טאָג און אין זון זייער פלאַם,
ברענען ביינאַכט מיט אַ גוואַלטיקער שיין, און זיי צינדן דעם ים
פון דער פינצטערער וועלט, אַזוי ווי אַ בלינדע, רויטע לבנה;
זיי וועקן דיך אויף פון דיין דרימלענדער וועלט, און באַלייכטן דיין פנים
מיט יענער פאַרבלאָנדזשעטער ליכט פון די ווייטע, פאַרהוילענע ספערן,
וואָס פליט מיט אַ שטילן געשריי אויף דער ערד פון פאַרלאָשענע שטערן.
יאָרצייטליכט, וועלכע שוין זענען פאַרלאָשן געוואָרן פון לאַנג,
פליען נאָך גאַנצענע יובלות אַרום מיט אַ סומנע געזאַנג.

ווי זשומענדע בינען, אין טיפן פאַרוואַקסענעם וואַלד פון דיין שלאָף,
יוו דו בלאָנדזשעסט אום אין די נעכט, ווי אַ בלינדע פאַרלוירענע שאָף.

זענען פאַרשידנערליי אַט די דאַזיקע נעכט פון דער וואָך:
למשל, וואָס ליגן פאַרטייעט, ווי שטיינער, פאַרוואַקסן מיט מאָך,
ווי אַ טאָל מיט אַ שרעקלעכער טשערעדע שעפּסן מיט פעך־שוואַרצן וואָל;
פאַרטויבן דעם קלאַנג פון דיין אויער און שטיקן אין האַלדז דיר דעם קול,
וואַליען זיך שווער ווי אַ כמאַרע, און לייגן זיך, קריכן אַראָפּ,
און שטייגן דערנאָך אַזוי שווערלייביק אויף צום פאַרנעפּלטן קאָפּ,
אָטעמען סאַפּנדיק נאָנט ביי דיין מויל, און דער אָטעם איז זיס,
פאַרציען מיט רויך דיינע אַפּלען, דו קענסט נישט דערשטיין אויף די פיס,
און ס׳מאָטערט דער דורשט דיר דעם גומען, און האַלטנדיק קאָפּ אויסגעצויגן,
טרינקסטו דעם טרונק, וואָס איז סם פאַר דיין מויל און רויך פאַר די אויגן.

אין אָט אַזאַ נאַכט הייבט זיך אויף די פאַרשאָלטענע געטין עשתורת
פון אַלטע פאַרשטויבטע פאָליאַנטן מיט געלע געציקטע הערות,
און לאָזט זיך אַרומטראָגן אין די פאַרמאָטערטע בלויע דמיונות
אין שלאָף פון אַסקעטישע סופרים, אַלטע מקדשים זיך וואַקלען.
פאַר אַלע געהייליקטע ערטער, פאַר אַלע געזאַלבטע ארונות
צעווייעט זי פּורפּורנע, הויכע און בליענדיק־ברענענדע פאַקלען,
וואָס לייכטן, באַלייכטן די קישנס פון איר אויפגעגאַנגענעם לייב.
טיגריסן, קעץ און פאַנטערעס צעווייענען זיך דולע פון לוסט
צו שאָטנדיקער טיף פון איר שויס, אירע אָרעמס און ברוסט,
און שיקן אין ווילדער התלהבות אַ ברענענדע תפילה צום ווייב.

אַזעלכע נעכט זענען עלול צו לעשן אין מענטש דעם פאַרשטאַנד,
און אָנצינדן דאָרטן אַ כישוף־לאָמטער אין אַ רויטלעכער האַנט.
וויזט זיך אים פּלוצלינג די דאָזיקע באַלויכטענע האַנט אין זיין הויז,
און ער הויבט זיך אויף פון זיין טיש, פון זיין בעט און וואַנדערט אַרויס,
לאָזט איבער זיין ווייב און זיין קינד און דאָס הייליקע בילד אויפן וואַנט, —
צי אויפן וועג פון דער תאווה, צי גאָר מיט אַ מעסער אין האַנט;
אָדער פאַרנאַרט דורך אַ כנופיה, וואָס פראַוועט אַ חתונה־מאָל

אין אַ שטאַל, אין אַ חורבה, צי ערגעץ ווו אין אַ פאַרשאָלטענעם טאָל, —
און שפּעטער געפינען די שכנים אין פעלד אויף אַ צווייג זיין געביין,
און אַרום אים רעדט דער ווינט אויף אַ שפּראַך, וואָס מען קאָן נישט פאַרשטיין.

אָ, רוישיקע, פינצטערע, שוימיקע, שוואַרצע, מטורפע נעכט!
ווי שיכורע הייסע מולאטינס באַלאַגערט איר פענצטער און טירן:
איר רייסט זיך אַריין אין מיין חדר און וויקלט מיך איין אין די פלעכט,
פאַרטומלט מיין קאָפּ מיט אַזיאַטישע בשמים, מיט שווייס און מיט מירע...
און גיסט זיך מיט בלוטן פון כלי צו כלי, אַנטקעגן דער שיין
פון אַ ווילדן און רוצחישן בלינדן פאַרשטאַנד, אַזוי ווי מיט וויין.
דאָס בענטשט איר דעם מערדער, וואָס לייגט אויפן קרבן, ווי אַ כוהן, זיין האַנט!
דערנאָך גראָבט איר אויס, ווי די היענעס, פון קבר זיין גופישע שאַנד,
און שלעפּט אים צו תפיסה און שייטער, צעמישנדיק אומרעכט מיט רעכט —
אָ, טומלענדע, פינצטערע, שוימיקע שוואַרצע און זינלאָזע נעכט!

— — — — — — — — — — — —

און ס'זענען פאַראַנען פאַרבלייכטע און קילע, דערשראָקענע נעכט,
ווען ס'זענען די שאָטנס נישט פינצטער, נאָר גרוי, מיט אַ פּנים אַ שלעכטס
און אַ בלוטלאָז, זיי הויבן זיך וואַקלענדיק אויף פונעם ליידיקן מאַרק,
און זוכן און נישטערן אום מיט אַ דאַרן געבויגענעם קאַרק,
און ענדלעך באַהאַלטן זיי זיך אין די הייף, צווישן שמאַטעס און קויט.
דאַן שאַרט זיך דער מלאך־המות פאַרשטעלט ביי די ווענט און ביים פּלויט.
ער גייט ווי אַ ליבלעכער רופא און רירט אָן אַ טיר נאָך אַ טיר,
די ברוינע קאַפּטורע פאַרשטעלט אים די אויגן און באַהאַלט אים די שווערד...
נאָר הינט, וואָס באַגרייפן זיין גרויל, און פאַרבויגן די מאַרדעס צו ד'ערד,
באַוויַען זיי לאַנג אויסגעצויגן מיט יאָמער זיין יעטוועדן ריר.

הינט־בילעריי אין דער נאַכט, איז אַ סימן — דער טויט איז אין שטאָט.
ער קומט מיט פאַרשידענע וועגן און אַלעריי פאָרמען צו גיין.

קומט ער צו גיין אַמאָל נאָר אין אַ קינדיש־באַנאַכטיק געוויין,
און אַמאָל אין אַ ליבע און גוטע, אומגליקלעכע פריינדלעכע ראַט.
הינט־בילעריי, זאָגט מען, תמיד באַגלייט יעדע חתונה־פרייד,
ווו ס׳כיקעט דער טויט אין באַסישן בויך, אין געשריי פון דער פלייט,
און שפעט אין דער נאַכט פאַר אַ ברית, ווען ער הענגט אויפן לאָדן,
וו׳אַ ווינט —
וועקן זיי, וועקן די שמירה, באַשירעמען, היטן דאָס קינד...
פאַרהוילן פאַר מענטשלעכן בליק, קאָנען זאַכן זיין אָפן און פריי
פאַר די הינט, געטריי און באַשירמענד אין הינט־בילעריי.

און נעכט זענען דאָ, ווען עס שוויגן די הינט, ווי דערשראָקענע פּי,
איינגעקנוילט פונקט ווי די ווערים, ליגן זיי ביז אין דער פרי.
אַ מאָדנע, אַ ציטריקע שטילקייט, זי הענגט אויף אַ שינדל פון דאַך,
אַביימל זיך טוליעט און מורמלט דערשראָקן: מ׳עט מוזן זיין וואַך!
אין טייכל פאַרלעשט זיך אַ שטערן, רייסט איבער זיין גאָלדענע נעץ.
אַ האָן טוט אַ פּאַך מיט די פליגל און קרעכצט מיט אַ הייזעריקן קריי —
און פלוצלינג, אַ ווינטל פליט דורך און עס גיט דיר אַ לאָדן אַ זעץ
מיט אַ בריאַזג פון צעבראָכענעם גלאָז און אַ הילכיק היסטעריש געשריי
פון אַ מאַמישן האַלדז און אַ פּיצעלע שרייענדיק קינד אין אַ וויג,
און שפעטער זיך וואַרפן די בליצן אויף גלעזערנע, וויריקע שטריק.

דונערן קוילערן זיך און זיי פּלאַצן ביז שפעט אין דער נאַכט,
דוכט זיך דיר טיילמאָל, מען פאָרט מיט אַ וואָגן און טיילמאָל מען לאַכט,
און טיילמאָל — מען קנאַלט מיט אַ בייטש, אַ טאָפּטשען אויף בלעך מיט
די פיס,
אַ קריצן פון ציין און אַ קלאַפּ פון אַ ריזיקער פויסט אָן אַ טיש.
זיי רוקן זיך אָפּ פון דער ווייט, און עס דוכט זיך דיר אויס, אַז אַ האַנט
איז ערגעץ משוגע גאָר מיט אַ באַנדורע געוואָרן ביינאַנד;
דערנענטערן זיך, און עס דוכט זיך, עס ברעכן זיך ליימענע טעפּ,
אַ פּלאַצן פון מאַרמור־קאָלאָנעס און ס׳שיטן זיך מענטשלעכע קעפּ.
אין מיטן ווערט שטיל, און עס רופט דיך אַ ווייטער אַליאַרם אַרויס,
און ווייט זעסטו פויערלעך שמייען אַרום זיך אַ ברענענדיק הויז.

דונערן, זאָגט מען, פאַרטרייבן פון אונדז, ראַטן אויס יענע לייט,
וואָס לצעוועז און זענען מזיק דעם מענטשן פאַרבאַרגענערהייט.
בליצן, דאָס זענען די פלאַמיקע שמות אין הימלישער שפּראַך,
ווי אין תפילין, מזוזות, וואָס יאָגן אַרויס אונטער יעטוועדן דאַך
די פרעמד־אומגעבעטענע שליטה — דו זעסט דאָך געוויס, ווי נאָך לאַנג
פינטלט דערשראָקן די נאַכט מיט איר בליק אַזוי שווייגנדיק באַנג,
נאָך דעם וואָס די וועלט איז גערייניקט דורך בליצן, דורך רעגן און ווינט, —
בלאַנדזשען די איבערגעבליבענע אום, ווי די היימלאָזע הינט
איבער די בלינדע פאַרגאָסענע פליינען, אין בלאָטע און ליים,
און זוכן אַ מקום־מנוחה, אַ שטילע פאַרזיכערטע היים.

אָבער דערנאָך קומען שפּעטע, פאַרכישופטע נעכט אויף דער ערד,
די פינצטערניש ציטערט, און ס׳הירזשען אין פינצטערע שטעלער די פערד.
און ווייט דאָרט פון הינטער די שיטערע פּלויטן, אין איינזאַמען פעלד
גייט אויף די לבנה צעוואַקסן און גרויס, אַזוי רויט אויף דער וועלט,
און וואַשט אין דער זילבערנער ראָסע דאָס בלוט פון איר קאָפּ.
דערנאָך שטייט זי הויך איבער עלנטע גערטנער און שמייכלט אַראָפּ
מיט אַ בלייכן, דורכזיכטיק פאַרבאָרגענעם מאַגישן שמייכל אַזאַ
און שמייכלט און שמייכלט, און פּלוצלינג — פון טיף פון די שאָטנס:
קראַ! קראַ!
און קראַ! קראַ! אַ שרעקלעך פאַרלאָרן געשריי פון אַ ווראָנע אין נאַכט,
דערנעבן דערהערסטו דעם שטילן, פאַרהוילענעם סאָווישן לאַך.

אַזוי ווי אַ פּערל איז מאַט און געהיימענישפול אַזאַ נאַכט,
אַזוי ווי אַ מילכשטיין, וואָס מיניעט אין שפּיל פון די וואָלקנס זיין פּראַכט.
צניעותדיק־פּשוט פאַרוואָרפט זי דעם טייכל אַ זיידענעם שלייף,
אַ זילבערן פישל, אַ זשאַבע, אַ וואַסער־בלום און אַ טשערעט
טוט זי אָן שמייכלענדיק שטיל און צירט אויס מיט אַ גאָלדענער רייף.
אַ ווייסער, דערטרונקענער קערפּער — אַרויסגענאַרט נעכטן פון בעט —
שווימט איר אַנטקעגן מיט בלייך־אויסגעשטרעקטע־פאַרגעבנדע הענט...
די בלייכע און קראַנקע לונאַטיקער קריכן פאַר איר אויף די ווענט,

מכשפות און הורן פאַרפלעכטן, צעפלעכטן פאַר איר זייער צאָפּ.
גוט איז זי, מילד איז זי, ליבלעך און אָנגענעם־זיס איז איר גאָב.

און אָט איז אַ נאַכט פונעם מולד: אין טיפן פאַרחידושטן שווייגן
גייט זי דורך מיט פאַרבאָרגענע טריט דורכן ווייטן פאַרהוילענעם פליין,
דער ראַנד פון אַ פינצטערן וואַלד טוט אַ שמייכל מיט עטלעכע צווייגן,
אַ ווייטער צעמורמלטער קוואַל צינדט זיך אָן מיט אַ פיאָלעטער שיין.
זילבערנע איידעלע גלעקלעך זיצן איר אויף די סאַנדאַלן;
טוט זי אַ טריט נאָר, אַזוי הייבט זי אָן זינגען ס׳געוויין פון שאַקאַלן.
פון אירן אַ בליק נעמען וואַקסן די הערנער ביי ווידרעס און בעק,
באַגילדעטע, שלאָפנדע טורעמס צערעדן זיך זינלאָז פון וועג,
און ס׳דאַכט זיך דיר, זעסט די צעפלאַקערטע בערג אין אַ ריי
און ווילדע כוהנים אין טאָגעס זיך וויגן אין שטילן געשריי.

און גרינע און פינקלענדע נעכט זענען דאָ, ווי שלאַנגישער בליק,
זיי וויקלען זיך אויס מיט אַ ססס! פון דער פינצטער, אַזוי ווי אַ שטריק,
און רויטע, מיט שרפות־באַגאָסענע נעכט, ווען דער בראַנד־האָרן שרייט,
רופט הייזעריק, לאַנג איבער שאַרלאַך־באַלויכטענע גאַסן פון ווייט.
און געלע נעכט — ליגן מיט אויגן מיט קרומע פאַררעטעריש פויל,
און לאַשטשען ווייך די עפּידעמיעס, דעם פליכיקן קרעציקן וואָל.
און ווייסע און גלאַנציקע נעכט, ווען דאָס וואַסער שטייט פול און צעשפּרייט
אַזוי שווייגנדיק־העל איבער ליידיקע, וויסטע פאַרגאָסענע שטעט,
ווי גופים דערטרונקענע פלאָנטערן זיך אינעם ביימער־געפלעכט
פון די גערטנער — אָ ווילדע, פאַרכישופטע, שרעקלעכע, זינלאָזע נעכט!

אָ, פינצטערע, שוואַרצע, געהיימע און טיפע פאַרווירנדע ליכט!
כ׳טו תפילה אַנטקעגן דיין מעכטיקער שיין מיט אַ בלייכן געזיכט.
צוגעשפּאַרט צו אַלע פענצטער פון מיינע פאַרבלייכטע פיר ווענט,
פיל איך, דו גלעטסט מיך און צערטלסט מיט טויזנטער, טויזנטער הענט.
דו קוקסט אויף מיר שטאַר מיט אַ פויגלשן בליק, ס איז דיין שנאָבל געבויגן
און אין דיינע פעדערן שלאָפן די שוואַרצאַפּלען פון מיינע אויגן.
באַגינען איך שיק דיך אַרויס פון מיין נעסט מיט אַ צערטלעך געזאַנג.

כ ווייס דו וועסט צוריקקומען, ציען דיין הערשאַפט, אָ, וועט זיך נאָך לאַנג,
אולאַיאַ! אולאַיאַ־אַ! ווען וועסטו פאַרלעשן, אָ, דו,
ווען וועסטו פאַרלעשן מיין לאָמפּ? אולאַיאַ! אולאַיאַ־אַ!

פריהאַרבסטיקע וואָלקנס

פראָמען — אין דער ווייטער אַפריקע.

אַט אַזוי שטופּט מען דורך אַן עלנט לעבן אויף דער וועלט:
אויפגעשטאַנען צען פון בעט,
די נשמה אָפּגעעסמט מיט אַ ברודיקן שקאַרפּעט,
דערנאָך געגאַנגען צו אַ ליידאַק מאָנען געלט.

גאַסן־אויס און גאַסן־איין,
אַריינגעקוקט מיט אויגן שטאַר
אין הונדערט שויפענצטער מיט וויין,
מיט טריקאָטאַזש און קאַלאַפּיאָרן,
און אַ לעבעדיקער מאַנעקין, —
אירע אויגן האָבן געקוקט
מיט אַ גלייכגילטיקן צער.

דערנאָך געגעסן ברויט מיט פּוטער און קאַפּיי,
געלייענט אין בלאַט, ווי גאַנדי הונגערט זיך צום טויט,
דערנאָך געטראַכט, אַז אויפן דאָרף
קלינגט די קאָסע מיטן לעצטן שניט פון היי,
און די ווילדע וויינטרויב־בלעטער
ווערן רויט.

און אַז דאָס שיינע אומבאַקאַנטע קינד
(וואָס נערט מיין בענקשאַפט אין די נעכט
מיט ריינער אומבאַפלעקטער זינד)

קוקט זיך צו, ווי ס'פּאַלט דער קליאַנען־זוימען
אינעם סטאַוו,
און שעפּטשנדיק מיין אומבאַקאַנטן נאָמען,
וויקלט זי נערוועיש אירע פלעכט.

און איצטער זיץ איך ווידער
אויפן פינפטן גאָרן מיד,
און שרייב פאַר דיר,
דו, איינער פון די הונדערט טויזנטער,
דיין ליד.

אין אונדזער ביידנס האַרץ
פּיקט די בענקעניש אַן אויפהער
ווי אַ ראָב,
ווי ס'ציען לאַנגזאַם איצט די פריהאַרבסטיקע וואָלקנס
איבער אונדזער קאָפּ.

CON SORDINO

אַ באָרדאָ־נאַכט האָט אויסגעשפּרייט אויף מיינע ווענט
אַ טיפן זיך וויקלענדיקן חלום, ווי אַ גאָלדענעם אָרנאַמענט:

מנא מנא תקל ופרסין — דין און קרייזלענדיק איז דיין געזאַנג,
און דיין וויי איז גלייך — אַ וואַרפנדיקע שלאַנג.

און ווי אַ שטילע יאָרצייט־ליכט
איז ראָז און הייליק דיין געזיכט.

דינער רויך אַרום די ווענט —
שפּרייטן זיך, ווי הייליקע שאָטנס, דיינע הענט.

און שטילע בלייכע ליפּן זינגען אַ מאָטיוו:
דורשטיק איז דיין אויג און דער ברונעם פון דיין האַרץ איז טיף.

און דורשטיק דיין געליבטע גליט,
וואָס בענקט נאָך דיין חלפס שאַרפן שניט.

האָט זי אויף דער ערד צעשטרעקט דעם קאָפּ
און דיינע טרערן רינען אויף איר ווייסן האַלדז אַראָפּ.

און ווי דינער קטורת־רויך
שווימט איר גליק פאַרשלאָפן אינדערהויך.

און אירע בלויע אויגן שמייכלען ווי פאַרשמאַכט:
ביז דער האָן וועט קרייען איז לאַנג נאָך נאַכט.

און ביז דער ליבע־פלאַם פאַרגליט,
וועסטו געבן נאָך דעם שניט.

און ביז דער מאָרגן ברענגט די ערשטע טרייסט,
וועלןביידע מיר זיין גליקלעך און דערלייזט.

ראַנדעווו

אָט אַזוי
שטייסטו נאָך צווישן די ביימער
און וואַרטסט אויף מיר.
האָסט לאַנג שוין די שעהן אויפגעהערט ציילן.

ס'האָט לאַנג שוין אין הימל די שעה
אויסגעבברענט.

אַ וואָלקן ליגט פינצטער
ביי דיר אויף די הענט.

איצט רוישן די נאַכטיקע וואַסערן
אויף דיין גבול.
נאַכט. זי פליסט איבער דעם ברעג
און איז אומעטום פול.

נאַכט. גאָלדענע פיש שווימען אום
אין דער פליסיקער נאַכט.
אויף טירן און פענצטער ברענט ליכט,
ליכט אויפן דאַך.

אויטאָס, טראַמווייען און שילדן מיט ליכט.
ס׳וואַרפט זיך אַ רעקלאַם.
נאָר דו, דו צינד אָן אין פינצטערן האַרץ
דיין אייגענעם פלאַם.

דיין געשטאַלט איז איצט וויינענדיק קליין,
און פאַרשעמט — דיין געזיכט.
און ס׳טאַנצט שיכורער ווינט אַרום דיר
און לעשט דיר דאָס ליכט.

ס׳טאַנצט שיכורער ווינט אַרום דיר
און פלאָנטערט די פיס,
ס׳איז צו הוליען דעם ווינט מיט אונטערגעבראָכענע קני
אַזוי זיס.

שטורעם און ווינט קעגן דיר —
נאָר אויפן שטראָם פון דיין אייגן געוויין
וועל איך אין אַ זילבערן שיפל
קומען צו גיין.

נאָר אויפן שטראָם פון דיין אייגן געוויין
וועט אויפגיין די וואָר
ווי אַ גאָלדענער מאַי אין דער פרי
און דיר קושן די האָר.

שטיל הינטער דיר אויף די גאַסן וועל איך
זיך שלייכן געהיים,
און איבער די טרעפ דיינע פינצטערע
מיט דיר גיין אַהיים.

ביזן באַגינען זיין וואַך איבער דיר,
ס׳וועט זיין דיר מיין חלום אַ וויג,
וואָס וועט דיך אַ גאַנצע נאַכט
וויגן אויף גאָלדענע שטריק.

אין דיין טרוקענעם האַלדז וועל איך זיין
אַ היילנדער קילער געטראַנק,
און אויף דיינע ליפּן —
געזאַנג.



די פאַקסימיליע פונעם ליד, וואָס ש. זאַראָמב האָט אָנגעשריבן צו דער געלעגנהייט פון א. ריוועס׳ (אברהם ניימאַנאָוויטשס) אָפּפאָרן קיין ישראל.

איבערזעצונגען

פון דער העברעישער דיכטונג

לוי בן־אמיתי

אין קבוצה

אַ גאַנצן טאָג שאַר איך די קופּעס מיט מיסט
פון אונטער די פיס פון די קי.
טרייב אונטער דעם פערד און זיך אינעם אַקער,
און קנעט איין דעם ליים צו פאַרריכטן די קיך.

מיין גורל איז אָרעם און שטיל אין דער וועלט:
מיט האַלץ־העקער, וואַסער־טרעגער אין האַמעטנעם טראָט.
כ׳בין אַן אומבאַקאַנטער, ווי איינער פון יענע גבעונים,
די אייביקע קנעכט אין דער הייליקער שטאָט —

און פאַלט צו דער אָוונט — דאַן וואַש איך מיין גוף,
טו אָן אים אין העלן, זויבער און פריש.
פון לחם־הפּנים צו נעמען מיין טייל
גיי איך, ווי אַ כהן מיט כהנים, צום טיש — —

איך בין ווי אַ לוי דאָ צווישן לויים,
מיר הייבן אין הייליקייט אויף אַ געזאַנג.
אַ לויב און אַ דאַנק פאַרן פּרוכטבאַרן מיסט,
פאַרן שטיקעלע ברויט און דער תפילה — אַ דאַנק.

שניטער־ליד

אָט אַזוי אָ אַרבעט מען,
ווי מוראַשקעס, אַ טאָג אַ לאַנגן.
יעדער ברענגט זיין סנאָפּ, ווי עומר אויפן קאַרק,
און אַ סטויג וואַקסט אין דער הויך ווי אַ באַרג —
די זאַנגען אינעווייניק,
אינעווייניק זאַנגען.

אָט אַזוי האָרעוועט מען,
ווי מוראַשקעס, אַ טאָג אַ לאַנגן.
הלוואי, געבענטשט מיט נאָכאַמאָל אַזוי פיל קראַפט,
מיט הימלס טוי און פון דער ערד דעם זאַפט,
מיט זאַנגען אינעווייניק,
אינעווייניק זאַנגען.

אָט אַזוי אַ בויען מיר,
ווי מוראַשקעס. אַ טאָג אַ לאַנגן.
אַ היט זשע, ברידער, תבואה־קלייבערס, זאַמלט אָן
אויף אַ שוואַרצן טאָג, ווען ס׳קומט דער שונא אָן
די זאַנגען אינעווייניק,
אינעווייניק זאַנגען.

ח. נ. ביאַליק

צו די שפּיה׳ער טעכטער

אויב איר האַלט נאָך גוט די לייצעס,
נישט געשלאָגן אויף דער דעה, —
הערט. חלוצים, אויס מיין עצה:
נעמט דאָס פּעקל אויף דער פּלייצע
און מאַרשירט אַוועק קיין שפּיה.

דאָרט פאַראַן איז אַ זאַגאַיק,
אַן אַלטאַנקעלע אַ טייערס.
און וואָס נאָך איז דאָ אין שפּיה?
אַ שטיקל פּויער, האַלבער שייער
און אַ קוואַל וואָס קריכט אין אייאיר,
אויפן באַרג אַ בוים אָן חיות,
אָבער מיידלעך דאָרט — אַ מאה.

ס׳דערפל שפּיה ווייט פון שטאָט איז,
דאָך נישט ווייניק וואונדער האָט עס.
אַ טויבע ציג, אַ האָן וואָס קרייען
האָט פאַרגעסן, אַ לאָמער קאָטער.
נאָר איבער אַלץ — די טעכטער שפּיה׳ס.

נישט קיין טעכטער — שטילע טויבן.
אויגן? ניין, איך זאָג דיר: טרויבן
ווינקען צו דיר נאָך דער רייע.
שלאָף נישט, בחור, גאַפּ נישט אויבן,
גיי נישט לער אַרויס פון שפּיה.

ציגן־ווילד, און מאַמע־טאַטע,
צווישן בערג און פעלדזן גלאַטע.
וואַקסן זיי די טעכטער שפּיה׳ס.
שוועסטער — חיות, פייגל־טשאַטעס,
ברידער — שטערן, הימל־גייער.

קענערקעס איז שטאָט פאַראַנען,
נאָר, ווי קומען זיי צו שפּיה׳ער!
כ׳זאָג אייך: בריה׳ס, פייער־פלאַמען
רעדן דיר מיט ביימער־שטאַמען
און די שפּראַך פון פעלד פאַרשטייען.

קומט דער שבת דאָ צו שפּאַנען
לייכטן אויף די טעכטער שפּיה׳ס
מיט צוויי הונדערט אויגן־פלאַמען.
וואָלט דער נביא דאָ געשטאַנען —
וואָלט פאַרהיילט ער זיינע ווייען.

זיי געבענטשט, דו אָוונט־שטערן.
קילע שבת־נאַכט אין שפּיה!
קום, וויש אָפּ דעם שווייס פון שטערן —
און אַ זינגען לאָזט זיך הערן,
און אַ טאַנץ ביז האָן נעמט קרייען.

טרעפסט אַ שפּיה׳ער ווו באַהאַלטן
מיט אַ קרוג ביים פלויט, ביים שייער,
זע אָן הענט, דו זאָלסט זיך האַלטן,
זי קאָן דעם קאָפּ מיט קרוג דיר שפּאַלטן —
פאַרזיכטיק זיי מיט אַ שפּיה׳ער.

האָט זי נושא־חן געוועזן?
ווער? צפּורה. חנה. לאה?
וואָס זשע מאַכסטו דאָ אַ וועזן?
נעם און גיי מיט איר צום בית־דין,
ווער אַן איידעם דאָ אַ שפּיה׳ער.

נאָר אָך און־ווײ איז יענעם גאַפער,
קערט זיך אום פון וועלדל שפּיהס
מיט אַ נאָז אַזוי בגפו
טראָגט קיין פאַנג נישט אין די לאַפּעס —
נישט קיין ציג, קיין קאַלב, קיין פּייע!

און ווײ צו יענעם פויגל טמא׳ך,
וואָס פאַרשעמט אַ טאָכטער שפּיהס.
ועסט שוין נישט קיין ווייב באַקומען,
„גיי״ — וועט מען דיר זאָגן — „קרומער —
דאָ הער אויף דעם קאָפּ צו דרייען״ — — — —

א. ברוידעס

אַ בריוו

צו מיינע פריינד אין וויטן שטרעק איך אויס מיין האַנט,
איך וועל היינט אָנשרייבן צו זיי אַ האַרבן בריוו.
די ביטערע וואָר פון אונדזער קליין און אָפּגעריסן לאַנד
וועל איך מיט ווערטער פּשוטע איצט שעפּן פון דער טיף.

אַז איר אַרויסמאַרשירן מאָרגן וועט בייגאַנד,
צעזונגענע אין וויטן וועג זיך לאָזן גיין —
געדענקט, אַז דאָ ווערט מען אין שווערער פּראַצע איינגעשפּאַנט,
די ערד באַפּריי׳ן פון בלאָטע און פון שטיין.

דאָ מוזט איר זיין צום ליידן גרייט, צום שטענדיקן זיך מי׳ן,
נישט קומען בורטשענדיק דערנאָך אַנטוישט און וויסט,
און וווּינען וועט איר אין אַביידל ווי אַ פּאַסטעך־בעדויִן,
און קראָפּעווע וועט שמעקן אייך ווי האָניק זיס.

אַזוי וועט איר באַהעפטן זיך מיט גרודעס האַרטער ערד,
פאַרזייען ליבשאַפט דאָ אין מדבר־זאַמד.
מען דאַרף אין חמסין־היץ פאַרגעסן אָן דער פּראַכט פון פרעמד
און ווערן נאָר אַ פונק פון גרויסן פלאַם.

מיט פרייד וועט איר דעם כביש אויסלייגן דאָ דורך באַרג און טאָל,
פאַרלויפן די געפאַר, וואָס לויערט אונדז אין קאַרק.
איך זאָג: אין ווי׳, אין טרויער ווערט מען לויטער ווי קריסטאָל,
אין זון אין גליענדיקער וועט איר ווערן שטאַרק.

עס איז דאָס לעבן אונדזערס שווער ווי פעלדזן פון באַזאַלט,
אַ קריזיס און באַליידיקונג און שאַנד.
נאָר שטאָלץ — געפינען מיר דעם צוגערויבטן אידעאַל —
די חורבות ריכטן אויף מיר מיט אייפעריקער האַנט.

יוכבד בת־מרים

ווי פּסוקים די טעג...

ווי פּסוקים די טעג, למנצחס פּאַרצייטיקע,
די נעכט — ווי דער „סלה״, וואָס קלאַפּט צו צום סטראָף.
זיי גיסן צונויף אין אַ ליד זיך צום מזרח
און שפּינען זיך, ציען אַזוי אָן אַ סוף.

ווי פּאַסטעך־געצעלטן די הימל־יריעות,
אַט פאַלט איצט דער שאָטן אויף משהן ביינאַכט.
די אָוונטן בלויע — ווי קרוגן פון כנענערינס,
ווי גאָלדענער האַלדז־באַנד — לבנה ביינאַכט.

איך הער איצט כסדר מיין נאָמען, וואָס האָט זיך
אויף וואַסערן שוואַרצע געוויגט אַמאָל שטיל.
מיין פּנים איז שוואַרץ, אָן אָפּשפּיגלונג ווייטע,
וואָס ציטערט פון דורות פאַרטראָגן אין גיל.

אַט וועל איך, מיר דוכט זיך, מיין אָרעם פאַרוואַרפן,
צעטאַנצן מיט האַרף און מיט פרייד מיינע טריט.
צעוויגט זיך, צעפלאַקערט און ס'ענטפערט מיר אָפּעט
דאָס ים־ליד פאַרצייטיקס אין פאַרמעט פאַרהיט.

איז אַ ווייַנגאָרטן ס'האַרץ מיינס...

איז אַ ווייַנגאָרטן ס'האַרץ מיינס — מיין ווייטיק אַ ווייַנשטאָק,
ווי'אַ ווייַנשטאָק מיין ווייטיק, און הענגלעך — די רייד.
אַ ווייַנגאָרטן בין איך, ווי ווייַן איז דאָס ליד מיינס,
איך גיס אים מיט ציטריקער האַנט שטילערהייט.

אויב לענדער ווי שטערנס — איז מיין לאַנד די זון גלייך,
מיין לאַנד איז אַ ליד און די גרענעץ אַ ריים.
אַזוי ריימט פון אייביק אַ פאָלק זיינע גרענעצן,
עס זאָל אים דאָס לאַנד זיין אַ רו און אַ היים.

דער כרמל און שרון, כנרת און ירדן —
זיי גליען דאָס האַרץ ווי די רייד פון תנ״ך.
ווי יזרעאל־פעלדער, וואָס איך האָב געזייעט
איז זיס דאָס געדעכעניש זייערס און וואַך.

איך מעסט מיט מיין וואָרט זיי, פאַרפלאַנץ זיי אין ליד מיינס,
ס׳זאָל רוען מיין היימלאַנד מיט ברכה אין זיי.
און ווי דער לבנון זאָל אויפגיין דער דמיון,
וו׳אַ וויינגאָרטן בליען ביי אים זאָל מיין ווײ.

מ. ז. וואָלפאָווסקי

אַ נייער שאָסיי

אַ נייעם שאָסיי האָט מען דאָ אויסגעבויט,
אַ נייעם שאָסיי.
אין אַ וויסט, אין אַ שטוינענדיק, טרויעריק לאַנד —
געפלאַסטערט אים אַרבעטער גרויע, קיינעם באַקאַנט:
ראובן און שמעון און לוי.

געחלשט פון היץ — און געבויט!
עס קלאַפּן די האַמערס,
צעברעקלען די שטיינער אויף שרויט,
און ס׳קלאַפּט צו דאָס ליד:
„אַ וועג צו דער ביטערניש, אַ וועג צו דעם ווײ.
צום שווערן געמיט
און צום פייער וואָס גליט —
אַ נייער שאָסיי.״

און אין איינעם אַ טאָג וועט זיך ציען דער וועג —
באַצווינגען פון לאַנג:
אַ מגילה פונאַנדערגעוויקלט אין שיין פון דער זון,
און קיין וואָרט נישט דערציילן דעם פרעמדן
דערפון.

נאָר ווייל איז צו דעם, וואָס געווען אים באַשערט
מיט די זין, די באַשיידענע, שטיין אויף דער היימישער ערד,
געשמאַכט און געקעמפט און מקבל געווען דעם דין.
ווייל איז צו דעם וואָס געווען מיט זיי אין דער בויט,
פון איין כוס געטרונקען, געטיילט זיך דאָס אָרעמע ברויט
און דערגאַנגען פון ליידן דעם זין.

און דו, ווייטער ברודער, אין אַנדערן דור,
מיט באַגייסטערט געמיט,
שטיי אויף און שפּאַציר זיך אַדורך אויפן וועג
וועלן אין הימל די שטערן דיר זינגען דאָס ליד
ווי מ'האָט אַ שאָסיי דאָ געלייגט.

צווישן דיינע בערג, גליל

צווישן דיינע בערג, גליל, נאָך וואָגלען גייסטער לויטערע,
ווידערקולות פונעם פרישן עבר בלאָנדזשען נאָך אַרום,
און שאָטנס אומעטיקע שלייכן צווישן דיינע פעלדזן,
פעלדזן פונעם וויסטן לאַנד, וואָס דרימלען אין דער זון.

ווי אָרעם און פאַרטרוימט ביסטו! פאַרזונקען אין פאַרלאָזנקייט
אָטעמסט מיט פאַרגאַנגענהייט, מיט אַלטן סוד;
נישט פאַר דיר די כרמים־פּראַכט, די שפע פון פרדסים־גאָלד:
פאַרטייעט אין דיין שטאַרקייט און קאַרג אין דיין גנאָד.

כנרת און דער ירדן און אַ המון פון פלינקע קוואַלן
ציען טאָג און נאַכט דיר טרויעריקן געזאַנג;
און דיין אַלטער קעניג חרמון, דער זקן פון די בערג,
שפינט דעם חלום דאָ דעם אייביקן, שפינט באַנג.

שטאָלץ און אָרעם זענען דיינע קינדער פונקט ווי דו,
זיי גלוסטן אַרומנעמען דיין ערד, באַפרוכפּערן דאָס לאַנד;
זייער הייסע ליבשאַפט און די בענקעניש די שטאַרקע
באַהאַלטן האָבן זיי אין דיין ערד דער טרוקענער, אין זאַמד.

זענען פריילעך אין דער רו, שטורעמדיק און מוטיק,
רייך אין זייער אָרעמקייט, און אין דער מי דער שווערער — שטיל;
קליידער־פּראַכט פאַראַכטן זיי און דעם צויבער פון דער שטאָט,
געטריי דעם גורל פון באַשיידענעם און פשוטן גליל.

און קומט אַ שוואַרצער טאָג, און ס׳ברעכט דער שונא איין
צו דיר, גליל, צום טיש פון זייער הייליק ברויט —
דאַן וועלן זיי דיך שיצן, דיינע זין די בראַווע,
גאַנץ און ערלעך אינעם לעבן, איידל אין דעם טויט.

די וואַסער־גרעבער

ס׳קאָן די בייזע פלישתים־שנאה
די וואַסער־גרעבער נישט פאַרגינען,
גאָר די גרעבער שטיל ביינאַנד:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

ברונעם, לאָז דיין וואַסער שטראַלן,
עפן ווידער דיינע קוואַלן,
וואַרף פון קוואַל אָפּ שטיין און זאַמד:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

אַ מעת־לעת אַ גאַנצן האָבן
בראַווע יאַטן פעסט געגראָבן
מיט מכשירים אַלערהאַנד:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

יונגוואַרג רייסט מיט העק אַ פּולע
און דער לאָמער מיט דער קוליע,
ווער מיט רידל, ווער מיט האַנט:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

און באַגינען, ליכט פאַרפלעפט זיי,
מויל פון קוואַל איז אויפגעעפנט,
יצחק לאָזט אַראָפּ די קאַן:
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

קוואַל פון פרייד, דו זיסער ברונעם,
ס'וועט פאַר דיר דאָס בייז אַנטרונען!
ט' דיין גנאָד נישט אָן קיין שאַנד
ברונעם, שטייג צום ראַנד!

שלומס טעכטער

ועל ידו החזיק שלום בן הלוחש —
הוא ובנותיו (נחמיה ג׳, 12)

ס'קלאַפּט דאָס מילכל, ס'שלאָגט אַ שיין,
ווער קאָן אין מיטן נאַכט דאָס זיין?
ס'זענען שלומס טעכטער אויף,
פאָרען זיך אַרום אין הויף.

שלומס טעכטער, מויד און מויד,
אויפגעשטאַנען באַקן ברויט,
שעפּן וואַסער פונעם קוואַל,
אָנקאָרמען דאָס פי אין שטאַל.

ס׳שלאָגט אַ שיין, ס׳קלאַפּט די מיל —
אַרבעט אויפן טאָג איז פיל:
מיטן טאַטן, כעלות,
מוז מען אויפן וואַל אַרויס.

טענהן טעכטער צו אים הייס:
ס׳איז אַ צייט פון קאַמף און טרייסט.
איז קיין זון דיר נישט באַשערט,
נעם זשע, פאַטער, אונדז צום ווערק.

זאָג נישט: ס׳וועלן לאַכן לייט,
שאַנד צו שטיין איז אָן אַ זייט.
זינגען וועט אַמאָל דאָס ליד:
„שלומס טעכטער אינדערמיט!"

שווימט לבנה אין איר קרייז
און דער טוי פון גראָס איז ווייס...
„טעכטערס טענה האָט אַ זין, —
טראַכט שלום אין דעם באַגין —

עס איז אַ צייט אַזאַ, אַ גאָט,
און דער שונא ברענט און בראָט".
— — — גרייט זענען צום קאַמף און רום
די שיינע טעכטער פון שלום.

יצחק למדן

נאַכט־שייטערן

קאַפּיטל פון דער פּאָעמע „מסדה"

א. און נעכט זענען דאָ...

און נעכט זענען דאָ אין מסדה, וואָס ליגן און אָטעמען שווער,
אין שפע פון בלוט און פון כוח, וואָס שטראָמען אין זייערע אָדערן מער.
די ערד איז דאַן פילבאַר, זי אָטעמט, זי לעבט און זי גליט,
זי ברענט אונטערן גייער די טריט.
דער הימל — דערלאַנג מיט די הענט, ער איז הויך אָבער נאָנט,
אַז יעדער אויפגעהויבענער קאָפּ רירט אים אָן,
אַז יעדע אויסגעצויגענע האַנט פאַרהאַלט זיך אָן אים — — —
ווי זילבערנע קרוינען צעוואָרפן עס שיינען די פעלדזן אַרום.
נישט אַנדערש, אַט נעמט אַ פאַרבאָרגענע האַנט זיי אַראָפּ
און טוט אָן אויף אַ יעדערנס קאָפּ — — —
ווייל דאָ זענען פּרינצן אַ סך, געקומען אַהער פון דער וועלט,
פון בלאָנדזשען און וואָגלען, ווי בעטלערס, פון שטעטל צו שטאָט,
מיט שמאַטעס באַהאָנגען, און וואַרטן אויף גנאָד,
און איצט וועט זיי נאָכאַמאָל קרוינען און זאַלבן מסדישע נאַכט.
און אומקערן זיי זייער אַלטע אַמאָליקע פּראַכט.
אין אַזעלכענע נעכט — אין דער מחנה איז קיינער נישט מיד,
ס'שטייט קיינער נישט אָפּ און ס'איז קיינעמס נישט שלאַבעריק די טריט,
מיט העלדישקייט אָטעמט די לופט דאָ און גיסט אָן די אברים מיט לוסט.
אַ שפע פון כוחות — און ס'רייסט זיך אַ וווּנדער־געשריי פון דער ברוסט.
אַ פלאַמיקער דאַרשט אין די אָרעמס, אַ היציקער פלאַם אינעם טראָט.
דאַן הייבן זיך שייטערן אויף אויף דער מויער אינדערהייך —
עס גייען מסדהניקעס אין אַ ברענענדן טאַנץ אַרום זיי אין אַ ראָד.

ב. פון שייטערן צו שייטערן

שייטערן אויף אַלע וועגן יידישע, ווי אַ פייער־קאַלומנאַדע —
שייטערן אויף אַלע וועגן פירן צו מסדה.

אויף די שייטער־הויפנס האָט אונדזער עלנטער „שמע־ישראל" זיך געריסן פונעם בראַנד
און אויפן טעמפּן אויער פון דער וועלט געבליבן הענגען ווי אַן אוירינגל פון שאַנד.

שייטערן! דער כתב פון אונדזערע פאַרברענטע ספרים איז געפלויגן פון די פלאַמען —
ביים שייטער־ליכט מיר קלייבן איצט די אותיות, די פאַרוואָגלטע, צוזאַמען.

שייטערן אין נעכט, אין גרויליקע, דעם מסדה־טרוים באַלויכטן האָבן פון דער ווייט,
מיט שייטערהויפנס לאָמיר איצט פון נאָענט באַלויכטן זיין באַשייד.

שייטערהויפנס אויף מסדה — גרויסע יאָרצייט־ליכט ברענען איצט אין שרעק
פאַר דער נשמה פון שטעט און שטעטלעך יידישע, וואָס זענען מיטן פלאַם אַוועק.

צו שייטערהויפנס, ווי צום טאַנץ, פלעגן אונדזערע טאַטעס גיין — אַ רעטעניש, אַ סוד —
אַרום די שייטערהויפנס לאָמיר, קינדער, איצטער טאַנצן דעם פּתרון־טאַנץ אין קאַראַהאָד.

ג. נישט צעריסן איז די קייט

נישט צעריסן איז די קייט,
ס'ציט, ציט זיך נאָך די קייט,
פון דעם טאַטן צו דעם קינד,
פון די שייטערן צו שייטערן —
ציט זיך, ציט זיך, נאָך די קייט.

ני׳שט צעריסן איז די קייט.
ס׳ציט זיך, ציט זיך נאָך די קייט.
פון די שמחת־תורה־נעכט
צו מסדהס נעכט פון פרייד
ציט זיך, ציט זיך נאָך די קייט.

טאַטעס טאַנצן אָט אַזוי:
האַנט אויף אַקסל איינע ליגט,
און די תורה אין דער צווייטער —
ווי פון דורות צוגעדריקט —
טאַנצן טאַטעס אָט אַזוי.

טאַנצן אָט אויך מיר אַזוי:
פעסט דעם ראָד האַלט אונדזער האַנט,
מיט דער צווייטער אונדזער ווי —
אָט דעם גרויסן צער־פּאַליאַנט —
טאַנצן אָט אויך מיר אַזוי.

פלעגן טאַטעס טאַנצן גיין —
האָט זיך צוגעמאַכט דאָס אויג,
אויפגעמאַכט זיך קוואַלן פרייד:
צוגעמאַכט די אויגן שיין,
האָבן פיס געטאַנצט אַליין —
אַז זיי פלעגן טאַנצן גיין.

טאַטעס האָבן גוט געוווּסט,
אַז אויף תהומען טאַנצן זיי:
טאָמער עפנט מען דעם בליק
ווערט דער קוואַל פאַרשטאָפּט צוריק,
ווערט די קייט גאָר גיך צעפליקט,
טאַטעס האָבן גוט געוווּסט.

טאַנצן אָט אויך מיר אַזוי
מיט אַ צוגעדריקטן בליק —
זאָל זיך אָט אַזוי די קייט
ציען, ציען בלינדערהייט,
טאָמער רייסט זי זיך, צעפליקט —
טאַנצן אָט אויך מיר אַזוי.

ציען מיר אַזוי די קייט,
נישט צעפליקט איז נאָך די קייט.
וווהין גייט זי? ווו דער וועג?
נישט געקלערט און נישט געפרעגט!
ציען מיר אַזוי די קייט!
ווייטער. ווייטער, ווייטער, ווייט.

ד. התלהבות

גייט אַ טאַנץ ערשט אויף מסדה,
אַלט און יונג!
מזרח, מערב, צפון, דרום
אינעם רינג.

ברענט מסדה־טאַנץ פונאַנד זיך
אין די טריט —
מאַך אַ וואָרע, דורות־גורל,
היט זיך. היט!

פלאַם פון טאַנץ צעשמעלצט די שטיינער
אויף דער ערד,
ליגט אַ פעלדז — איז רוקט ער אָפּ זיך —
צעריבן ווערט!

נידעריק איצט זענט איר הימלען,
אויפן קאָפּ,

צעשפּרייט זיך ווי די טעפּיכער און
פאַלט אַראָפּ.

ווייל אין טאַנץ, ווען ער צעברענט זיך,
שטייגן מיר,
אַזש מיר גרייכן מיט די קעפּ שוין
אין עפּיר.

דונערט מיטן קאָפּ אין הימל
וו'אין אַ פעל!
אַזוי זאָל הערן מסדהס טאַנץ
די גאַנצע וועלט.

ליד באַגלייט דעם טאַנץ מסדהס
פון באַשייד.
בערג און פעלדזן! ענטפערט: אמן
שטילערהייט!

נעכטנס ליגן אונדז צופוסנס
אויף די קני,
היי, איר מאָרגנס, ברענגט אונדז
נייעם אינדערפרי.

זונען זאָלן גיין מיט טאַנצן,
שטערן — צימבלענדיק
אַנזאָגן דער וועלט די בשורה
פון מסדהס זיג.

בייג, אָ וועלט, דיין פליכן שאַרבן
פאַרן גאולה־טראָט.
מיט אונדז גייט און זינגט „ישראל!"
גאָט אַליין אין ראָד.

יעקב פיכמאַן

מיין לאַנד

דאָס ביסטו, לאַנד מיינס, ים און זון און שטילקייט,
פאַרגעסן באַרגיק לאַנד אין גלי פון טאָג.
ווי כוואַליעס וויגט דער נעפּל זיך אויף פעלדזן,
אַן איינגעהאַלט'נע פרייד אין היילן שלאָגט.

דאָס ביסטו. כ'ליב דאָס ווייס פון דיינע זאַמדן —
ווי זילבער אויפן ים־שפּיגל עס רינט;
די בלימעלעך, וואָס פאַזע וועגן ציטערן,
ווי האַרץ־באַגערן, אין פרימאָרגן־ווינט.

אין מאָרגנבלוי האָסטו, מיין לאַנד, צום ערשטן
אין הוילער שיינקייט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר,
אַ צאַרטע, מידע און אַ דורשטיקע נאָך רעטונג,
און ס'האָט ווי גלי דיין טרויער מיך גערירט.

כ'האָב דיר געגלייבט און אויף דיין ערד געבענטשט,
דיין ליד פאַרנומען, און אויף יעדן פּליין
געלייגט האָב איך מיין מידן קאָפּ דאָ זיכער
און רו געזוכט שטיל פון פעלדז און שטיין.

ס'ווייס קיינער נישט, וואָס איינגערוימט אין אָוונט
ס'האָט יעדער קוסט מיר, יעדער דאָרן שטאַר,
ווען כ'פלעג אין אַלטן פעלדזן־גראָז זיך שלייכן,
פון וויסטעניש פאַרכישופט און פון צער.

ס'ווייס קיינער נישט, ווי זיס עס איז דיין נאַכט־ווינט,
ווען ס'גאַרט די זעל נאָך עפּעס אַזוי שטאַרק,
ווי דאָס געזאַנג פון דיינע זילבער־קוואַלן
באַרויקט וואַנדערער אין שטעג פון באַרג.

דו ביסט אַ מאַמע. אַ ברעג פֿאַר אַלע וואַגלער,
אַ גבול פֿון מדבר. אַ שוץ ביסטו און דאַך.
צו דיינע ברעג די שווייגנדיקע ציט זיך
דאָס עלנט האַרץ פֿון יעדן פֿאָלק און שפּראַך.

ירושלים

ירושלים! קלאַנג פֿון האַרץ, וואָס גייט אויס פֿון באַגער!
באַהעלטעניש פֿאַר דעם אַנטרונענעם פֿון שטורעם־טאָל.
דו ביסט הכנעה, דו ביסט שוויגן, דו ביסט אויך רעוואָלט,
צערייסט מיין האַרץ פֿון ווײ און ס׳רופֿט צו דיר מיין שטילע טרער.

אַ חוץ דיין וויסטעניש אַרום האָב איך דאָ גאַרנישט מער,
און איך האָב מיך מיט ליכט פֿאַרקנסט, מיט פֿעלד און תבואה־גאָלד.
און צוגעשמידט צום צויבער דיינעם ווי אַ בוים, וואָס האָט געוואָלט
זיך איינוואָרצלען אין פֿעלדז — בין איך פֿאַרפֿלאָכטן אין דיין ערד.

כ׳האָב ליב דעם ווידערקול פֿון לעבן, פֿאַרגליווערט אין דיר שטום
ווי לאַווע ביז אַצינד, און דעם אַמאָליקן געשריי
פֿון פֿרייד, וואָס פֿלאַטערט צווישן דיינע פֿעלדזן אום.

איך בין געקומען מיט דיין הייליקייט פֿאַרפֿירן שטרייט,
דיין שטיין צעמאָלן אויף שוואַרצערד — און אַ געפֿאַנגענער איך גיי,
און פֿראַכט, די גוססע, דאָ רוט אויף זינגענדיקער בייט.

טריקעניש

אין מיטן טרוקענע געל־שיינענדיקע זומער־טעג
אָפּט בלאָנדזשע איך אויף גאַסן און אויף פֿלעצער שטיל אַרום.
ווי וויסט עס איז די שטאָט! די גערטנער ליגן אַזוי שטום
און קלאָרע בלויע הויכענישן עטעמען מיט שרעק.

שוין זיבן מאָל איז יעדער שטיין פאַרברענט און דורכגעגליט,
און ווו אַ לעבן — האָט פאַרטריקנט אים דער מדבר־ווינט.
און איך — צו די פאַרלאָזטע פעלדער גאָטס אַנטלאָפן בין
און אין דער טריקעניש, דער שווערער, שאַל איך הויך מיין ליד.

גאַס־איין גאַס־אויס גיי איך אַליין אַרום אין פוסטער שטאָט.
און זוך, צי איז נאָך דאָ אַן אָרט פאַר זייען און פאַר שניט? —
נאָר שטאָט איז שטום אַזוי, פאַרגעסן פון איר גאָט.

דאַן פיל איך, אוי, ווי פאַרלאָזט מיין שטאָט ביסטו!
ווי עלנט ביסטו האַרץ! נאָר ס'איז מיין אויג נאָך צוגעשמידט
צו די פאַרברענטע בערג און זוכט קיין שאָטן־רו!

ד. קאַמזאָן

קריזיס

א.

ס'האָט קריזיס פאַרשפרייט איבער אונדז זיינע פליגל ווי אַ ראָב,
פאַרשטומט איז געוואָרן דער שיר.
איז קומען שוין פייגעלעך מער נישט אַראָפּ
קלייבן ברעקלעך ביי אונדז פאַר דער טיר.

עס איז יעדער טיש אַ פאַרלאָזטער מזבח, וואָס שטייט
אין מקדש אַליין נאָכן גזר;
פון שבת צו שבת אויף אים ליגט ווי אַ טישטעך פאַרשפרייט
די קללה פון הונגער און צער.

ב.

דרייט זיך אַן אַרבעטער אום אויף אַ וויסטן ירושלימער פּלאַץ,
ווי ר׳וואָלט דאָ די פעלדזן געהיט נאָכאַנאַנד.
וואָס טוט דאָ אַן אַרבעטער? — כביכול אַליין
היט דאָך די פעלדזן פון הייליקן לאַנד.

טאָג אין טאָג קומט ער, שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ,
ווי ער וואָלט אויפן „קץ״, אויף אַ צייכן, געוואַרט.
דו אָרעמער פּועל, לאָז אָפּ שוין, וואָס איז דיר אַריין אינעם קאָפּ?
דער טויער פון זעונג איז לאַנג דאָך פאַרשפּאַרט.

יהודה קרני

טרייב די קי

אוי, טרייב די קי די צוויי,
די מאָגערע אין זאַמד —
ס׳איז אונדזער לאַנד אַזוי —
אַזוי איז אונדזער לאַנד.

אוי, פיר דעם אַקער, פיר
אין האַרטן פעלדז אַרום;
ער איז געבליבן דיר,
ווי אַלץ, אַ הייליקטום.

אוי, זיי דיין אָרעם ברויט,
דו מענטש פון מי און פעלד.
דיין קינד וואַקסט אויף און בויט,
בויט ווייטער אויס דיין וועלט.

אין שטיינהאַקעריי

בערג, בערג, איך פלעג צו אייך געגעגענען ביז אַהער
און קניען אַ באַגייסטערט שטילער,
ווי ס׳פלעגט מיין טאַטע זאָגן: נישטאָ נאָך אַזאַ ערד
פאַר תחנונים און פאַר תפילה, —
און איר זענט פעלדזיק און איר זענט וויסט און לער
און איר זענט — בערג פון סקילה.

דערפאַר
האָב איך פאַר אייך איצט נייע כלים צוגעגרייט.
און אויב איר בלייבט נאָך אַלץ פאַרעקשנט שטאַר
און ס׳נעמט אייך נישט קיין מוסר־רייד
וועט מען אייך צושלעפּן צו צוואַנג און צו לעוואַר
און מיטן פּרעסערישן לאָם צערייסן די האַרטנעקיקייט.

און אויך אַ דלאָט וועל איך ביינאַנד
באַפּעלן, מיט דינאַמיט,
און אויך אַ מענטש וועט צולייגן אַ האַנט
און מיט געוואַלט און פייערדיק געמיט
ווייך מאַכן די פעלדזן פון מיין לאַנד
פאַר ווּקס און בליט.

און אַז עס וועט אַ קינד אַריינלייגן אַמאָל
פּולווער קערנער צווישן אין פעלדזן שטיל׳ערהייט,
דאַן וועלן זיי, צעשמעטערט, זיך אַראָפּקייקלען אין טאָל;
און ס׳וועט אַ מיידל צו איר בחור טאָן אַ זאָג זיך ברייט:
— רייס נאָר אויס דעם פעלדז, דו בראַווער, זיי נישט פויל! —
און ער וועט אויסרייסן און אַרויסוואַרפן אויף זיך מיט פרייד.

געבעט פון אַ פּרוי

באַהיט מיך, גאָט. פון אַ קאַלטן ווינט און בייזן רעגן
און פון יעדן שלעכטן פאַל
פאַר דער עופות־שטייג און גאָרטנס וועגן
און פאַר דער קו אין שטאַל.

און אויך דערפאַר, וואָס האָסט מיך אָנפאַרטרויט
— פון אַלטער טאַטע־מאַמע אַ שוואַכער־צווייג —
אַרויסצוציען פון אָט דער ערד, דער מאָגערער און קאַרגער, ברויט
און אויך אַ פייג.

און ווייל איך האָב דאָ אַלץ פאַר ליב געגומען אין מיין וועלט,
און בין צו אַלעם גוטס און שלעכטס באַרייט;
און ווייל די בהמה שרייט, און מאָגער איז די תבואה אויפן פעלד,
און איך בין אויף דער צייט.

אַ חמסין אין שומרון

ווי די דראַקאָנעס קריכן חמסינס היינט אַ גאַנצן אינדערפרי
פון וויסטעניש אַהער.
אין הימל שטייט די זון אין געלן פייערדיקן גלי,
און ס׳לעקט אַ שווערע לעכצעניש די שומרון־ערד.

ווי איין צעגליטער שטיין, ווי איין צעברענטע וווּנד
הענגט דער כרמל צווישן בלוי און בלוי: הימל — ים.
און ס׳וואַלגערן זיך די פעלדזן דאָ — אַ מצורעשער געזינד —
אין זאַמד און פלאַם.

אַ שפּריץ מיט פייער, אַ גאָס מיט הייס.
קאָמאַרעס און אָסעס פליען ראַש,
בייסן, רייסן בייז,
באַשיטן שומרונס ווונד מיט גליענדיקן אַש.

דאָס לעצטע גרעזעלע שטאַרבט אָפּ.
פון האַרטער ערד שטרעקט אַ פּאַלמע אויס נאָך רחמים אירע דאַרע הענט
צום חרמון מיט זיין שנייאיק ווייסן קאָפּ, —
נאָר ס'שפּאָט זיין קילקייט שטיל און בלענדט.

די בלעטער אויסגעפּרעסן, דער קאָפּ פון היץ פאַרדאַרט.
צעביסן און צעקראַצט אויף טויט,
שטייט אַ באַנאַנע־בוים, אַ הייליקער און הוילער, וואַרט
הינטער אַ פלויט.

דער באָקסער־בוים נאָגט נאָך זיינע טיפע וואָרצלען, נאָגט —
זיין פּנים אָבער איז שוין פינצטער אויך.
און אין דער שטומער בראַנד, גלאַנצנדיק ווי אַ שוואַרצע שלאַנג בייטאָג,
די באָקסער־פּיילן פאַלן פון דער הויך.

די דערפער שומרונס שטרעקן אויס די שטעגן אין דער זון
ווי צונגען פון אַ טרוקן און פאַרשרפהט מויל
דאָס בלויע וואַסער פונעם ים אַ לעק צו טאָן —
נאָר ביטער איז דאָס ים־וואַסער — אַ גרויל!

אָ, קליינער שומרון, זיי געטרייסט!
זע: פון עמק שטייגט אַן אַלטער מאַן, פירט אַ יינגל טריט ביי טריט —
ער גייט אויסקוקן פון כרמל, אפשר קומט אַ וואָלקן אָן — ווער ווייס,
און ברענגט אַ שטורעם און אַ רעגן מיט.

רחל

רחל

עס פליסט דאָך איר בלוט אין מיין בלוט,
עס זינגט דאָך אין מיר נאָך איר קול.
רחל, וואָס פּאַשעט די שאָף,
די מאַמע רחל פון אַמאָל.

דערפאַר איז מיר ענג אין דער שטוב
און ס׳איז מיר די שטאָט אַזוי פרעמד —
ווייל ס׳האָט אינעם מדברשן ווינט
געפלאַטערט פאַרצייטנס איר העמד.

דערפאַר טרעט איך דאָ אויף מיין וועג
מיט אַזאַ זיכערן שפּאַן,
ווייל ס׳האָבן פאַרהיט מיינע טריט
זכרונות, פון דאַן נאָך, פון דאַן!

די בשורה

פאַרצייטנס איז שומרון באַלאַגערט געווען
פון שרעקלעכן שונא אין שלאַכט;
זענען פיר מצורעים געקומען צו גיין,
די בשורה פון פרייהייט געבראַכט.

ווי ס׳באַלאַגערטע שומרון — די גאַנצענע וועלט,
און שווער איז דער הונגער — אַ גרויל.
נאָר איך וויל נישט הערן דאָס פריידיקע וואָרט,
אויב ס׳קומט פון מצורעשן מויל.

דער ריינער זאָל קומען! זאָל ער אונדז באַפרייען!
און אויב ס'איז זיין האַנט נאָך נישט דרייסט —
טאָ לאָמיך שוין פאַלן באַלאַגערטערהייט,
ערב דעם ליכטיקן טאָג פון דער טרייסט — — —

אין שאַכט

עס שרייט אַ פּיאָש אין שוואַכער האַנט
פון טיפער פינצט'רער שאַכט:
איך לעב נאָך, כ'לעב! ווו ביסטו פריינד?
אָ. רוף זיך אָפּ, דערוואַך!

אַ טאָג, אַ נאַכט און שטיל און שאַ —
און נאָך אַ טאָג פאַרגייט.
עס פאַלט דער פּיאָש פון שוואַכער האַנט
בלייבן ליגן שטילערהייט.

אין אימה פאַרן טויט, ווי ער,
פאַרשאָטן ביז דער העלפט, —
אויך מיך דער גורל האָט באַשערט
צו שרייען: כ'לעב נאָך, העלפט!

מינוטן — שעהן — יאָרן! ס'גייט
די האָפנונג אָפּ מיט בלוט.
די הילף דעם חברס קומט צו שפּעט,
פאַרשלאָפן די מינוט.

פון תמיד בין איך...

פון תמיד בין איך אַ פאַרקערטע:
געפילן, אין סאַמע דעם בליען,
ווי בלעטער אין האַרבסט פאַלן אָפּעט,
פאַרטראָגן אין ווינט און צעפּליען.

גאָר דו, מאַמע ערד, ביסט מיר שטענדיק,
איך האָב דיך נישט קיינמאָל פאַרגעסן.
אין עלנטע טעג, טעג פון צאָרן,
צי אין טרייסטנדע גוטע מעת־לעתן.

ווי דאַן, אין דער ליכטיקער קינדהייט,
ביסטו מיר אין האַרץ איינגעבאַקן.
כ׳דריק צו צו דיין באַק דער פאַרברענטער
מיינע בלייכע און מיידלשע באַקן.

וואָרט

איך האָב שוין געהערט שיינע רייד אַלערהאַנט,
מליצות — אַ באַרג,
וואָס גייען אַרום מיט פאַרריסענעם קאַרק,
שטאָלץ, עלעגאַנט.

צום האַרץ אָבער איז מיר דאָס וואָרט וואָס גייט אום באַשיידן, ביי דר׳ערד;
איך האָב שוין אַ סך שיינע ווערטער געהערט,
דערפאַר בין איך שטום.

צי וועסטו פאַרנעמען פון שטומקייט אַרויס
מיין שעפּטשענדיק וואָרט,
געפינט ער ביי דיר, ווי ביים ברודער, אַן אָרט,
ווי ביי מוטער אין שויס?

אברהם שלאָנסקי

צום אומבאַקאַנטן

אַ בריוו פון אומבאַקאַנטן — ס׳איז דעם מענטש נישט גוט.
ווי ליב איז יעדער אות פון ציטערדיקער האַנט!
אָ, וואָס האָסטו פאַרשאָלטן, גאָט, אַזוי דאָס בלוט
און ס׳שמייסט דער „לך־לך״ ווי אַ בייטש אויף דאָ אין לאַנד.

איך ווייס דאָ גאָרנישט, כאָטש איך האָב דיין שוועל דערגרייכט.
עס שרייט דער גוף: גענוג! נאָר גיין דאָס בלוט באַפעלט!
דער רעגן גרוי־באַגריוועט הירזשעט אין די נעכט.
אין רייטוואָגן פון האַרבסט געשפּאַנט אין מיטן וועלט.

אָ, ווער ביסטו, דו אומבאַקאַנטער פריינד, איך האָב
זיך אָנגעטרונקען מיט דיין בריוו, ווי ליידן־ווייַן.
נאָר גלייב זיי נישט! ס׳איז פאַלש, אַז מיך געזאַלבט האָט גאָט
מיט פאָלע אָפּצווווישן טרער פון מענטשלעך פּיין.

נישט בעט ביי מיר, אָ פריינד פאַרשטענדיקער, קיין ראָט.
גאָט ווייס די וואָר: איך בין אַ תפילה־אָרעמאַן
איך טרעט אין ווינקעלער די וויינטרויבן פון לייד —
מיר וועלן ביידע טרינקען וויין פון וואַנזין דאַן.

ס׳האָט בייזע נאַכט מיין כרם לאַנג שוין אָפּגעפּליקט, —
עס איז מיין ברודערס בריוו מיט טרערן אויסגעמישט.
איך זע דיך רעגן, סאַרוועד דו, דערלאַנגסט געשיקט
אונדז אַלעמען דעם כוס פון ביטערניש.

דאָס ליד פון משמר

אָ, פעלדזיקער היימלאַנד, וואָס אַלע דיינע מייסטער
נישט האָבן געזונגען אין ליד דיר באַגייסטערט!
איין ליד נאָר נישט אויסגעקריצט האָבן זיי דיר,
דאָס ליד פון פיקעט ביי פאַרהאַמערטער טיר.

אַ שטומער פיקעט קעגן האַנט און פאַרשטויסער
ווי „מנא מנא" הענגט אויף דעם פלאַקאַט דאָ פון דרויסן, —
דאָס איינציקע מויל. וואָס עס שרייט נאָכאַנאַנד:
„פאַרשטויסט נישט די יידישע אַרבעטער־האַנט!"

ער איז דאָ דאָס מויל, וואָס די שטילקייט צערייסט ער
אַנטקעגן קולאַקעס — משיח־פאַרשמייסער,
זייער גלויבן — געשעפט, זייער גאָט איז דאָס געלט,
דורכן לעכל פון גרויש נאָר זיי זעען די וועלט.

נאָר זיי, וואָס בוקן פאַר געלט זיך, די הערן,
זיי וועלן מעכטיקן צאָרן דערהערן?
פאַרנעמען דעם וויי פון פאַרפויסטיקטן האַרץ,
פון שטומען פיקעט פאַר דער טיר וואָס פאַרשפאַרט?

ס'איז שטיל און ס'איז הייס. אַ משמרת אַ שטומע.
נאָר ס'וואָרט פון פלאַקאַט אַראָפּ שטראָפנדיק דונערט,
דער שאַנד־סלופּ פאַר די וואָס צערייסן דעם באַנד:
„פאַרדאַמט דיין אַרויסשטויסער, יידישע האַנט!"

מי

האָבן מיר אַ האַנט אַ קליינע, האָט זי פינגער פינף,
פינגער וואַקסענע און איידל־דינע.
אונטן שלאָגט דער דופק, אויף די שפּיצן — נעגל.
אָ, וואָס טוט מען מיט אַזעלכע פינגער אָט ווי די
אין טאָג פון אַרבעט און פון מי ?

האַמער מעכטיק, לעבנס־דופק !
נעגל, וואַקסט אָן ווילד און גרויס !
ווייל מיר גייען צו דער מי אַרויס !

אָ, ווויל איז אייך, איר פינגער,
וועלכע האַלטן סערפּ אין שניט,
האַלדזן סקיבעס ערד מיט ווילדגראָז,
און ווערן גאָרנישט מיד.
זאָגט זשע איר :
מיט פינגער איידעלע
וואָס וועט ווערן ?

*

טו מיר אָן, אָ מאַמע טייערע, אַ זיידן העמדל
און פיר אַוועק מיך אינדערפרי
צו דער מי.

ס'טוט מיין לאַנד אָן דאָס ליכט ווי אַ טלית.
הייזער שטעלן אויס זיך, גלייך ווי תפילין
און ווי רצועות קייקלען זיך אַראָפּ שאָסייען
פון די הענט.

דאָס איז אַזוי די שיינע שטאָט מתפלל
צו איר שעפער אַ געבעט.
און צווישן שעפער איז דיין זון אברהם,
דער אַרבעטער־פּאָעט.

און פאַרנאַכט — דער טאַטע פון דער אַרבעט קומט אַהיים —
ווי אַ תפילה שעפטשעט ער געהיים:
אוי, מיין טייער קינד אברהם!
הויט און ביין, הויט און ביין נאָר —
געלויבט איז גאָט!

טו מיר אָן, אָ פרומע מאַמע, אַ זיידן העמדל
און פיר אַוועק מיך אינדערפרי
צו דער מי!

דעם מדבר אַנטקעגן

א.

אויפגעהויפנט, אָנגעשאָטן
ליגן זאַמדן ווי מאַמאָטן
אין אַ דורות־רו פאַרגליווערט,
פון יאָרהונדערטער געמיטן,
ס׳קומט קיין מענטש נישט
זיי צעוואַרפן און צעשיטן.

נאָך דער גרויער גייערפויגל אונטער אָוונט־הימל
הייבט זיך אויף פון דאָרן־קוסט,
מאַכט אַ קרייז
און ווערט אַנדרימלט.

און אין דער לבנה־שיין,
אין שטילן גאַנג
ציט זיך ווייט אַ קעמלען־קאַראַוואַן
אין דער גאָלער ליידיקייט אַריין.

און אַ דינעם
נאָגנדן געזאַנג
טראָגט דער ווינט
מיטן גלעקל־קלאַנג:
שאָקל־וואַקל,
וואַקל־שאָקל,
שלאָף אין וועג —
ס'רעדט זיך דורך אַזוי דער מדבר־האַר
מיט זיינע חיילות
פון עק צו עק.

ב.

און מיטאַמאָל
האָט אין דער זון
דאָס אַקער־שטאָל
אַ בליץ געטאָן.

קרעכצן טיף די סטאַדעס זאַמד:
— היי, וועמענס האַנט
האָט דאָס געוואַגט.
און אונדזער קיווער
דורכגעהאַקט?

און אַ קנאַל, אַ סווישטשעריי
טראָגט זיך אום פון באַרג צו באַרג:

— היי!
שנעל, זיפזיף!
גיב דעם ליים!
דערלאַנג צעמענט
אויפצובויען דאָ די היים.

און פון יעדן אייזן־גראָב,
און פון יעדן פעסטן טריט
ציטערט אויף דאָס זאַמד
און פליט.

ג.

שטייען לייטערס צו די ווענט
מיטן קאָפּ,
עמער, צעבער — גייען הענט
אַרויף — אַראָפּ.

ווייס פון קאַלך, פעסט געזוילט —
מיינע שיך.
כלים — שלוחים פון רעוואָלט —
כ׳טראָג מיט זיך.

דיך באַצווונגען קאַראַוואַן
פון פוסט און פאַס,
דווקא דו וועסט גיין אין שפּאַן
צו שטוב און גאַס.

צו פאַרטרייבן קאָס, שאַקאַל,
און דעם אוהו,
מיט יעדן עמער גיסט מיר קראַפט
דווקא דו!

שאַקאַלן אויף די בערגלעך אַרום,
קוקן אויף די הייזער
דערשראָקן און שטום.

ד.

צווישן די הייזער,
צעשטעלט אין אַ ריי,
ציט זיך אַ ווייסער
דער גאַרטל־שאָסיי.

אַ וועג ווי אַ גאַרטל, —
מיט האַמער און דלאָט
קוואַרטל נאָך קוואַרטל
רוקט זיך די שטאָט.

קריכן שאַקאַלן אַרויס פון דעם גראָט
מיט שרעק,
שטילערהייט שעפּטשעט מאַמאָט צו מאַמאָט:
אַוועק!
הילכט אָפּ דעם מדבר'ס געבאָט:
— דעם וועג!

און אין כאָר
זינגט אַ שטאָט,
זינגען ווענט
ליד פון אייזן
און צעמענט:
— האַמער, דלאָט!

דלאָט — האַמער, האַמער — דלאָט,
שטעל, מיין קעמל, פעסטן טראָט.
קנעט. קנעט, הענט, ס'איז זיס די מי
יה־חי־לי־לי־עמלי —

ח.

אַט אַזוי אַ קנעטן פעסטע אַרעמס דעם בעטאָן,
וואַיענדיקער מדבר האָט זיך הינטערווײלעכץ שטיל אַ רוק געטאָן.

נישט געזען, נישט געהערט פון דעם בייזן פלאַן.
און עס שושקעט קאַראַוואַן זיך מיט קאַראַוואַן:

— וואַגט, וואָס שווייגט איר! שטייט נישט, קומט צעשטערט!
און ווי שווערע לאַפּעס צוויי, איז אַרויף אויף אונדז דער חמסין שווער.

ט.

ביסט בייז אויף מיר, פאָטער פון מדברשער שרעק,
אָ. שטיף־פאָטער דו מיט דיין סומנע געמיט, —
און ווי וועסטו מיר דען פאַרגעבן דעם חטא,
וואָס איך האָב דיך אויפגעוועקט מיט מיינע טריט?

די פרייד פון דיין האַרצן איז וויסטקייט און גלות,
דיין לאַנדשאַפט איז דאָרן און ווילדער געשריי.
איך האָב דיך פאַרשוועכט מיט מיין זינגנדן מוט,
דיין וויסטעניש, וועלכע האָט פיינט דעם פאַרזיי.

דעריבער שטרעקט יעטוועדע סאַברע די אָלן
פון דערנער־שטאַכלען אויף איטלעכן וועג,
און טשערעדעס־זאַמדן מיט העלדזער מיט גאָלע —
און חמסין מיט שטעכיקע צונגען אונדז לעקט.

כ׳האָב אָנגעהויבן קנעטן זיפזיף צום בעטאָן
דעם מדבר צו פענטען מיט שטריק פון צעמענט, —
דאַן האָסטו מיר גליאיק אַן אָטעם געטאָן
און יעטוועדעס שטיינדל פונאַנדערגעברענט.

נאָר ס׳לויפן ווי בענדער שאָסייען און וואַלן
און הייזער ווי פויסטן און כאַאָס זיך פיילן,
און ס׳שטוינען און שמועסן בייגאַכט די שאַקאַלן
און יאָמערן קעגן דער שטאָט און זיי איילן.

און כ׳ווייס שוין ערשט. אַז אַ נקמה־געבעט
בייגאַכט וויינט דער זאַמדיקער מדבר און שווערט,
און הויך איבער דראָענדיקען מינאַרעט
שוועבט האַלבע לבנה, אַזוי ווי אַ שווערד.

— היי, ראובן,
— שמעון, היי!
— לענק דעם אַקער
קעגן זיי!

ז.

און ווידער קנעטן אָרעמס דעם געמיש פון זיפּזיף מיט צעמענט.
און אַ ליד פון אויפשטאַנד זינגט די שטאָט אין כאָר פון הענט:

אַקער, פלייס זיך,
רייס דעם שטיין.
ס׳וועט אַ גרויסע
שטאָט דאָ שטיין.

העק און זעגן,
האַמער, דלאָט —
דאָ אַנטקעגן
זאַמד — אַ שטאָט!

וויגט זיך, וויגט
דאָס ליד פון פרייד

און צעפּליקט
די גליוּוער־קייט.

אָ, שפּאַן פּאָרויס און שפּאַן געזונט,
אָרקעסטער פון רעוואָלט און בונט!

ש. שלום

וווּנדער טרינק מיין האַרץ

וווּנדער טרינק מיין האַרץ, מיין האַרץ טרינק וווּנדער־פרייד,
טאָג צו טאָג דערלאַנגט, נאַכט צו נאַכט דערגייט.
וואַרף פון זיך לבוש, פאַרטויך אין שאַרף און וויר,
אַנטפּלעקונג יעדעס בילד, וויזיע יעדער ריר.

גיי אין וועג מיין האַרץ, מיין האַרץ, אַ גיי אין גאַנג,
דאָרט ווּ מענטש איז גאָט און טאַנצן טאַנצט דער צוואַנג,
און ווּ דו רוסט זיך אָפּ און ווּ דו שטעלסט אַ טראָט,
שפּאַנט מיט דיר דער גייסט, רוט מיט דיר דער סוד.
ליד, מאַך־אויף מיין האַרץ, מיין האַרץ, דאָס ליד מאַך אויף,
צו ליכט, וואָס האָט קיין ברעג. צו שיינקייט אָן אַ סוף,
הייב אויף דעם כוס און טרינק צום טרויער, צו דער פרייד,
יובל פאַרן לעבן און יובל פאַרן טויט.

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער...

אויפן קבר פון אַ יידישן וועכטער

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער.
פאַרן תהום פון בלוט דעם אויפגעפראַלטן
ביסטו געשטאַנען, אומבאַקאַנטער, וואַך געהאַלטן —
זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער...

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער,
דערפאַר, וואָס דו ביסט נישט באַשאַפן צו אַנטלויפן,
דערפאַר — ביסט נישט געווּינט דיין זיג פאַר מאָרד צו קויפן —
זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער!

זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער,
דעם אמת, די גערעכטיקייט מיט דיר אינאיינעם.
אַזוי ווי'אַ קינד, אַ לויטערן, אַ הייליקן און ריינעם —
זיי האָבן דיך געטויט, מיין ברודער!

דוד שמעונאָוויטש

אָ, זיי געגריסט...

אָ זיי געגריסט מיר, לאַנד פון טרוים!
אָ זיי געגריסט מיר, וויסטע פּראַכט!
איך בלאָנדזשע שווייגנדיק אַרום
אויף דיינע חורבות טאָג און נאַכט.

איך שפּרייז מיר פּאַזע ים אַזוי,
איך קלעטער אויפן כרמל שטיל,
ווי ווייַן טרינק איך דעם חרמון־טוי
און שלייך אין פעלדזיקן גליל.

עס שוידערט מיך דיין קעלט ביינאַכט,
מיך צערט בייטאָג דיין פייער־בראַנד —
נאָך זיי געבענטשט, קעלט פון מיין נאַכט,
און דו אויך, פלאַקער פון מיין לאַנד.

און ווען מיין טאָג זיך נייגט צום ראַנד —
פאַרגיי איך מיט געבעט:
זאָל אָנטרינקען זיך מיט מיין זאַפט
מיין טרערן־היים, מיין טרוימען־לאַנד,
זיך אָנטרינקען צו זעט.

נישט פּייערלעך און זאָרגלאָז

נישט פּייערלעך און זאָרגלאָז, נישט מיט צעיובלטע געזאַנגען
זענען מיר אַהער אין לאַנד אַוועק, זענען מיר אַהער דערגאַנגען.

ס׳האָבן פויקן נישט געפּייקלט, בלומען נישט באַקרוינט אונדז מיט נצחון —
אויגן האָבן מיר געבראַכט מיט גלויבן און אַ האַרץ פול מיט בטחון.

צו באַפּרוכפּערן די גאָלע פעלדזן און די וויסטע צו פאַרשטערן —
האָבן רידל מיר אין האַנט גענומען און די שווערד אויף זיך צו ווערן.

איז וואָס, אַז שטורעם קומט אין וועג אונדז, איז וואָס, אַז ווירבל גייט אַנטקעגן?
שוין נישט איין מאָל איז דאָך אונדז דער בלאַנקער חלף אויפן האַלדז געלעגן.

צווישן לייבן שוין געזעסן, וועט אונדז שרעקן איצט דאָס וויִען פון שאַקאַלן?
הרי־חושך דורכגעשניטן, וועט אַ שרעק פאַר שאָטנס אונדז באַפאַלן?

מירן זינגען אין דער מי — מעגן ווילדע קעץ און היענעס קלאָגן,
אויפן ירדן, אין גליל און אין שרון, וועלן מיר די ברכה טראָגן.

נישט פון בלוט און קריג איז אונדזער ליד — דאָס ליד פון שאַפן און פון פריידן.
ס׳איז זיכער אונדזער ליד און מוטיק, כאָטש רויק און באַשיידן.

דער יובל פון די פורמאַנעס
(אידיליע)

אַ וואָס פאַר אַ נאַכט איז די נאַכט? אין דער דאָזיקער צייט אויפן „בערגל״
איז תמיד דאָך שטיל. עס שלאָפן די איינוווינער פון די געצעלטן
געשמאַק נאָך דער אַרבעט. נאָר שטיל גייט דער שומר, די ביקס אויפן אַקסל,
אַרום פאַר די ווייסע געצעלטן, אָדער דער יונגער פאָעט גייט
אַרויס אויף אַ רגע פון צעלט מיט דער ליכטיקער נאַכט זיך צו קוויקן.
ער הייבט אויף דעם בליק צו די בערג, פאַרצויגן מיט זילבערנע וואָלקנס,
ער קוקט אויף די שייטערן־צונגען, וואָס פלאַקערן רויט אינעם נעפּל,
ער כאַפּט אויף דעם ציטער, דעם פייערלעכן, פון די אייביקע שטערן,
ער הערט פון דער ווייט דעם פאַרטייעטן רויש, דעם פאַרשטיקטן, פון ים,
פון ים הגדול; ער אָטעמט אַ פולע ברוסט אין זיך איינעט
די לופט פון געלייטערטן מרחב אין טויאיקער נאַכטיקער קילקייט,
ער זיפצט אָפּ פון שפע געפילן און ר׳גייט צו צום שומר און פרעגט אים
אַ פראַגע אַזוי עפּעס סתם, און ער גייט אַריין שלאָפן... און ווידער
אַ שטילקייט אַרום, נאָר דער שומר גייט אום מיט דער ביקס אויפן אַקסל
אַרום די פאַרשלאָפענע ביידלעך. און דאָס זענען די צעלטן־באַוווינער:
צום ערשט גייט די ליטווישע קבוצה, פאַרנעמט ערשטע שורה פּאַלאַטקעס.
סך הכל אַ צוואַנציק פּאַלאַטקעס, וואָס טיילן אַזוי לויט די שטעט זיך:
ניין געהערן ווילנע, און קאָוונע האָט פינף געצעלטן, און צווי, בלויז
צו צווי — פאַר די שטעט פון פראָווינץ, פאַר סמאָרגאָן, קאָשעדאַרי
און סטאָלין.
(מען רופט ביי די נעמען זיי אַלע. ווייל מיט די געבורט־שטעט עס גרויסן
די ליטוואַקעס זיך. מען האָט איינמאָל אַ פרעג געטאָן איינעם אַ ליטוואַק:
„איר זענט נישט פון לאָנדאָן?״ האָט ער זיך באַליידיקט און געענטפערט
מיט רוגזה:
„וואָס עפּעס פון לאָנדאָן? איך בין דאָך אַ טעלזער, פון טעלז טאַקע גופא!״)
ס׳איז יעדער פון זיי אַ בן־תורה און טרוימען פון ציון פון קינדהייט.
זיי אַרבעטן טריי אויפן פעלד און פאַרשפּרייטן „קולטור״ אין דער מחנה.
די חצרותער זענען צופרידן מיט זיי, כאָטש מען האָט נאָך אַ ישוב:
דאָס ליטווישע קעפּל איז שאַרף און ווער ווייס וואָס ער קאָן נאָך אויספּלפּלען.

גאָר אַנדערש זענען די דרומדיקע פון ים פון דעם שוואַרצן:
זיי שטאַמען פון האַלב־אינדזל קרים און זיי וווינען אין צוועלף געצעלטן,
טייוואָלים אין זינגען און טאַנצן, געוואַלדיק באַליבט ביי די מיידלעך,
ביי די שיינע חצרותער מיידלעך. ס'איז אמת, אַז זייער העברעיש
הינקט אונטער אַ ביסל, נאָר ס'קאָנען די מיידלעך זיך בלויז אויפן וווּנק שוין.
די געצעלטן די דייטשע — ניין, אין אַ קרייז אויסגעשטעלט זענען זיי,
טיר קעגן טיר — אַ סימן אַ גוטער פון ברידערלעכקייט און פון אחדות,
און ברייט איז דער ראָד און אין אים אינדערמיטן — אַ לייטער און סלופּעס,
אַ שפּרינגברעט, טראַפּעזן און פילקעס און אַנדערע גימנאַסטיק־מכשירים,
סטודענטן פון דייטשער הויכשול, מיטגלידער פון דעם „בר־כוכבא", —
איז טוען זיי אַרבעטן שווערע, ווי עפּעס אַ הייליקע טואונג.
די ערנסטע פּנימער דריקן אַ קאַפּעלע גאווה אויס, עטוואָס,
הגם זייער האַלטונג איז, אמת, גאַנץ שטיל און באַשיידן.
עס חוזקן שטיל די קרימטשאַקעס פון זיי: „אַ ליטווישער בחור,
הגם ער איז אויך אַ מתנגד, נאָר טאָמער גיסטו אים אַ קיצל,
וועט ער זיך צעלאַכן ווי'אַ מענטש, און כאַפּן אַ טענצל ווי אַ חסיד,
נאָר אָט אָ די דייטשן, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ אָפּגעריכט גלות,
זיי שאַפן דאָ „ווערטן נייע", זיי זענען מקדש דעם שם פון דער אַרבעט
און האָבן אַ פּנים דערביי ווי אַ קדוש און זויער ווי'אַן אתרוג.
די גאַנצע וועלט ליגט אויף זייערע פּלייצעס, די גאַנצע אחריות".
באַלד נאָך דער ראָד ליגן אויסגעשפּרייט נאָך דריי און דרייסיק געצעלטן.
דריי שורות, צעטיילט אין דער לענג, און עס וווינט דאָרט דער ערב־רב איצטער.
פאַרוואָס עפּעס ערב־רב? ווייל ווו עס האָט נאָר דער גלות אַ העק —
פון אומעטום שטאַמען די בחורים, די איינוווינער פון די געצעלטן.
זיבן און אַכציק נפשות פון פינף און צוואַנציק מדינות,
אין בית־חלוצים באַגעגנט זיך און זיך צוזאַמענגעשלאָסן.
מען רופט זיי „כל יכול־לעגיאָן", ווייל ביי זיי זענען אַלערליי ספּעצן,
זיי פליען אין לאַנד אום, פון איין עק צום אַנדערן, לעבן־אויף וויסטעס,
זינגט דורות און יובלות, זיי האַקן אין בערג אויסעט וועגן,
זיי גראָבן אין פעלדזן קאַנאַלן, זיי טריקענען זומפּן און בלאָטעס,

זיי בויען־אָפּ חורבות, באַוואַסערן טרוקענע מדבריות.
ערשט זענען זיי דאָ אין חצרות געקומען, פון בערג האָקן שטיינער,
(מען בויט אַ סך אינעם לאַנד און עס פעלן אויס בוי־מאַטעריאַלן)
אַוועקגעשטעלט זייערעביידלעך אין גבעת־הגורן דער שיינער —
ז׳געווען אַזאַ שמחה מיט זיי — אַז איינער פון גרויסער התפעלות
אַזש האָט אַ געשריי געטאָן „ערב־רב״ און ס׳איז אַזוי שוין פאַרבליבן.
און נאָך אָט דעם „ערב־רב״ וווינען די היינטיקע פירער פון דור,
איך מיין, די חצרותער פורמאַנעס. לאַנג איז קיין יידישער פורמאַן
צוליכט נישט געווען אויף דער גאַנצער קאָלאָניע, נאָר זינט די פורעניות,
האָט דער קאָלאָניסט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן חשבון. דער ערשטער —
דער פּרדסניק כּרמי געמומען אַ חלוץ צו זיך פאַר אַ פורמאַן,
און ס׳האָבן חלוצים אַ נאָמען געגעבן „פירער פון דור״ זיי,
און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אין גבעה מיט פרייד און אַ הוראָ! —
זיי האָבן געצעלטן נאָר צען און זיי וווינען אין זיי זאַלבע דרייסיק.
די רעשט האַלט זיך אויף אין קאָלאָניע חצרות ביי די באַלעבאַטים —
פופציק צוזאַמען, און דאָס איז דער תוך פון דער היינטיקער שמחה,
געטראַכט און באַשלאָסן: אויב שוין אַ יובל פון יאָרן פון פופציק,
פאַרוואָס זשע נישט פּראַוון גלייך אויך אַ יובל פון פופציק פורמאַנעס?
דער איינפאַל האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַלע געצעלטן־באַוווינער
אין גבעת־הגורן, און מ׳האָט זיך געפרייט מיטן יובל דעם נייעם,
דער פורמאַנעס־יובל האָט מען אים גערופן — אַ זעלטענער אויפטו!
זיי האָבן געיאָגט די חתנים פון יובל, זיי זאָלן זיך גרייטן
און ס׳איז דאָך אין ערגעץ נישט שענער צו פּראַוון דעם יום־טוב, ווי
אין דער „גבעה״.
שווימט די לבנה, פאַרפלייצט מיט די שטראַלן גאַנץ גבעת־הגורן,
די זילבערנע לייוונט־געצעלטן, די פאַרביקע פריילעכע חברה;
נ׳אָט זענען די געסט פון דער שמחה: די איינוווינער אַלע פון גבעה,
אויך זייטיקע אַרבעטער פון נאָנטע קאָלאָניעס יהודהס;
די שיינע חצרותער מיידלעך אין ווייסע פאַנטאָפל און קליידלעך
(אַ ווינט גאָר אַ נייער האָט אָנגעהויבן בלאָזן צווישן דער יוגנט:

מען שעמט זיך שוין מער מיטן אַרבעטער נישט, מען זוכט גאָר זיין
פריינדשאַפט,
נאָך מער: מ'האָט אָנגעהויבן רעדן אַליין וועגן שיינקייט פון אַרבעט,
אַ טייל פון זיי טרוימען אפילו פון גערטנער, גרינוואַרג און עופות,
נאָר איצט, לעת עתה, באַגיסן זיי יעדן פאַרנאַכט בלויז די בייטן,
די בייטן מיט בלימעלעך קליינע, וואָס שפּראָצן ביי זיי פאַר די פענצטער,
און שיטן אויך קערנער אַרויס פאַר די שטובן ביי זיי אין די הויפן.
זיי פרייען זיך שטאַרק מיט דעם יום־טוב און זענען געקומען אין מאָסן.
אַרום זיי, ווי בינען ביי בלומען, זיך ראַיען די בראַווע קרימטשאַקעס.
דער פּרדסניק כרמי, אָט דער וואָס געווען איז דער ערשטער צו נעמען
אַ פורמאַן — אַ חלוץ, אַ ביישפּיל פאַר די באַלעבאַטים פון חצרות,
ז'געקומען צו גיין און האָט אַ מתנה געבראַכט אַ זאַק מיט מאַנדלען.
און כאָטש ר'האַלט שוין קרוב פון פופציק, ז'ער גראַד און שטאַרק ווי אַ דעמבע,
ס'איז זיכער זיין טראָט, און די הענט זיינע שטאַרקע ווי אייזערנע פּרענטעס,
געדיכט באַטשופּרינעט דער קאָפּ, כאָטש ס'וואַרפט זיך שוין ווו נישט ווו
גרויז דורך.
ער פליט ווי אַ בעדוין אויפן פערד און זיין ביקס מאַכט נישט קיינמאָל
קיין טעות.
אַמאָל פלעגט ער אָפּלאַכן פון די חלוצים און רופן שלימזלען,
נאָר זינט ר'האָט געזען, אַז זיי קאָנען דעם שונא אַ קלאַפּ, ווו מען
דאַרף, טאָן —
ט'ער אָנגעהויבן ליב האָבן זיי און פאַרברענגט מיט זיי גערן צוזאַמען.
יורם, אַ סוחרס אַ זינדל — פון דער תל־אביב־„אַקאַדעמיע"
אַוועק און געוואָרן אַ חלוץ, ער אַרבעט איצט ביי די שאָסייען, —
ז'געקומען צום „פעסט" און געבראַכט מיט זיך טייערע צוויי פלעשלעך
קאָניאַק,
געקויפט פאַר זיין אייגן פאַרהאַרעוועט געלט — אַ מתנה די פורמאַנעס.
זרחי דער עסקן דער זשוואַוועד — פון דער פאַרטיי, פון „העובד",
אַ חריף, אַ גאון, אַ מומחה מסדר צו זיין רעזאָלוציעס,
אַ פאַרזיצער אַזש פון דרייצן קאָמפּאַניעס. קאָמיסיעס און קאָמיטעטן,
ז'געקומען פון יפו צום אָוונט, צו פאַנגען אַ ביסל „נשמות"

פאַר זיין פּאַרטיי און פאַר איינוועגס אַ שטאָך טאָן דאָרט דעם „העמל״.
אויך גחלי, דער פּלאָמיקער רעדנער, דער פאַרשטייער פון דעם „העמל״,
זיין רעדן איז פייער און פלאַם, זיין איראָניע איז שאַרפער ווי שווערדן,
בכוח צו באַגייסטערן אפילו אַ טויבן, אַ שטומען, אַ שטיין —
איז געקומען פון יפו צום יובל, צו פאַנגען אַ ביסעלע נשמות
פאַר זיין פּאַרטיי און גלייכצייטיק שטורמען די זינד פון „העובד״.
דאָס זענען די געסט פון דער שמחה. חוץ זיי זענען דריי נאָך פאַראַנען:
דריי שיינע אכטיעריקע יינגלעך, יגאל, עמיקם און רענן,
דריי איכרשע קינדער אַרויסגעכאַפּט זיך פון שטוב בגנבה
און נאָכגעשלעפּט זיך נאָך דער שוועסטער אין גבעת־הגורן צום יובל.
דער גרעסטער פאַרלאַנג, אַז זיי וועלן זיין גרויס, איז צו זיין בעל־עגלות.
דער השובסטער פון אַלע דריי איז עמיקס, דערפאַר וואָס אַ זשרעבאַק
נישט לאַנג איז געבוירן געוואָרן ביי זיי, איז ער שטאָלץ מיטן זשרעבאַק,
יאָ, אָבער אויך רענן איז נישט אַבי ווער, ווייל נישטאָ נאָך זיין גלייכן
אַ יינגל זאָל שרייען אַזוי ווי אַן אייזל און יאָמערן ווי אַ שאַקאַל.
אַצינדערט אין גבעת־הגורן פלאַטערן זיי ווי די רוחות,
זיי ציען די שוועסטער די קליידער און פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס,
זיי הירזשען, זיי מרוטשען, זיי קרייען, זיי וויִען אַזוי ווי שאַקאַלן,
אַ גוטע געלעגנהייט, גרויס איז די שמחה, ווי קאָן מען דען שווייגן?
איז דורך צווישן עולם דער פויקער, ער קלאַפּט אין אַ ליידיקן נאַפט־בלעך.
אַ רגע איז שטיל און דעם טאַנץ האָבן איבערגעריסן די טענצער,
די זינגער זיי הערן אויף זינגען, זיי שטופּן צום טיש זיך, צום קאַסטן.
שטייט דאָרט אַ בייכיקע פּאַס און אויף איר אין דער הייך שטייט דער בחור,
דער, וואָס האָט געטיילט פון איר ווייַן, אונטערן אָרעם דעם בייטשל,
ער איז שר־המשקים און קאָמענדאַנט פון דער הייַנטיקער שמחה.
דער ברייטער, דער שטרויענער הוט, מעשה פורמאַן, פאַררוקט אויפן נאַקן,
די שוואַרצע געקרויזטע טשופּרינע ווילייַנגעריש אַראָפּ אויפן שטערן,
אַ מוטיקער בליץ אין די אויגן, און ב׳האַלטענער שפּאָט אויף די ליפּן...
מען רופט אים דער מגיד, ר׳קאָן דרשענען פונקט ווי די אַלטע מגידים,
מאַכט נאָך העוויות, דעם חיתוך הדיבור, און זייערע תנועות.
„רבותי — הייבט ער אָן זיין דרשה — אין ילקוט הקטן פון רבין

ר׳ אחד העם ווערט געבראַכט, אַז די יידישע גאולה וועט קומען
נישט דורך דיפּלאָמאַטן, פּאָליטיקער, נאָר דורך נביאים.
אין פלוג איז דער מאמר דאָך קשה: נביאים, אַ וואָסערע מיינט ער?
זאָל איך זאָגן נביאים ממש און לייענען דעם פסוק כפשוטו —
טאָ דאַרף דאָך זיין נביא און נישט גאָר נביאים, וואָרן ס׳שטייט דאָך
„הנה אנוכי שולח לכם את אליהו הנביא
לפני בא יום ה׳״ — כ׳וועל שיקן צו אייך אליהו הנביא
פאַרן קומען פון געטלעכן טאָג, איז וועמען זשע מיינט ער?
דאַרף מען לערנען דעם פשט, אַז ער מיינט נבי מוסה און נבי רובין
און נבי צלח. וואָרן חלילה, נישט זיי, וואָלטן מיר נישט זוכה געווען
עד היום צו אַ פורמאַן אַ יידישן אין די קאָלאָניעס די יידישע
פון פתח־תקוה דער רביצין, ביז דער מאָדערנער גדרה
און פון דער פּראָסטער חדרה ביז ראשון, דאָס איידעלע קינד״.
אַזוי האָט געענדיקט דער דרשן. ס׳האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם,
די צוהערער האָבן הנאה געהאַט פון דעם פשטל דעם שאַרפן,
נאָר דורך זייער לייב איז אַ שוידער אַדורך, ווייל זיי האָבן דערמאָנט זיך
ד׳אַראַבישע גרויסע חגאות, וואָס הייסן אַזוי מיט די נעמען:
נבי מוסה, נבי רובין און נבי צלח,
ווען ס׳האָט שיער די כוואַליע פון שנאה צעטראָגן ס׳געצעלט פון ישראל,
פאַרניכטנדער שטורם ט׳געדראָט אויסצולעשן דעם פונק שוין דעם לעצטן.
דער איינפאַל געווען אָבער גוט איז און מ׳האָט זיך גאָר האַרציק צעלאַכט.
בלויז איינעם האָט עטוואָס פאַרדראָסן די דאָזיקע דרשה די קורצע,
און, נעמלעך, דעם פּרדסניק כרמי, הגם ר׳האָט געוווסט, אַז גאַנץ ריכטיק
גערעדט האָט דער מגיד: אַ יידישער פורמאַן נישט ג׳האָט האָט קיין צוטריט
אין ערגעץ, אין קיין שום קאָלאָניע און אויך נישט אין זיינע, אין חצרות.
ער קאָן זיך נישט איינהאַלטן, אָנגעמען מוז ער זיך פאַר זיינע לייט,
נישט לאָזן באַליידיקן, זאָגט ער: „גאַנץ שיין ט׳איר געדרשנט, מיין ליבער,
און כאָטש איך אַליין בין אַ פּראָסטער און כ׳ווייס נישט און כ׳וויל גאָר־
נישט וויסן,
ווער ס׳איז דאָרט דער תנא ר׳ אחד העם, בין איך מודה, זאָג אָפן:
געווען פון אונדז איכרים אַ חטא, וואָס מיר האָבן די חלוצים דערווייטערט!

און איר אָבער דאַרפט אויך נישט לייקענען, אַז איר און אויך אייערע
חברים

— הגם איר זענט אַלע סטודענטן. געלערנטע, ווייסערס און רעדנער —
זענט איר, ווען עס קומט צו דער שטאַל, כ׳בעט אייך איבער, נאָך יינגלעך,
און ווער פון אייך קאָן אונטערשיידן אַ פערד פון אַ פרד?״

געענדיקט זיין רעדע, ט׳ער אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט און געוואָרפן
אַ בליק פון נצחון אַרום: נו פאַרמאַכט אייך דאָס מויל, האַ, סמאַרקאַטשעס!
אַ ווייל האָט דער מגיד געשוויגן, נאָר באַלד מיט קלוגיטשקן שמייכל
געענטפערט: „גאַנץ שיין פון אייך, כרמי, וואָס ר׳ווילט גאָרנישט וויסן
ווער אחד העם איז, דאָך ווער עס איז דוד המלך געווען
דאָס ווייסט איר געוויס, און זייט מודה. אַז גאָרנישט קיין בטלן, קיין חלוץ!
פון דעסטוועגן איז ער אין שטאַל פונקט, ווי מיר, אַזאַ חכם געווען.
ער זאָגט דאָך בפירוש אין תהילים: כסוס, כפרד אין הבין.
דאָס הייסט, ס׳איז שווער צו פאַרשטיין פון אַ פערד ביז אַ פרד...
ער האָט נאָך נישט ג׳ענדיקט, דער עולם האָט הילכיק פונאַנדערגעלאַכט זיך.
באַזונדער האָט כרמי הנאה געהאַט פון דער וויציקער דרשה.
ר׳האָט ממש געפּלאַצט פון געלעכטער און לאַכנדיק האָט ער געשטאַמלט:
יאָ, כ׳לעבן זיי זענען שוין גאָר קיין נאַראָנים נישט, גאָר קיין בטלנים!
געלאַכט האָט גיריק זרחי דער זשוואָווער, געלאַכט האָט דער פלאַמיקער גחלי.
זיי האָבן זיך צוגערוקטביידע נאָר וואָס צו דער בינע דעם קאַסטן,
זיי האָבן זיך ביידע געכיטרעוועט זי צו פאַרכאַפּן און טריפן
די לויטערע רייד אויפן עולם, נאָר ס׳האָט דער מנהל פון יובל
פאַרשטאַנען באַלד זייער כוונה און נישט אָפּגעטרעטן פון אָרט זיי.
ער האָט זיך געווענדעט צום עולם: „רבותי, געענדיקט די רעדעס,
בלויז ס׳לעצטע וואָרט איז געבליבן — מיר זענ׳ זי מכבד בן־ארצין
איידער מיר ווען צעגיין זיך, און איצט צו דער כוסה און אַ טענצל!״
און תיכף האָט די גבעה זיך הילכיק מיט לידער פונאַנדערגעקלונגען,
געציטערט פון פעסטן גאַלאָפּ, פון דעם רוישיקן, שטורמישן טאַנץ.
דאַן אויסגעדרייט האָט ער דעם קאָפּ צו די רעדנער, צו זרחין און גחלין,
וואָס זענען געשטאַנען נאָך אַלץ ביי דער בינע מיט באַליידיקטע מינעס,
אַ פנים געמאַכט, ווי ער וואָלט זיי איצט נאָר־וואָס דערזען און געזאָגט:

עס זאָל אייך נישט ווערן גערעכנט, וואָס איר האָט היינט אונדז אָפּגעטאָן גאָר.
וואָס האָט איר אַזוי זיך באַהאַלטן און גאָרנישט דעם עולם מהנה געווען?
פון דעסטוועגן, כאָטש איר׳ט באַליידיקט אַזוי די פורמאַנעס, פאַרשעמט זיי,
וועט אונדז זייער אַנגענעם זיין, אַז ר׳וועט מיט אונדז טרינקען לחיים!
ער האָט אָנגעגאָסן צוויי קווערט און געגעבן זיי זרחין און גחלין.
זיי האָבן זיךביידע פאַרלעגן געפילט און פון גרויסער פאַרלעגנהייט
געזאָגט זיך „לחיים״! און וויין ביזן דעק אויסגעטרונקען.
די לבנה איז אונטערגעגאַנגען, דער הימל איז טונקל געוואָרן.
דער גלאַנץ פון די שטערן ווערט פלאַמיק, אַזוי ווי אַ צונטער.
נאָך דעם די לבנה איז אונטערגעגאַנגען, ז׳געקומען די אמתע
צייט צו צעפלאַקערן זיך מיט דער ערשטער באַהאַלטענער שיינקייט.
עס פינקלט די שיין אַזוי פריש, אָט־אָט און עס דאַכט זיך, זי שעפּטשעט.
עס דאַכט זיך: דו שוויג נאָר אַ ווייל, וועסטו הערן דאָס ווייטע געזאַנג.
אויפן טונקעלן סאַמעט פון תכלת עס שפּינען זיך גאָלדענע נעצן,
געהיימע און פלאַמיקע שריפט, ווי די אייביקייט וואָלט איצט אַנטפּלעקן
פאַר אונדז אירע סודות... שטילערהייט האָט זיך דער יונגער פּאָעט
פאַרקוקט אויף די טיפע צעפייערטע הימלען, געזויגן די שיינקייט
פון זיי מיט די אויגן און דאָרשטיק געטרונקען די ליכט, ווי ער וואָלט זי
געוואָלט דווקא איינזאַפּן אין זיך, זאָל ווערן אַ טייל פון זיין לעבן.
אויך ער איז געווען פון די פופציק פורמאַנעס אין חצרות. צופרידן
איז ער מיט זיין עובדה. ער אַרבעט געטריי און האָט ליב פערד און וואָגן.
אויך איינער פון די אַגיטאַטאָרן פון יובל איז ער.
זיין האַרץ איז גערירט און באַגייסטערט. דער יום־טוב — זיין אייגענער
יום־טוב —
דאָך איז ער צום טאַנץ נישט אַרויס און זינגט מיטן עולם נישט מיט,
זיך אויסגעדרייט בלויז צו דעם פריינד, וואָס געשטאַנען מיט אים איז
צוזאַמען
(זיי ביידע — געטרונקען לחיים צו עטלעכע מאָל און געווען שוין
אַ ביסל בגילופין. דער דאָזיקער חבר האָט ליב געהאַט דעם דיכטער
מיט צערטלעכער ליבשאַפט און אים פאַרגעזאָגט גאָר אַ ליכטיקע צוקונפט)
און זיך אָפּגערופן: כ׳האָב דורכגעמאַכט פיל, זינט איך בין דאָ געקומען.

נאַטור האָט געעפנט איר בוך, נאָר איך האָב נישט געקענט אין אים לייענען.
ווערטער גאָר פרעמדע און נייע, און ניי און נישט היימיש דער אינהאַלט,
הגם עס האָט באַלד מיר געלאָקט זייער סוד און געפילט דעם באַהאַל־
טענעם כישוף —
ביז איצט דאָך האָט ס׳האַרץ נישט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ פויגל צום נעסט
און ס׳האָט זיך אַן עכאָ אַ פולער פון טיפן געמיט נישט צעקלונגען.
נאָר אין דערהויבענע רגעס באַווייזט זיך דער רוח־הקודש,
עס שלאָגט אויף אַ כוואַליע געפילן, עס בליצט און עס דונערט מיט
וויזיעס —
אויף דאַן פלעג איך זען פאַר זיך בילדער, נישט פון ארץ־ישראל, נאָר ווייטע...
בילדער פון לאַנד אין דער פרעמד, וווּ געשטאַנען די וויג פון מיין קינדהייט.
די קינדהייט איז הייליק, און הייליק און טייער זענ׳ אירע זכרונות.
ס׳איז הייליק, געהייליקט די ערד, וווּ עס איז אונדזער וויגל געשטאַנען.
דער הימל, וואָס האָט אונדזער אויג אָנגעטרונקען דער ערשטער מיט ליכט,
די לופט, וואָס האָט איינגעאָטעמט צום ערשטן אונדזער קינדערשע ברוסט,
די רוסישע לאַנדשאַפט, די קלאַנגען, וואָס כ׳האָב איינגעזאַפט אין מיין
פרילינג,
די שאָטנס פון טונקעלן וואַלד און דעם רעש פון די שטראָמיקע טייכן,
די פרייקייט פון סטעפּעס פון גרינע און ס׳גאָלד פון די אָפענע פעלדער,
די שטורעמס פון שיינענדן פרילינג און דער אומעט פון ווײנענדע האַרבסטן,
די שטומקייט פון שנייען אין ווינטער, דער צער פון אומענדלעכע ווייטן —
האָט איבערגעפילט מיר דאָס האַרץ, אַז כ׳האָב גאָר אַליין נישט געוווּסט
ביז כ׳האָב דאָ נישט לאַנג איצט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז מיין געמיט
נאָך אין גלות...
געקוקט אויף אַ פּרעכטיקער פּאַלמע, נ׳געבענקט נאָך אַ ווײנענדער בזשאָזע,
דער בליענדער ווינטער מיך צויבערט, און כ׳טרוים גאָר פון שנייאיקע
סטעפּעס.
איך זע, ווי ס׳איז שיין די נאַטור דאָ אין ארץ, און כ׳ווייס, זי איז מיינע,
נאָר איז נאָך אין האַרץ נישט פאַרוואַקסן, אַ טייל פון מיר נאָך נישט געוואָרן.
אָ, גלייב מיר, די קנאה איז תמיד געוועזן מיר פרעמד און אויך איצטער,
נאָר נ׳ארץ ישראל האָב איך אָנגעהויבן פילן אַ קנאה, אַ שטאַרקע,

אַ הייסע און ברענענדע קנאה. און דאָך וועסטו קיינמאָל נישט טרעפן
ווער ס׳זענען געווען די גליקלעכע. ס׳זענען געווען די היגע,
די תושבים פון לאַנד און באַזונדער — די קינדער אין לאַנד דאָ געבוירן.
איך האָב שוין אַ סך דורכגעמאַכט און פון דעסטוועגן לאַנג נישט פאַרשטאַנען,
אַז ס׳איילט זיך נישט שטאַרק די נאַטור אָפּצוואַרפן דעם שלייער פון פנים
פאַר יעטווערן פרעמדן און גאַסט. און דערווייל האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן.
שאָסייען געשניטן אין גליל, האָב שטיינער געהאַקט און די זון האָט
געגליט אויף די קופּעס חצץ, ווו איך בין געזעסן און דאָך נישט
געטריקנט די ריטשקעלעך שווייס, וועלכע זענען פון פנים גערונען.
פון דער רעכטער זייט — בערג, און פון לינקער זייט האָט זיך דערטראָגן
דער רעש

פון דעם ים הגדול, נאָר קיל איז דאָס האַרץ מיר געבליבן, פון ווייטן.
געווען בין איך מיד און צעבראָכן — נאָך דעמאָלט אַ פריץ אין דער אַרבעט,
נישט ג׳וואָלט אָבער אָפּשטיין, כ׳האָב ממש קיין צייט נישט געהאַט דעמאָלט
אַ קוק צו טאָן ווען אויפן הימל, אַרומקוקן זיך אויף דער לאַנדשאַפט.
נאָר אין די חלומות ביינאַכט, פלעג איך צייטנווייז פלוצלינג דערזען
די בערג פון גליל, אינעם הימל, פאַרנומען דאָס ריזלען פון קוואַלן,
און אויפוואַכנדיק אינדערפרי, בין איך מונטער און פריילעך געווען...
דערנאָך אין יהודה, געפלאַנצט אין קרית יערים די וועלדער,
כ׳האָב כרמים געגראָבן אין רחובות, געאַקערט דאָס פעלד אין באר־טוביה.
געווען אַ שומר אין גדרה, באַוואַסערט די גאָלדענע פרדסים
אין פתח־תקוה, געקליבן אין ראשון, בקיצור געהאָרעוועט,
געטאָן אַלע אַרבעטן שווערע און גרינגע און סוף־סוף געוואָרן
מיט מזל אַ פורמאַן. כ׳האָב אויפגעהערט טראַכטן פון נאַטור מיט איר
שיינקייט,
כ׳האָב לאַנג געהאַט פאַרוואָרפן, פאַרגעסן די פעדער, נאָר דאָ האָב איך
איינמאָל
ביינאַכט, ווען איך בין פאַר דער שטאַל־טיר געזעסן, דערפילט אַזוי פלוצלינג,
ווי ס׳איז מיר אַ בעלמע אַראָפּ פון די אויגן און ס׳האָט זיך געעפנט
דער נאַכטיקער כישוף פאַר מיר, אַנטהילט און דערהויבן און נאָענט,
ווי ער וואָלט זיך באַקענט צו מיר איצט נאָך אַ לאַנגער פאַרפרעמדקייט.

ערשט קוק איך צום הימל אַרויף, און ער איז אַזוי נאָענט צו מיר,
דער הויכער,
כ׳דערמאָן זיך די ליידן פון פרעמדקייט, די פרייד פון ווידערדערקענונג —
דאָס האַרץ גייט אַריבער די ברעגעס, און כ׳בין אַזוי רוישיק באַרוישט,
באַרוישט פון דער שיינקייט — און מיין נישט, אַז ס׳רעדט פון מיר איצטער
די משקה.

מסכים געווען האָט דער חבר, נאָר נאָך נישט געענטפערט, וויביידן
ט׳אַ ריס געטאָן דער שטראָם פון די טענצער. און דאָס איז געוועזן
דער עכטער באַליבטער חלוצישער טאַנץ, וואָס מ׳דאַרף זיך נישט לערנען.
פון אים האָט זיך קיינער נישט אויסגעדרייט, אַלעמען האָט מען געצווונגען.
מ׳האָט זיך פאַר די הענט אָנגענומען, דער טאַנצט, און דער שפרינגט,
און דער האָפקעט,
און לאַכנדיק, טאַנצנדיק האָט מען אַרומגעטאַנצט גבעה אין ראָד.
עס האָבן געטאַנצט די געצעלטן־באַוווינער און זייערע אורחים
אין שיך, אין פאַנטאָפּל, און אַנדערע — באָרוועס. די טעכטער פון חצרות
געטאַנצט האָבן חנעווודיק שיין אין די קליידלעך און שיכעלעך ווייסע.
פאַרפלאָכטן די הענט פון די פריילעכע בראָווע קרימטשאַקעס — —
מען האָט אויך הער כרמין געגויט, כאָטש ר׳האָט זיך געשעמט און
געקווענקלט,
געטאַנצט האָבן זרחי און גחלי, פעסט האַלטנדיק זיך פאַר די אָרעמס;
עס האָט דער לצנישער מגיד צוזאַמענגעפּאָרט זיי ביים טאַנצן.
עס האָבן געטאַנצט די דריי ייִנגלעך, עמיקם און יגאל און רענן,
זיי זענען געשלאָפן שוין לאַנג אין אַביידל, פאַרמאַטערט פון שטיפן,
און ס׳האָבן די שוועסטער זיי אויפגעוועקט, ז׳זאָלן אַהיים גיין, נאָר זיי —
געזען אַז מען טאַנצט — איז אַריין אינעם ראָד צווישן די גרויסע!
געטאַנצט האָט גאַנץ גבעת הגורן. און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די שטערן
אַרויס זענען אויך אין טאַנץ אויף די בלויע און אייביקע וועגן.
עס זענען די טענצער שוין מיד, דער ראָד רייסט זיך באַלד שוין פונאַנדער.
און אָט רופט דער מגיד, דער פירער, אויס מעכטיק און הויך: „רבותי!
עס איז שוין באַלד חצות, אָט באַלד וועלן מיר זיך צעגיין אויף די ערטער.

ווי ס'קומט אָן אַ נייער באַגינען, איז מוז מען שוין זיין ביי דער אַרבעט.
נאָר איידער מיר גייען פונאַנדער זיך, לאָמיר נאָך הערן דאָס שלום־וואָרט,
בן־ארצי־לעב, עפן דיין מויל און לאָז טריפן ווי טוי דיינע רייד!״
איז בן־ארצי אַרויס פון דעם טאַנצנדן ראָד און איז צו צו דער בינע.
דאָס הייסט, צו דעם קאַסטן־טיש. קיילכיקער רוים האָט זיך איבערגעריסן.
געשטופט האָט דער עולם זיך פון אַלע זייטן, פון צווישן די צעלטן
געאיילט צו דער בינע, אַצינדערט איז ווידער אַ ראָד, נאָר אַ פולער,
איז קיילעכדיק פול און אין צענטער פון אים שטייט דער רעדנער בן־ארצי,
דער נייער חצרותער פּאַסטעך, דער ליבלינג פון אַלע חלוצים.
אין זיין טשופּרינע זיך וואַרפן אַדורך ווו־נישט־ווו גרויע האָר שוין.
נאָר אין זיינע אויגן די בלויע לאַכט פריילעך אַ יוגנטלעך פייערל,
אַ וווּנדערלעך פּלעמל, וואָס פינקלט פון תמיד ביי אים אין די אויגן.
אפילו אויך דאַן, ווען ער האָט זיך געראַנגלט אַמאָל אויפן ירדן
מיט אַ שאָר בעדווינער וואָס איז אָנגעקומען פון מדבר
כדי צו פאַרנעמען די טשערעדע שאָף פון די אָרעמע פערמער ביים ירדן.
אויך דאַן, ווען ער האָט זיך מטפל געווען מיט יתומים און קראַנקע
נ'אַראַבישן דאָרף, ווען עס האָט אַ מגפה געבושעוועט דאָרטן.
און אויך אין די בלאָטעס פון טויט אין די גרויע שומרונישע בערגער —
דער ערשטער געפּלאַנצט דאָרט ביימער, געזונגען אַליין אין דעם זומפּ.
איצט קוקט זיך בן־ארצי אַרום מיט זיין פריילעכן בליק אויפן עולם,
אַ שמייכעלע ליכטיק און גלעטנדיק שוועבט אויף די איידעלע ליפּן.
ער הייבט אָן און זאָגט: „מיינע פריינד, זייט מיר מוחל, איך בין נישט
קיין רעדנער.
נאָר ווי קען מען דען נישט באַגריסן אייך, טייערינקע בעלי־עגלות?
איך וואָלט שטאַרק צופרידן געווען, ווען עס וואָלט אייך מיין ביסל
דערפאַרונג
פאַרשאַפן אַ קאָפּ פאַרגעניגן, פאַרלייכטערט אייך אין דער אַרבעט.
יאָ, שווערע און שמאָלע די וועגן, פורמאַנעס, אין ארץ־ישראל!
נישט איין מאָל קומט אָן אייך אַ וואָגן אַנטקעגן און ר'קאָנט אים נישט מיידן,
פאַרשטעלט אייך דעם וועג מיטאַמאָל גאָר און סטאָפּ, נישט אַהער, נישט אַהין
זייט רויק דאַן, ברידער, און שטאַרקט זיך! מיט שטילקייט און ישוב־הדעת,

נעמט בינדט אָפּ פון וואָגן די שטריק, וואָס זיך האָבן פאַרפלאָנטערט,
ביז ס׳וועט אייך געראָטן, אַז יעדער זאָל פאָרן בשלום זיין וועג.
נאָר ס׳זאָל אייך נישט איינפאַלן אַמאָל, אויסצודרייען דעם דישל צוריק.
געדענקט, נאָר איין וועג איז פאַראַנען, דער וועג וועלכער פירט אויף פאָרויס,
יאָ, שווער זענען די וועגן אין ארץ־ישראל, קיין טראַקט, קיין שאָסיי נישט!
און טאָלן און בערגער און גריבער און קופּעס מיט שטיינער און זאַמדן.
דער טומל פאַרדולט אונדז דעם קאָפּ און עס הייבט זיך דער שטויב און ער דושעט,
ווען ס׳הילכט און עס דודניעט דער וואָגן און ס׳שפּרינגען די רעדער — די שווערע —
איך בעט אייך, פאַרשטאַרקט נישט דעם טומל און מאַכט נישט דעם שטויב נאָך געדיכטער.
פאַראַן בעל־עגלות, וואָס האָבן ליב דווקא צו טומלען און קורזשען,
זיי מיינען, אַן דעם איז נישט מעגלעך קיין ציל צו דערגרייכן.
טאָ מיידט אויס, איר יונגע פורמאַנעס, דעם דאָזיקן טומלענדן עולם...
אין ווינטער, אין פינצטערע נעכט. ס׳פאַרכאַפּט אייך אַ שטורעם אינמיטן,
עס גיסט ווי מיט צעבערס דער רעגן, איר זעט אין דעם חושך קיין וועג נישט;
ווען ס׳יאָמערן קעץ און שאַקאַלן אין בייזן, פאַרכמורעטן דרויסן,
ווען ס׳האָט זיך אין וואָלקנס געדיכטע פאַרלאָרן דער וועגווייזער שטערן —
דאַן שרעקט זיך נישט איבער, קוקט טיף אינעם האַרץ, דאָרט גליט אייער שטערן.
גייט זיכער און שטיל אין זיין ליכט. מיט פאַמעלעכן רויקן גאַנג
וועט איר קומען צום ציל, מעג דער וועג זיין ווי שווער און ווי ווייט".
אַ ווייל האָט בן־ארצי געשוויגן — דאָס שמייכעלע שיינט אויף די ליפּן —
און ווידער קלינגט אָפּ אין דער האַרכנדער שטילקייט זיין וווייך־שטאַרקע שטימע:
„דאָך נישט בלויז דאָס פאָרן דאַרף זיין ביי אייך עיקר, איר פורמאַנעס ליבע;
ס׳איז אמת. מען רופט אייך דאָ פירער אין גבעה, מנהיגי הדור.
איך וויל דאָ נישט אָנרירן דעם כבוד פון פירער — דער יסוד פון דער אַרבעט
איז אַקערן יידישע ערד און אויפוועקן די דרימלענדע כוחות.

יאָ, אַקערער, דאָס איז דער אמתער נאָמען, אויף אייך וואַרט די ערד,
עס ציטערט פאַר אייך נאָך די וויסטע, איר רייסט זיך אַריין אין איר גבול, —
וואָס איז די קלאָג פונעם דאָרן אַנטקעגן דאָס ליד פון באַפרייונג?
אַ טויב פאַלט פון נעסט, איז ווי גוט, ווען מיר קענען איר אָפּחיה׳ן ווידער.
אַ פאַלק, וואָס סע גייט אָפּ אין בלוט און אין בלוט שטייט עס אויף און דערוואַכט,
ווי זאָל מען נישט ציטערן פאַר גליק אין דער גרויסער מינוט פון דערוואַכונג!

אָ, אַקערט, געליבטע, און זינגט, וואָרן דאָרט ווו דער אַקערער זינגט,
דאָרט בייגן די דערנער די קעפּ און די שטיינער פון פעלד ווערן ווייך.
פינצטער און טיף איז די נאַכט, נאָר ליכטיק און וואַכיק די שטערן,
אַ שטילקייט און פוסטקייט אַרום, נאָר זיי טריפן מיט ליכטיקע טויען.
עס דרימלען די פעלדער, נאָר שטילערהייט וואַרטן זיי אויף אייער קומען.
שוין באַלד איז דער אָנברוך פון מאָרגן — צי וועט איר זיין צוגעגרייט,
וואַך?״

געענדיקט די רייד — איז בן־ארצי פאַרשווונדן צווישן די ביידלעך.
די צוהערער האָבן אַ ווייל נאָך געשוויגן, פאַרנומען די שטילקייט,
ווי זיי וואָלטן געוואָלט נאָך דערכאַפּן דעם ווידערקול פון זיינע ווערטער.
און ס׳האָבן די טרערן אַ פינקל געטאָן אין די אויגן פון יורם,
דער זון פונעם יפוער סוחר, וואָס איז ערשט אַ חלוץ געוואָרן.
דער פּרדסניק כרמי ז׳געשטאַנען, געבויגן דעם קאָפּ און געטראַכט זיך:
„משמעות. עס קומט אָן די עלטער, וואָס גריבלט אַזוי דען אין האַרצן?
אַ מאָדנער דער דאָזיקער פּאַסטעך. אָ, גאָרנישט קיין פּשוטער מענטש בישט״.
און פּלוצלינג האָט אויפגעשאַלט ווידער ס׳געזאַנג „בשוב ד׳ את...״
און ליכט זיך צעצינדן אין טונקלקייט, רויכיקע פריילעכע פאַקלען,
פון שטעקנס פון לאַנגע מיט שמאַטעס ביים עק איינגעטונקען אין בוימל.
דאָס האָבן געצונדן די געסט, וועלכע זענען געקומען פון ווייטן,
און מיט געלעכטער און לידער אַראָפּגעלאָזט זיך אין דער בידער.

און נאָך הייבט זיך אויף אין דער שטילקייט פון נאַכט אַ פאַרטייעט געזאַנג,
דאָס זינגען אויף וועגן אויף ווייטע די געסט, וועלכע קערן אַהיים זיך.
די שיין פון די פאַקלען נאָך ציטערט און וויגט זיך אין נעפּל אין ווייטן.
און נאָר אויפן „בערגל״ הערשט לאַנג שוין אַ שטילקייט אַ טיפע פון דרימל.
עס זיצט נאָך דער פורמאַן־פּאָעט פאַר דער טיר פון זיין בײדל אַליינוק,
ער קוקט אויף דעם פלאַטער דעם פייערלעכן פון די אייביקע שטערן,
ער כאַפּט אויף די שיין פון די פאַקלען די ווייטע אין זילבערנעם נעפּל,
ער נעמט אויף די קולות פון נאַכט און דאָס ליד, וואָס דערווייטערט זיך,
גוססט;
פאַרנעמט דאָס געוויין פון פוקסן, און פּלוצלינג דערזעט ער אין דמיון:
שמשון... און דריי הונדערט פוקסן און פאַקלען... און ס׳בילד איז צערונען!
ער מאַכט צו די אויגן, נאָר וואַכער און פלאַמיקער פינקלען די שטערן...
אַ זיס און פאַרטייעט געזאַנג: „והיה באחרית הימים...״
ווער זינגט עס אַצינד אָט דאָס ליד? צי איז עס בן־ארצי, וואָס שמייכלט
זיין שמייכל דעם צאַרטן צווישן די נאַכטיק דערהויבענע שטערן?
און שאַ! אָט ברומט ער דער ים, ים הגדול, ער הערט אים אין דרימל,
געזונקען דער קאָפּ צו דער ערד, אויף די ליפּן — אַ שמייכל.

נאוועלן

אַ שטילע איבערלעבעניש

איך האָב געבעטן מיין שוועסטער, זי זאָל מיר העלפן זיך צו־גרייטן צו אַ קורצער אָפּרו־רייזע. איך האָב זיך בעת־מעשה, ווי מעגלעך, איינגעהאַלטן, נישט אַרויסצוווייזן פאַר איר מיין אויפרעגונג, אין דער אמתן בין איך געווען איינגעלאַדן צו אַ פרוי, וואָס איך האָב טיף און האָפענונגסלאָז געליבט. אין מיין צעטומלטקייט האָב איך ערשט קעגן אָוונט באַמערקט, ווי די פיס ביי מיין שוועסטער וואַקלען זיך, און אַז זי רעדט מיט אַ מאָדנער צעבראָכענער שטים. איך האָב אַרויסגעקריגן פון איר, אַז אונדזער פעטער בן־ציון איז געשטאָרבן. זי האָט מיך דערביי אָנגע־קוקט, זי איז געווען גרייט אויף הילף, בעת אַן אויסברוך פון מיין עקס־פּאַנסיוועד נאַטור. אָבער איך אַליין האָב מיך געשעמט דערפאַר, וואָס די געשעעניש האָט נישט געמאַכט אויף מיר קיין גרויסן רושם, פונקט ווי דאָס, וואָס איך פלעג כסדר באַגייסטערט רעדן פון אים וואָלט געווען אַ ליגן. איך בין געווען אין גאַנצן פאַרנומען מיט דער רייזע צו מיין גע־ליבטער. איך האָב געפילט אַ טרויער און אַ פרייד, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט ביי מיר דורך אַ מאָדנער כסדר־זיך־בייגנדיקער, אַ מין לירישער חשבון־הנפשדיקער צערטלעכקייט, וואָס איך האָב גע־פילט צו אַלע מיינע נאָענטע. איך האָב געקושט מיין שוועס־טער. אירע פאַרוויינטע אויגן האָבן, ווי פולע טרויבן, זיך געוויגט אין מיין געמיט — איך האָב געהאַט צו איר אַ טיף געפיל. איך בין כסדר גערירט געווען. און עפעס, ווי אַ פיינער דופט, וואָס איז נויטיק געווען, כדי מיין בענקשאַפט זאָל פול ווערן, האָט זיך אין יענעם טאָג אַריינגעמישט די אבלות איבער מיין געשטאָרבענעם פעטער.

מיט אַ טיפער, רירנדיקער פריינדלעכקייט און השתפכות הנפש, בעטנדיק אים פאַרצייונג פאַר די עוולות, וואָס איך האָב אין מיין אומבאַ־

רעכנטקייט אָפּגעטאָן קעגן אים, האָב איך מיך לסוף געקושט מיט מיין חבר, וואָס האָט מיך צוגעפירט צו דער באַן. דער קאָנדוקטאָר האָט איבער־געשטעלט די ליכט אין דער לאַמטערנע און איז הינטער אַ טונקעלער טיר פון אַ נישט באַלויכטענער קופּע פאַרשווונדן געוואָרן. עס איז געווען טונקל, די טונקלקייט האָט געהאָלפן דרייען, ווי אין אַ לאַנגזאַמער פאַנטאַמימע, די געשטאַלטן איבער די אויסגעצויגענע שורות פון בוך, וואָס איך האָב גע־פּרווט לייענען. אין אַ ווינקל פון וואַגאָן האָבן זיך, מיט די קעסטלעך אַרום זיך, מיט די פיס אויף די זיץ־פּלעצער, צעלייגט אַ גרופּע רעקרוטן, וואָס האָבן זיך גוטברודעריש גוטמוטיק אונטערגעהאַלטן מיט זייערע סאָל־דאַטן. פון הינטער דעם טונקעלן ווענטל ביים סאַמע עק פון וואַגאָן האָט זיך געהערט אַ גיכע, מאָנאָטאָנע פּרויען־שטימע, וואָס האָט דערציילט אַ געשעעניש... מיר איז געווען לאַנגווייליק. פון אומגעדולדיקייט האָבן מיינע אויגן אומזיסט גענישטערט איבער אַלע ווינקלען פון וואַגאָן, כדי צו געפינען עפּעס וואָס זאָל מיך פאַראינטערעסירן. די נאַכט אין דרויסן איז געווען אַ גרויע, אַ וואָלענע און אַ זומערדיקע. די סילועטן פון דעם פאַרביישווינדלענדיקן פּייזאַזש זענען געווען שוואַרץ און אָנגעפּעלצט. אַ חוץ דעם האָט דער ווינט אַלע מאָל אַ וויש געטאָן מיט דעם רויך פון לאָ־קאָמאָטיוו איבער די וואַגאָן־פענצטער און פאַרווישט אַלץ פון די אויגן. איך האָב מיך דעריבער צוגעוווינט צו דער לאַגע, און אַ געדולדיקער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

אַ טיפע פרייד האָט אַ שלאָג געטאָן אויף די קעמערלעך פון מיין דמיון, אין הונדערטערליי בילדער האָב איך מיר פאָרגעשטעלט דעם קבלת־פּנים פון מיין געליבטער, וואָס וועט מיך, כמעט אומגעריכטערהייט, באַ־געגענען אויף דער שוועל פון איר חדר. וואָרעם אַרום מיין צעבליטן, שע־מעוודיקן געפיל פון ליבע און פאַרגעטערונג, האָב איך אין זיך אויפגעצויגן אַזאַ מין שטעכנדיקע פלאַנץ פון אַמביציע און שפּיל, וואָס האָט מיר דיקטירט אַ לאַנגע צייט זיך צו לאָזן בעטן, און סוף־כל־סוף קומען אומ־געריכט, — אָט ווי איינער פּטרט גלאַט, צוליב לייכטזיניקייט, אַ פּאָר טעג אויף אַפּרו און פּלירט. אין דער אמתן האָב איך די גאַנצע צייט מאָדנע געפלאַטערט און דורך שלאָפלאָזע נעכט זיך קוים דערוואַרט אָט די מינוט, ווען איך וועל אַן אויסגעטוענער פון אַלע געשעפטן, אַ לייכטער און אַ

יום־טובדיקער זיין ביי איר. איך בין געווען נישט אויסגעשלאָפֿן, מיד, דער אָפּיומירטער רויך פֿון די פּאַפּיראָסן, וואָס איך האָב כסדר געזויגן, אָנצינדנ־דיק איינעם אינעם אַנדערן, דער געטראַנק, וואָס האָט מיך געשיידט מיט מיין חברביים אָפּפּאָרן, האָבן גענעפּלט מיינע רעיונות. די טונקלקייט און די שמוציקייט פֿון וואַגאָן, צוזאַמען מיט די וואַכנדיקע פּאַסאַזשירן האָבן מיך געצווונגען צו האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט; און אין שמועס, וואָס איך האָב אין פֿאַנטאַזיע געפֿירט מיט מיין געליבטער, האָב איך זיך מאָדנע, קאַפּריז־איראָניש און זייער פֿאַרליבט געצערטלט. איך ווייס נישט ווי אַזוי דער איבערגאַנג איז פֿאָרגעקומען: דערציילנדיק איר וועגן מיין פֿעטערס טויט, האָב איך פּלוצלינג אַרויסגעפּליסטערט, אַז זיין גורל וועל איך, ווי זיין גייסטיקער יורש, איבערחזרן, און אַז איך וועל ענדיקן מיט זיין סוף. און איך האָב איצט אין גאַנצן געטראַכט פֿון אים. פֿון דעמאָלט אָן, בעת מיין עלטער איז אַרויס פֿון די חדר־יאָרן, האָב איך אים אייגנטלעך מער נישט געזען, אָבער אַלע זיינע אייגנשאַפֿטן האָבן זיך פּלוצלינג אומ־געקערט, לאַנג־פֿאַרשווינדענע האָב איך זיי שפּעטער אָנגעהויבן צו באַ־מערקן, און דורך מיין גאַנצער יינגל־און בחור־עלטער האָב איך, אַן עקס־טרעמער און אַ ליידנשאַפֿטלעכער, זיי נאָכגעפֿאָלגט און באַוווּנדערט. אַ גרויסע שולד האָט געוויס געהאַט אין דעם מיין מוטער. ווען מען האָט מיך אַריינגעבראַכט אין כעס און איך פֿלעג אָנהייבן ברעכן אַלץ, וואָס איז מיר געקומען אונטער די הענט, פֿלעגט זי מיט שטילער שרעק מיך אָנקוקן מורמלענדיק: „דער גאַנצער בן־ציון, מיין ברודער. ווי אַ טראָפּן וואַסער געראָטן אין אים!" איך האָב אים אָנגעהויבן ליב צו קריגן, אין קעגנ־זאַץ צו מיין צווייטן פֿעטער, מיין מוטערס יינגערער ברודער, צו וועלכן מ׳פֿלעגט פֿאַרגלייכן מיין יינגערן ברודער, וואָס איך האָב מיט אים קיינ־מאָל נישט געלעבט בשלום. מיט אַ קרענקלעכער אומגעדולדיקייט פֿלעג איך אָפּוואַרטן די ימים־טובים, ווען איך פֿלעג זיין קומען דערפֿילן דורך דעם פֿאַרפֿום־און פּאַפּיראָסן־ריח, וואָס ער פֿלעגט מיטברענגען מיט זיך פֿון דער גרויסער וועלט, און גאַנצע שעהען פֿלעג איך אָפּשטיין אין דרויסן מחמת בושה, זיך צו גרויסן מיט אים, ביז ער פֿלעגט אַליין אַרויסקומען און מיך, אַ רויטן, אַריינפֿירן אין שטוב אַריין. אָבער איך פֿלעג באַלד נעמען בעטן גאָט, ער זאָל אַוועקפֿאָרן. ער האָט מיך פֿאַרמאַטערט מיט

זיין כסדרדיקער אויפמערקזאַמקייט. מיט זיינע באַמערקונגען, וואָס האָבן על־פּי־רוב געהאַט אַ שייכות צו מיין אויסערלעכער אויפפירונג, וואָס ער האָט נישט סובל געווען. אָבער דערנאָך האָב איך אים פּלוצלינג געגומען אָפּשאַצן. דער באַוווסטזיין, אַז איך בין געראָטן אין אים, האָט גורם געווען, אַז איך זאָל שטילערהייט זיך באַטייליקן אין אַלע נסיונות פון זיין לעבן, בפרט דעמאָלט ווען איך האָב אין זיי געפונען עפּעס־וואָס פון מיינע איבערלעבונגען וואָס זענען געווען ענלעך צו זיי. איך האָב אים אויסערגעוויינלעך אידעאַליזירט, איך האָב געטראַכט וועגן זיין טרויעריקן טויט אין אומגליק און אין עלנט, ווי פון אַ מאַרטירער־טויט אין טיפער ברענענדיקער אייפערזוכט צו זיין פרוי, האָט ער ביז דער לעצטער רגע געהאַלטן זיין קאָפּ אויף איר האַרץ... און איך האָב געוויינט. אַזוי האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז איך שלאָף, האָבן מיינע טרערן כסדר געטריפט אויפן פינצטער־גרויען שמוציקן דיל, און מיין האַרץ האָט כסדר געשלוכצט. דערנאָך האָב איך מיך ווידער מיט טרויעריקער צערטלעכקייט דערמאָנט אָן דעם אָפּענעם, מיטפילנדיקן בליק פון מיין געליבטער. איך האָב זי דערפילט ווי נעבן זיך. איך האָב איר אָנגעהויבן צו דערציילן פון מיין פאַרלוסט, און ביסלעכווייז, פאַרגעסן, האָב שוין אין איר נישט־ביי־זיין געשפּונען זיין געשיכטע פון פאַרשידענע ברעקלעך, וואָס איך האָב מיך די גאַנצע צייט אָנגעהערט פון מיינע עלטערן און פאַרשידענע נאָענטע קרובים. און פּלוצלינג איז, פּיל בלאַסער, מאָגערער, דאָך מיט אַ מאָדנער אויפפּאַלנדיקער ענלעכקייט צו מיין געליבטער, אויפגעשטאַנען פאַר מיר דאָס מיידל, וואָס ער האָט נאָך בחורווייז אין קליינעם פאַנאַטישן שטעטעלע ליב געקריגן, און וואָס איז געשטאָרבן קורץ נאָכדעם ווי מ׳האָט זי חתונה געמאַכט מיט אַן אַנדערן, אַ פרומען, שיטער־בערדלדיקן יונגנמאַן, אַ יחסן פון דער גרויסער שטאָט. איך האָב איצט דייטלעך געדענקט די אָוונטן, ווען ער פלעגט אַרומגיין איבערן שטוב און מיט אַ הייזעריקלעך־ברוסטיקער שטים פלעגט ער זיך בייזערן מכח אַזעלכע זאַכן, וואָס זייער אינהאַלט האָב איך נישט פאַרשטאַנען אפילו דאַן, ווען מיין מאַמע פלעגט אַרויסקומען פון קיך און רעדן פאַר זיך, אַז ער איז משוגע ווי אַלע משוגעים. איך האָב איצט אין גאַנצן געפלאָטערט. איך האָב מיך אויפגעפרעסן פון חרטה, וואָס איך האָב אין מיינע רייפערע יאָרן זיך

פאַר יעדן פרייז זיך נישט דערנענטערט צו אים, און נישט נאָכגעגאַנגען אים פוסטריט, כדי צו ווערן דער איינציקער פאַרשטענדיקער מענטש אין זיין טיפן גייסטיקן עלנט. איך האָב איצט כמעט בולט דערפילט דעם אָנגענעמען באַזונדערן ריח, בעת ער איז אַמאָל אין אַ שבת געשטאַנען איבער מיר, אויסטייטשנדיק פאַר מיר די פרקי־אבות, וואָס איך האָב דאַן דאָס ערשטע מאָל פאַרשטאַנען, אָדער בעת ער איז אַרויס פון די כלים צו־ליב דעם ווידערשטאַנד, וואָס מיין שכל האָט כסדר אַרויסגעוויזן צו די כללים פון דקדוק, וואָס ער האָט מיט מיר געלערנט. און איצט, אַן אויס־געפּוצטער מיטן פּאַפּיראָס אין מויל, האָב איך זיך לחלוטין נישט געוווּנ־דערט, בעת איך האָב נאָכגעטראַכט, פאַרוואָס די געליבטע פון אַ מענטשן, וואָס איך האָב אַזוי געאַכטעט, שטעל איך מיר פאָר אין דער געשטאַלט פון דער פרוי, וואָס איך ליב. און איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז פאָר־געקומען: אָנרייבנדיק אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן, האָב איך פּלוצלינג דערפילט, אַז איך מאַך אין גאַנצן נאָך זיין באַוועגונג, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און איז פּלוצלינג מאָדנע פּלאַסטיש געוואָרן פאַר מיינע אויגן. און מיט אַ טיף רויק געפיל האָב איך שוין נישט נאָכגעטראַכט די פּאַסירונגען פון זיין לעבן, נאָר אים געזען אין באַוועגונג, וואָס מיינע אברים האָבן פּינקטלעך געטריי נאָכגעמאַכט.

אַ צוגווינט האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע דמיונות, און אַנט־קעגן מיר האָט אַ יינגל מיט פּאַמעראַנצן צוויי מאָל נאָכטלעך־הייזעריק אויסגערופן זיין סחורה, אַריינקוקנדיק אין מיינע פאַרנעפּלטע, כמעט אומ־פאַרשטענדלעכע אויגן. איך האָב אין אַלע קעשענעס געזוכט מיין געלט־בייטל, און דאַן האָט זיך אין דער אָפענער טיר באַוויזן דער ביוסט פון אַ פרוי, וואָס נאָך אין דרויסן שטייענדיק, האָט זי אַ קוק געטאָן, צי עס זענען פאַראַן ליידיקע פּלעצער אין וואַגאָן. איך האָב זי נישט אָנגעקוקט, ווייל אין דער מינוט האָב איך אָנגעטאַפּט דאָס געלט און איך האָב דעם יינגל באַצאָלט פאַר זיינע פּאַמעראַנצן. די פרוי האָט זיך האַרט פאַרביי מיר דורכגעשלייכט. איך וואָלט איצט געזאָגט, אַז זי האָט מיך בכיוון אָנ־געריירט. נאָר ווען איך האָב געוואָלט אויף איר אַ קוק טאָן, איז זי שוין געזעסן אין צווייטן עק פון טונקעלן וואַגאָן. איך האָב צוריק אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ, ווי צום איינדרימלען, און מיט אַ פיינלעכער הנאה האָב

איך מיך געוואָלט פאַרטיפן אין מיינע פריערדיקע געדאַנקען. דער צוג האָט זיך גערירט. פייערלעך אין די פענצטער האָבן אָנגעהויבן צו שווינדן, און אַ ווינט האָט גענומען לעשן די ליכט אין דער לאַמטערנע. דער צוג האָט זיך איינגעוויגט אין זיין רעדערדיקן ריטם. פאַליעס רויך האָבן אַלע מאָל אַ ווייע געטאָן אין פענצטער, און פאַרשפּרייט אַ מיאוסן ביטערן ריח. דעם המשך פון מיינע געדאַנקען האָב איך פּינקטלעך, ווי אָן אַ פאַרבויגן בלעטל פון אַ בוך, אָנגעכאַפּט, אָבער עפּעס אָן געפיל. איך האָב געטראַכט וועגן דער פרוי, וואָס איך וועל אָט אין אַ צוויי שעה אַרום אַריינקוקן אין די אויגן. אָבער מיינע פאַרשטעלונגען האָבן זיך ווידער פאַרלוירן אין קלייניקייטן. איך בין געווען זייער מיד, דאָך, נישט קענענדיק איינדרימלען אויף קיין רגע, האָב איך מיך געוואָלט שטאַרקן, אויפמונטערן זיך און האָב מיך מחמת דעם אויפגעשטעלט. און פּלוצלינג, שטייענדיק ביים פענצטער, אַנטקעגן יענער פרוי אינעם טונקעלן ווינקל, איז מיר מאָדנע אויפפאַלנדיק געוואָרן, וואָס זי זעט פון דער ווייטנס אין גאַנצן אויס ווי מיין געליבטע. צום ערשטן האָב איך געטראַכט וועגן דעם מיט אַ שמייכל פון פאַרליבטקייט און פאַרגעניגן. און מיט אַ מין נחת האָב איך כסדר געקוקט אויף דער אָפּשפּיגלונג פון דער געשטאַלט, וואָס מיינע חלומות האָבן הונדערט מאָל איבערגעחזרט, און צו וועלכער אַלע מיינע חושים האָבן זיך אין יעדער זייער באַוועגונג געצויגן. דערנאָך האָט זיך מיין געפיל צעוואַרעמט, און איך האָב דערפילט אַ צערטלעכע בענקשאַפט און אַן אינערלעכן באַגער צו זיצן נעבן איר, ווי נעבן מיין געליבטער. און מיט אַ מאָל האָט מיין בלוט אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים מיט אַ טיפער בושה און פאַרליבטקייט, און איך בין רויט געוואָרן, ווי יעדעס מאָל בעת איך פלעג מיין געליבטע באַגעגענען. „גאָט מיינער" — האָב איך צו זיך אַליין געפליסטערט — „אַזאַ ענלעכקייט, ווי די, קאָן דאָך גאָרנישט פּאַסירן! אָט דער אָוואַל־פּנים, מיט די אויפגעהויבענע שוואַרץ־אָנגעצייכנטע ברעמען איבער די האַלב־אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי פאַרהאָנגענע, אין דער ראַם פון שוואַרצע דין־אָנגעקרייזלטע האָר איבערן הויכן שטערן — —" איך האָב אָנגעשטרענגט דעם בליק. אָבער וואָס מער איך האָב אויף איר געקוקט, האָב איך דערזען דאָס פּנים פון מיין געליבטער, און ווי ענלעך זי איז צו יענער מיט אירע באַוועגונגען!... מיט דער געוויסער זיכערער רויקייט פון אַ

שיינהייט האָט זי זיך גראָד אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען פון איר רייזעטאַש אַ בריוו און אים אָנגעהויבן לייענען. אין אָט די באַוועגונגען, וואָס צום ערשטן מאָל האָב איך זיי געזען ביי מיין געליבטער, איז געווען אַ מין איינגעהאַלטנקייט, זיי האָבן קוים־קוים פאַרראַטן אַן אומרויקייט, אַ פיבער, אַן אינערלעכן דראַנג צו פערווערזיטעטן פון אַן עקסצענטרישער, אומצופרידענער נאַטור. אָט אין דער פרוי זע איך עס ווידער, ביי זיך אָבער בין איך געווען טיף איבערצייגט, אַז אַזעלכע אייגנשאַפטן קאָנען זיך אין אַן אַנדער פערזאָן נישט איבערחזרן. און פלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיין געליבטע קאָן דאָך טאַקע ערשט זיין אין צוג, ווייל ס'איז דאָך בכלל נישט קיין אוממעגלעכקייט, בפרט ווען איך האָב איר נישט געשריבן וועגן מיין קומען, אַז זי זאָל מיך דאַרפן אָפּוואַרטן. אַן אויסטערלישע אומרויקייט האָט מיך אַרומגענומען; מיט אַ טיפער עקשנות האָבן מיינע חושים אָפּגעשפּאַרט אַלע אַרגומענטן פון מיין שכל־הישר, אַז דאָס איז נישט מיין געליבטע, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס נאָר דערזעענדיק מיך, וואָלטן מיר דאָך שוין לאַנג געזעסן צוזאַמען. אָבער דאָס אַלץ האָב איך מיט די משונהדיקסטע תירוצים אויסגעגלייכט: די טונקלקייט פון וואַגאָן, איר קורצזיכטיקייט (אין דער אמתן האָב איך גאָרנישט געדענקט, זי זאָל זיין קורצזיכטיק), און אויך דערמיט, וואָס קוקנדיק פון דער ווייטנס, איז זי נישט זיכער, צי דאָס בין איך. איך בין געווען אין אַן אומגעוויינלעכער פאַרלעגנהייט, איך האָב נישט געהאַט פון דעסטוועגן די נויטיקע זיכערקייט און די דרייסטקייט צוצוגיין צו איר. מיטן בליק האָב איך מיך איינגעגעסן אין איר פנים, נאָכגעפאָלגט איר יעדע באַוועגונג, און פאַמעלעך געזוכט אַ געלעגנהייט ביי דער נאָענטער סטאַציע כאָטש דורכצוגיין פאַרביי איר, כדי איר גוט אָנצוקוקן. אָבער דורך דער צייט איז זי מיר מאָדנע נאָענט געוואָרן. אין משך פון די שעהען, וואָס זי איז כסדר געזעסן אַנטקעגן מיר, האָב איך, מיט דער אינערלעכער באַשלאָסנקייט, אַז דאָס איז זי, דאָך מיך צוגעווינט צו דער דיסטאַנץ צווישן אונדז, און פון דער ווייטנס איבערגעשיקט איר מיין גאַנצע דויערנדיקע האָפענונגסלאָזע ליבע. איך האָב מיך צוריק אַוועקגעזעצט, איך האָב קאָמבינירט, אַז קיינעמס קאָפּ זאָל זי נישט פאַרשטעלן פון מיר. איך בין געזעסן אין גאַנצן קאָנצענטרירט, און, כמעט גערולדיק, אויסגערעכנט געוואַרט אויף דער געלעגנ־

הייט זיך צו געפינען נאָענט פון איר.

אָבער אין מיטן איז געשען אַ קליינִיקייט, וואָס האָט מיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין אומרו: ביים אַדורכגייענדיקן קאָנדוקטאָר האָט זי עפּעס אַ פרעג געטאָן, און פון זיין הויכן ענטפער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי וועט דאַרפן אַראָפּגיין אויף אַ קליינעם אָפּשטעל, ווו דער צוג פאַרהאַלט זיך אָפט אַראָפּצולאָזן עטלעכע פּאַסאַזשירן. איך האָב מיך געפילט ווי אַנטוישט. עס איז ביי מיר איצט קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז נישט מיין געליבטע. אַ פרעמדקייט האָט אויף מיר אַ וויי געטאָן פון די אומבאַקאַנטע מענטשן אינעם דערפל, ווו מען וועט זי אַצינד אויפנעמען, און איך האָב אויף אַ ווייל אָפּגעווענדט מיין בליק פון איר. נעבן מיר האָט זיך איינער געראַנגלט מיט זיין דרימל און אַלע ווײַלע אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ צו די קני, נאָך יעדעס מאָל אויפגעעפנט אַ העסלעך־מוטנעם, קלעפּיקן בליק אויף מיר. די רעקרוטן האָבן געשוויגן, צעלייגט איבער זייערע קעסטלעך, גלאָצנדיק צו די שוואַרצע ציטערנדיקע שויבן. די סאָלדאַטן נעבן זיי האָבן געשנאָרכט. אַ פּאַסקודנעם ריח האָב איך פלוצלינג דערפילט, און איך בין מאָדנע עמפּינדלעך געוואָרן צו דער שמוציקייט פון וואַגאָן. עס האָט מיר באַלד דערעסן, ווען איך האָב גע־פּרוווט אַרויסקוקן אויף דעם מאָנאָטאָנעם, גרויען חושך פון די פעלדער. איך האָב מיך געדרייט אויף אַלע זייטן, און צום סוף, אויף אַ לאַנגער צייט, זיך איינגעגעסן אין דער ברודיק־פאַררויכערטער גלאָז פון דער לאַמטערנע אין אונדזער וואַגאָן. און ווען איך האָב מיין בליק פון דאָרט אָפּגעווענדעט, האָב איך כמעט אויפגעשוידערט: „גאָט מיינער, ווי האָב איך עס פריער נישט באַמערקט!" האָב איך געמורמלט. „זי איז דאָך טאַקע ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו יענער, און קיין שוועסטער האָט דאָך נישט מיין געליבטע, — קלער נישט מער — האָט עס אין מיר געשריגן — דאָס איז זי, אָן שום טעותים. און דאָ קומט עפּעס פאָר, וואָס איר דער־קענט זיך נישט!" איך האָב ווידער אָנגעהויבן איבערצורעכענען: אפשר איז זי ברוגז אויף מיר, אַ רכילות, אַ בלבול און גאָט ווייסט וואָס, אָבער דאָס איז זי דאָך. און איידער איך בין צוגעגאַנגען צו איר, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. עס איז געווען די לעצטע סטאַציע פאַר אירער. דער צוג איז געשטאַנען בלויז אַ צוויי מינוט, זי האָט צו מיר, מיט אַ מאָדנער

פאַרוואונדערונג — און איך וואָלט זאָגן מיט באַהאַלטענע שרעק — אַ קוק געטאָן אין פּנים, און אַט דער קוק איז געווען אין גאַנצן ענלעך צו יענעם באַקאַנטן, אין האַרצן איינגעגעסענעם בליק. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט מיך געוואָלט עפּעס אַ פרעג טאָן, אָבער זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן. עס איז באמת געווען אַ וווּנדערלעך־שיינע פרוי, אָבער פון דער נאָענט האָט זי זיך דאָך אונטערגעשיידט פון מיין געליבטער. זי איז געווען מאָגערער. אין איר טונקעלער הויט איז געווען אַ מין בלאַסקייט, ווי זי וואָלט דערשראָקן געווען, וואָס איז נאָך בלאַסער געוואָרן צוליב איר פרומען, אַסקעטישן אויסדרוק, וואָס האָט, עפּעס אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן, דערמאָנט אָן טויט. מעגלעך, אַז די אויגן זענען געווען פון אַן אַנדער פאַרב, ווי די אויגן פון מיין געליבטער, און די נאָז האָט אויך פאַרמאָגט די אייגענע, עטוואָס אויפרייצנדיקע פאָרם, אָבער זי איז געווען שאַרפער ; זי איז געווען ווי צוגעשניצט. איך בין אוועק צוריק אויף מיין אָרט, און איצט מיט אַלע כּוחות מיך באַמיט, זי מער נישט צו באַאומרויקן מיט מיין כסדרדיקן אומ־טאַקטישן נאָכשפּיאָנירן איר, און איך האָב באַמערקט, ווי אויך זי מיידט אויס צו קוקן אין מיין ווינקל אַריין. אָבער פּלוצלינג איז ווידער דורכגע־גאַנגען דער קאָנדוקטאָר און זי האָט גלייך גענומען אָנטאָן איר מאַנטל. פאַרגעסן אָן דעם, אַז איך האָב זי נאַרוואָס געזען, האָב איך זי איצט עקש־נותדיק און פאַרווירט נאָכגעקוקט. זי איז מיט אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג, וואָס איז געווען נישט געוויינלעך, צוליב דעם קורצן אויפהאַלט פונעם צוג אויף דעם סטאַציעלע, אַרויס פון וואַגאָן ; און פון די טרעפּלעך, שוין פון דער דרויסן־פינצטערניש, האָט זי אויף מיר געוואָרפן אַ לאַנגן טונ־קעלן בליק. וואָס האָט מיך אין גאַנצן אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, און איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער אַנטקעגנאיבער, זי נאָך איין מאָל צו זען. אין איין אויגנבליק האָב איך אין זיך איינגעזאַפּט איר סילועט, וואָס האָט זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג צום וועלדל. איך האָב מיך אומגעקוקט צו דעם ליידיק־געוואָרענעם פּלאַץ, און מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט אַ שאַרפן דורכדרינגלעכן ווייטיק, אַ בענקשאַפט ווי נאָך אַ נאָענטן, און איך בין אין דער מינוט געווען זיכער, אַז אָט די פרוי האָב איך שוין ערגעץ ווו געקענט און געווען נאָענט פון איר, און וואַק־לענדיק זיך, מיט אַ גאַנג, וואָס איך האָב געפילט, אַז ער איז נישט מיינער,

אַרייַנגעטאָן אין געשעענישן, וואָס איך האָב קוים מטושטש געפילט, אַז איך אַליין האָב זיי קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, בין איך געגאַנגען צוריק אויף מיין פּלאַץ. אַ שטיק צייט בין איך געבליבן, ווי צוגעשמידט צום אָרט; אַ ווירוואַר פון געדאַנקען האָט מיך איינגעהילט ווי אַ רויך, וואָס אין זיי האָב איך אומזיסט געזוכט אויפצולייזן די רעטעניש פון מיין שייכות מיט דער פרוי.

ס'איז נאָך געווען אַ צוויי סטאַציעס צום שטעטל. כמעט אומבאַמערקט פאַר מיר איז דער וואַגאָן ליידיקער געוואָרן. די מחנה רעקרוטן מיט זייער וואָך זענען שוין נישט געווען. מיין שכן אַנטקעגן האָט זיך אויסגעצויגן איבער דער באַנק און געשלאָפן. ביים פענצטער אין ווינקל איז געזעסן אַ זקן אין אַ צושטאַנד, ווי ער וואָלט פאַרגליווערט געווען. אַלץ האָט אומאויפהערלעך געציטערט, און איך בין אין גאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן אין דער איינטאָניקייט פון דעם ציטערדיקן טומל. און בין כמעט טעמפּ געוואָרן. עס האָט מיך געאיבלט און כ'האָב כסדר געריכערט. איך האָב פויל געטראַכט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז שוין לאַנג־לאַנג וויג איך מיך אַזוי אין דעם טונקעלן שמוציקן וואַגאָן... איצט האָב איך אפילו אויסגעפונען ביי זיך עפּעס אַ מורא אָנצוקומען ביינאַכט אינעם שטעטעלע. איך האָב כמעט געווונטשן, אַז דער וועג זאָל זיך נאָך ציען. די בענקשאַפט צו מיין געליבטער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן און האָט זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקט, מיט וועלכן איך בין אין דער מינוט צופרידן געווען און געוואָלט עס זאָל אַזוי בלייבן.

אָבער אָן אַ שום סיבה האָט מיך, באַלד ווי איך האָב דערפילט די נאָענטקייט פון ציל, די אומרויקייט ווידער אַרומגענומען. איך האָב מיר מיט אַלע פּרטים אָנגעהויבן פאָרצושטעלן אונדזער באַגעגעניש. כדי זי נישט צו קאָמפּראָמיטירן פאַר די שכנים, האָב איך באַשלאָסן אין מיטן דער נאַכט זי נישט צו וועקן. איך האָב דעריבער געהאַט אַ זאָרג וועגן אַן אכסניה אין דעם דאָזיקן קליינעם שטעטעלע. איך האָב געספּקט אויב איך וועל אפילו טרעפן עמעצן ביים באַן. איך האָב געשמייכלט, זיך פאָרשטעלנדיק איר איבערראַשונג. און איך בין מאָדנע גערירט געווען שוין צו דערציילן פאַר איר מיין ווייטיק צוליב דעם טויט פון מיין פעטער. און כדי צו געווינען איר גאַנצע באַדויערונג פאַרן נפטר, האָב איך אים

געניי געמאָלט מיט מיינע אייגענע מעלות, און דערביי מיר ווידער פאָרויסגעזאָגט זיין טרויעריקן גורל; איך האָב ווידער גענומען טראַכטן פון אים. די חרטה און מיינע חובות צו אים האָבן מיך אָנגעהויבן צו פייניקן. — איך האָב אים געדאַרפט ווייזן — האָב איך מיר געטענהט — אַז קיין איינע פון זיינע מעשים איז נישט געווען געגנוג האַרב, ער זאָל צוליב דעם פאַרמשפט ווערן פון מיר. אַ כעס האָט מיך אַרומגענומען צו מיינע עלטערן און קרובים, וואָס זענען אַלע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום אים מיט בייזע פרעמדע אויגן פון אומפאַרשטענדעניש און פאָראורטייל. גאָט מיינער, עס איז דאָך אַלץ געווען אַזוי נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. ווי האָט ער דען געקאָנט זיין נאָרמאַל נאָך אַזאַ אומגליק אין זיין יוגנט; נאָך אַ שאַרפן, איינגעגעסענעם און נישט דערלעבטן באַגער צו אַ פרוי, וואָס אויף איר קבר האָט ער אפילו נישט געטאָרט וויינען! ער איז געווען אַ נעוראַסטעניקער — איז וואָס? ער האָט געגלויבט אין כשוף, און דערנאָך געהאַט אַנדערע אומנאָרמאַלע נייגונגען, — איז וואָס? מיט אַ פלאַמענדיק געפיל, מיט אַ פנים פול היץ, האָב איך מיר אויסגעזוכט די מעגלעכסטע אַרגומענטן אים צו פאַרטיידיקן און אים דן צו זיין לכף־זכות. אַרויסרופנדיק איינציקווייז פאַרשידענע מאָמענטן פון מיינע זכרונות, איז מיר געלונגען אים אויפצולעבן אין מיין דמיון, און איך האָב געפרווט אַרויסרעדן עטלעכע זילבן, כדי מיין קול צו פאַרגלייכן מיט זיין הייזעריקער ברוסטיקער שטים, וואָס איך האָב איצט אַזוי דייטלעך געהערט. אָנגעשטעלט די אויגן אויף די שוואַרצע שויבן, איבער וועלכע פונקען פייער האָבן פונקט ווי קליינע פליגן דורכגעשוועבט, האָט מיך ווידער דורכגענומען דער גרויל פון זיינס אַ מעשה, איינע פון זיינע פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס ער פלעגט אין קרייז פון אונדזער פאַמיליע אימפּראָוויזירן, וואָס ער האָט עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן אָנגעגעבן פאַר אַן אמת, אַז מיט אים אַליין האָט זיך עס אויף זיין רייזע פאַרלאָפן, דערקלערנדיק עס אויף אַ נאַטירלעכן אופן. אָבער דאָס מאָל האָבן די אויסגעטראַכטע געשעענישן געווירקט אויף מיר נישט ווי אויף איינעם, וואָס הערט זיי פון עמעצנס מויל, נאָר ווי איך וואָלט זיי אַליין דערציילט און איבערגעלעבט.

באמת האָב איך אַ טעות געהאַט: אויף דער סטאַציע, וווּ איך בין אַראָפּ, איז געווען זייער לעבעדיק. אין דער זיכערקייט, אַז קיינער וואַרט

מיך נישט אָפּ, האָב איך געשווינד מיך געלאָזט דורכגיין דעם וואָקזאַל, כדי אַ דראָזשקע זאָל מיך צופירן צו אַן אכסניה. שוין ביים אַרויסגיין האָט מיך עמעץ אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט און פריידיק אויסגעשריגן. עס איז געווען די וואָס צו איר בין איך פאַרבענקטערהייט געפאָרן — מיין געליבטע. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ דיקן, וואָלענעם מאַנטל, אַן דעם הוט. עס האָט מיך אַ ציי געטאָן, און ביי מיר אינעווייניק האָט אָנגעהויבן רוישן. איר פּנים איז געווען נאַכטיש־ראָז. אין אירע, ווי פון שלאָף־אויפגעעפנטע אויגן, האָט זיך נאָך געפליגלט אַ באַשאַטנטער חלום, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן פאַרשווונדן צו ווערן. אין זיי האָב איך דערקענט די טיפע פרייד, וואָס האָט זי אַרומגענומען צוליב מיין קומען. זי איז געווען איבערראַשט און גליקלעך. פאַר איין מאָל האָט זי מיר דערציילט. אַז דאָס פּערטע מאָל גייט זי שוין צום באַן צוויי באַנאַכט; אַז זי האָט געוווּסט, אַז איך וועל קומען, וועגן די באַקוועמלעכקייטן, וואָס זי האָט מיר צוגעגרייט, — און זי האָט זיך פאַרליבט און אינטים געטוליעט צו מיר. דורך אַ גאָרטנדיק הינטער־געסל האָט זי מיך געפירט צו זיך. עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג. ציגל־לעכער האָבן אַרויסגעשוואַרצט פון עפּעס אַ חרובן גע־מויערטן פאַרקאַן פון אַ פאַרלאָזענעם גאָרטן. זי האָט אַלע ווײַלע אויס־געדרייט דעם קאָפּ און מיך שמייכלענדיק אָנגעקוקט. אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב געשוויגן. עפּעס אַ קאַפּריז האָט זיך געבויגן און ספּיראַליש געשפּאַנט אין מיר; אַן אומדייטלעכער, שאַרפער פאַרלאַנג, און אַן אינעווייניקסטער נשמהדיקער געוויין. און מיינע ענטפערס זענען געווען שאַרפע און עפּעס צולהכעיסדיקע. און ווען מיר זענען אַריין אין שטוב, האָט זי זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר און מיך צערטלעך, מיט אַ בליק פול מיט ווייטיק און בענקשאַפט, אָנגעקוקט. אינסטינקטיוו האָט זי גע־פילט מיינס אַן אומגליק. „וואָס איז אייך? וואָס זענט איר עפּעס אַזוי מאָדנע?" און זי האָט אויסגעצויגן די האַנט מיך צו גלעטן איבער די האָר. אָבער איך האָב גאָרנישט געענטפערט, ווייל מידערהייט דעם קאָפּ צוגעפאַלן צום אָנלען פון שטול, האָב איך דערפילט אין מיר אַן אָנונג פון אַן אומ־באַוווּסטע איבערחזרונג. איבער מיינע באַקן האָבן זיך געקייקלט טרערן, און מיינע צוגעמאַכטע אויגן האָבן כסדר נאָכגעקוקט יענע פרוי, די ענלעכע, ווי זי שלייכט זיך אַוועק אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט.

דורכן מתים־פעלד

איך געדענק נישט ווי ס׳איז נאַכט געוואָרן. דאָס בילד פון אַ מיידל, אַ ליכטיק קינד, האָט כסדר געשוועבט אין דעם בין־השמשות פון מיין דמיון. איר נאַקן, הינטער אַ דיקן, שוואַרצן צאָפּ, האָט געהאַלטן מיינע אויגן צוגעמאַכט. קוים וואָס דער טייך האָט אַ שימער געטאָן. עס איז געווען אַ טאָג פון שפּעטערן האַרבסט. אָפּט האָט אַ דינער רעגן אויסגעמישט און פאַרוואַנדלט אין אַ גרויער פליסיקייט דעם גאַנצן אָנלויף פון די כמאַרעס. איך געדענק קוים דעם מאָדנעם געפיל בעת איך האָב דערשפּירט, אַז דער וואָגן האָט זיך גענומען טראָגן באַרג אַראָפּ צו דער פּראָוויזאָרישער בריק, וואָס בלויז עטלעכע צאָל איבערן וואַסער האָבן זיך אירע באַלקנס געשאָקלט אונטער די רעדער. דערנאָך דער באַרג אַרויף. די אָפּגעריסענע פעסטונג־ווענט, וואָס ביי זיי זענען די שטעכיקע דראָטן, צוזאַמען מיט אַלערליי שמאַטעס אין גרויליקע שמוציקע קנוילן, געווען אָנגעוואָרפן. דער מרחק האָט אָנגעהויבן דאָס מיידל־געשטאַלט אָפּצווישן. אירע קאָנטורן האָבן זיך איבערגעגאָסן אין אַן אומעטיקע כוואַליע, וואָס האָט לאַנגזאַם און כסדר געקלאַפּט אין מיין האַרצן. אַ בענקשאַפט אין מיר האָט זיך עפּעס אַ קווענקל געטאָן. עפּעס האָט וויי געטאָן. און ווען איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן האָב איך מיך געפונען אויבן אויפן לאָדונג. קאַסטנס און זעק איבערגעבונדן מיט שטריק. אַ בינט היי איז געלעגן אונטער מיר. ס׳איז געווען פינצטער, דער וועטער רויק. די שטילקייט האָבן נאָר פון צייט צו צייט איבערגעריסן הייזעריקע דישקאַנט־שטימען, וואָס האָבן זיך אין זייער וועגנער־סילועטן דורכגעטראָגן פאַרביי אונדז אין דער פינצטערניש. „רעכטס!״ — ביימער־סילועטן און קוסטעס, זיצנדיק אויפן חושך אונטער זיך, האָבן אָנגעזאָגט די נאָענטקייט פון וואַלד. עפּעס האָט אָנגענומען אַ גרויל; עס האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען מיט אַ שטילער גע־

זעצמעסיקער אויסגערעכנטקייט. אַן אומבאַקאַנטע מאַניע האָט געצוווּנגען צו האַלטן אויפגעריסן די אויגן, דעם בליק איינגעגעסן אין דעם גרויען חושך אויף די פעלדער און נאָכצושפּירן יעדעס בערגל, וואָס רוקט זיך אַפּער הינטער אונדז... ניין. אַזוי וועל איך גאָרנישט דערזען, האָב איך געטראַכט, און זיך איבערגעזעצט מיטן פּנים צו הינטערוויילעכץ. יאָ, דאָס איז אַ קבר, און יענץ אויך. און אָט וועל איך באַלד דערזען יענעם, דעם ווייסן, מיט די צוויי ווייסע פּיס איבער אים, אָדער, אפשר איז ער אַזוי אָפּגעשמירט מיט קאַלך. פאַרוואָס בין איך נעכטן פרי, דאָ דורכפאָרנדיק, נישט אַראָפּגעגאַנגען אַ קוק טאָן? אָבער אָט איז ער, דער קבר, מיט די צוויי ווייסע צעלייגטע פּיס איבער אים, ווי שרעקלעך! מענטשן ווייסן נישט צו שוינען זייערע חושים, עס קאָן דאָך עמעצן אָפּשרעקן צום טויט. האָב איך געטראַכט, און איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, איך וועל נישט טראַכטן מער דערפון... — וואָס פאַר אַ טייער קינד! ווי פיל זי איז מיט צערטלעכקייט און רחמנות. ווי זי האָט עס געוויינט בשעת זי האָט דערציילט פון דעם אומגליקלעכן אויפרייס ביי דער קירכע... אַ מאַמע מיט איר קינד. דאָס קליינע קעפּל האָט מען קוים שפּעטער געפונען אונטערן בריקל אין ראָוו, אַ קליין שוואַרץ־געקרויזלט קעפּל... אָבער די מאַמע האָט טויטערהייט אַלץ געדריקט דאָס קינד צו זיך... איך האָב שוין ווידער געהאַלטן די אויגן אָפן. אַן אָפּגעשפּילעט קייטעלע אונטן ביים וואָגן האָט מאָנאָטאָן און אומאויפהערלעך געקלונגען. מען דאַרף אַראָפּגיין עס פאַרריכטן — האָב איך געזאָגט צו זיך, אָבער דער וואָגן טראָגט זיך אַצינד האַסטיק באַרג־אַראָפּ. איך וועל אים נישט קאָנען פאַרהאַלטן. און פּלוצלינג האָבן זיך, ווי שוועבנדיק, אָנגעהויבן אַרויסשלייכן די ערשטע ביימער אין וואַלד און זיך הינטערוויילעכץ שנעל אָפּגעטראָגן פון מיר. אַ דיקע פינצטערניש האָט אונדז אַרומגענומען, און איך האָב זיך צוריק אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פאָרנט. ווי מאָדנע עס טאַנצט אונטער דאָס שטיקל סילועט פון פערד. דעם כאָמאָנט זע איך נישט, זיין קאָפּ אויך נישט... אָבער אָט זע איך דאָך ווידער דעם ווייסן קבר אין וואַלד. האָ, פריער האָט עס טאַקע געמוזט זיין אַ טעות, דער קבר געפינט זיך טאַקע אין וואַלד... נו, און איצט זעט מען גאָרנישט... ווען דאָס פערד וויל גיין פּאַמעלעכער אַ ביסל! מען שרייט „האַלט!" מען דאַרף זיך אָפּשטעלן... כ'האָב מיך געכומען צוהאָרכן, ניין. ס'האָט זיך מיר

אויסגעדאַכט, ס'איז דאָס קייטעלע! ווי שרעקלעך עס צעמישט די רעיונות. עס דענערווירט. איך וועל עס באַלד פאַרריכטן. טאַקע שוין, האָב איך באַשלאָסן... סטוי! — האָב איך געשריגן צום פערד, אָבער דאָס פערד האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט — סטוי! סטוי! — און פּלוצלינג האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז מען שרייט ווידער „האַלט!" ניין, מען שרייט פאָרט נישט, נאָר וואָס דער וואָגן סקריפּעט איבער שאָסיי, און דאָס פּאַר־שאַלטענע קייטעלע, איך האָב אָנגעהויבן וועקן דעם פורמאַן: „היי, יידל! יידל! שטיי נאָר אויף!" קוים וואָס ער האָט אַרויסגעקרעכצט: „האַ!" און איז ווייטער געשלאָפן. איך בין מיד געוואָרן און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק אים אויפצוּוועקן. אָבער מיר איז סיי־ווי־סיי געוואָרן היימלעכער. ערשט איז גוט. איך בין מונטער. וואָס פאַר אַ שטילקייט ביי מיר אין האַרצן! דאָס מיידל האָט ווידער אַ מיגניע געטאָן דורך מיינע רעיונות און איך האָב טיף איינגעגראָבן מיין קאָפּ אינעם הויכן פוטער־קאָלנער. וואָס פאַר אַ זעלטענעם רייץ איר נאַקן האָט. אַ זיסער תענוג צו טראַכטן פון איר. ווען וועל איך ווידער זיין ביי איר? איך וועל דאָס מאָל אַ שמועס טאָן מיט אירע עלטערן. שיינע אָנגענעמע טאַטע־מאַמע... געוויס, זי וועט זיין מיין פרוי, די מוטער פון מיין קינד. אויף איר האַלדז וועל איך אָנטון זיבן שנורן גרויסע פּערל און דאָס קינד וועט האַלטן צוגעטוליעט דאָס שוואַרצע געקרייזלטע קעפּעלע צו איר האַלדז... הם — ניין... נישט דאָס... איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן. אַ צלם האָט זיך האַרט פאַרביי מיר דורכגעשלייכט, און באַלד נאָך איינער און נאָך איינער. איך האָב ווידער פאַרזונקען דעם קאָפּ אין קאָלנער. שרעקלעך, שרעקלעך! יענץ בילד האָב איך געטריבן פון זיך; זיך הילפסלאָז געוועָרט קעגן עס — אָבער, איך האָב זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו טראַכטן פון איר. יאָ, יאָ, עפּעס אַן אָפּיציר האָט איר געבראַכט אַ בריוועלע פון איר קוזין, וואָס געפינט זיך אויפן שלאַכט־פעלד. „טייערע, שרייבט ער, פאַרגעס נישט אָן מיר כל־זמן איך לעב, און איך האָף, אפשר וועט דער מזל זיין אַזוי גוט צו מיר..." געוויס, אַ שיינער, מוטיקער זעלנער. — דערנאָך וועט זיך וויגן זיין לוסטיק פריש געלעכטער אויף זיין ווייכן באַס און זי וועט נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים. ווי עס פּאַסט אים דער ציווילער אָנצוג, וועט זי טראַכטן, נאָך מער ווי דער מונדיר. מיט ווייטיק און חרפה, יאָ,

מיט חרפּה, וועל איך אויסמיידן דאָס דאָזיקע שטעטעלע, וואָס פאַר אַ שאָד! זי איז אַ שיין, טעמעדיק קינד און עס טוט ווי איר צו פאַרלירן! צום אומגליק... אַזוי פיל זעלנער אומגעקומען און ער וועט בלייבן לעבן, כדי צו זייען אַן אייביקע שנאה צו זיך אין מיין האַרצן. אָבער, ער וועט אומ־קומען, אפשר פּונקט אין דער רגע, און אפשר שוין פון נעכטן, אייער־נעכטן, און זיין קבר ליגט אַ פינצטערער אין וואַלד מיט אַ צלם איבער אים. עלנטער! אַ טיפער רחמנות האָט זיך אַנגענומען צו יענעם אומבאַ־קאַנטן, און כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיינע אויגן האָבן אַנגעהויבן בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש. אָט האָב איך ווידער קברים, צלמים. בייטאָג האָב איך אויף טייל איבערגעלייענט: „דאָ רוט דער העלדישער...” און וואָס איז אַזוינס יענץ בערגל? נישט קיין קבר? אַ שרעקלעכער קנויל! ניין, דאָס זענען סתם אַנגעוואָרפענע שטיקלעך אָפּפאַל פון גרויסע מחנות מענטשן; דאָס מוזן די סטרוזשעס פון די וועגן אויף איין אָרט צוזאַמענ־קערן... אָבער ניין, עס איז אַ קבר; נעבן דעם אַ צלם. עטלעכע... זאָל איך עס בייטאָג נישט האָבן געזען? פּלוצלינג האָט זיך מיר אַנגעהויבן דאַכטן, אַז דער וואָגן קלאַפּט אַצינד שטאַרקער, סאַראַ שרעקלעכן טומל ער מאַכט אַן אַצינד. אָבער איצט שרייט מען ווידער „האַלט!” כ׳האָב זיך ווידער געענומען צוהערן: ניין, מען שרייט נישט, נאָר אין וואַלד רוישט עס. יאָ, אַ כסדרדיקער טומל פון זעלנער! וואָס פאַר אַן אומזין איך האָב אַצינד אויסגעקלערט! כ׳האָב זיך ווידער איינגעגעסן מיט די אויגן אין טיפן חושך פון וואַלד. דער וואָגן טראָגט זיך מיט אַ טייוולאָנישער גיכקייט און הינטער אונדז לויפט עמעצער נאָך און בעט זיך מען זאָל אים אַרויפ־נעמען... שטעל זיך, קוק זיך אום מטורף! האָב איך געטענהט צו זיך אַליין. ניין, דאָס איז משוגעת, ס׳איז דאָך שטיל, נאָר דאָס קייטעלע! און דער וואָגן אויך קוים וואָס ער שלעפּט זיך. איך האָב זיך איבערגעבויגן איבערן וואָגן: באמת, די ספּריכעס גייען נאָך איינע די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געוועזן פאַרשלאָפן... אָבער דער וואָס לויפט הינטער אונדז, איז מיד, און ער גייט אויף אַ מרחק נאָך דעם וואָגן אין חושך. אָט וועט באַלד ווידער זיין אַ באַרג־אַראָפּ, דער וואָגן וועט זיך נעמען טראָגן האַסטיק, און יענער וועט נעמען אַן אָטעם אונדז נאָכיאָגן: „האָט רחמנות, נעמט מיך אויף!”... וואָס פאַר אַ פינצטערניש! זי שליסט אונדז אָפּ פון פאַרנט

און פון הינטן, פאַרווישט די גרויקייט פון שליאַך — און אין וואַלד — שרעקלעך! נאָר די ערשטעביימער ביים שאָסיי רירן זיך נישט, אָבער טיפער — גייט דאָך אַלצדינג כאַדראַם! עפּעס אַ קראַפּט האָט אונדז געטראָגן מיטן געשפּאַן, דער חושך האָט כסדר, ווי אַ שוואַרץ, געדיכט וואַסער, אָפּגעטרעטן פון פאָרנט און באַלד צוגעדרונגען פון הינטן. און יאָ, אינעווייניק אין וואַלד רוישט עס. אַ כסדרדיקע באַוועגונג. און אין דעם חושך גייען כסדר די זעלנער איבערן שאָסיי פון איין זייט וואַלד אין דער אַנדערער. דער באַוווסטזיין, אַז די שלאַכטן אין וואַלד האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט, האָבן מיר געברענט די וויעס מיט אַן אומ־געהייערע חרפּה! סאַראַ פּחדנות, סאַראַ געמיינע איינרעדעניש! אָבער די האָר פון קאָפּ זענען מיר געשטאַנען קאַפּויער און ווי שפּילקעס גע־שטאָכן דעם שאַרבן. יאָ, הינטערן וואָגן שרייט אַלץ די דישקאַנט־שטימע „האַלט!"... ניין, נישט „האַלט". דאָס וואָרט מוז מיר קלינגען אין די אויערן, הערנדיק עס הונדערטער מאָל איבערן טאָג. ס'איז דאָס קייטעלע, עס קלינגט נישט, נאָר עס רייבט זיך הייזעריק־מאָנאָטאָן — עס ווייַנט, מען דאַרף פאָרט אַראָפּגיין עס פאַרריכטן... איך האָב אַ געשריי געטאָן צום פערד „סטוי!" אָבער עס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. סטוי! סטוי! אָבער דאָס פערד האָט זיך געטראָגן, ווי געפירט דורך מאַגיע. ניין, עס האָט נישט געהערט מיין געשריי, אפשר האָב איך נישט געשריגן, ס'האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט... אָבער ס'איז נישט קיין קייטעלע, עס איז אַ קול. עס הערט נישט אויף נאָכצושרייען מיטן לעצטן אָטעם „איך האָב קיין כוח נישט, נעמט מיך אויף!" און, זיי מודה, האָב איך געשריגן אין זיך, אָ, זיי מודה — עס איז אַ פרוי מיט אַ קינד איינגעהילט אין אַ טוך! סטוי! סטוי! — ניין, איך שריי נישט... וואָס פאַר אַ פאַרווירונג. מען מוז זיך דאָך אָפּשטעלן. אַ טויטע פרוי יאָגט זיך נאָך אונדז, נאָכן קעפּל פון איר קינד לויפט זי. „האָב רחמנות! שטעל זיך אָפּ, עס איז דיין געליבטע און דאָס קינד איז דאָך דיין קינד, שטעל זיך!..." ניין, איך מוז פון דעם משוגענעם ווינקל אַרויספאָרן... און אָט זענען ווידער צלמים, בערגלעך און שטיינער, זי וועט דאָך פאַלן... פּלוצלינג האָט דער וואָגן אַ שפּרונג געטאָן איבער אַ שטיין. איך האָב זיך אויפגעריסן פון מיינע דמיונות, און איך האָב זיך אין גאַנצן אויסגעצויגן איבערן וואָגן. דאָס

פערד איז קוים געגאַנגען האַלטנדיק דעם קאָפּ ביי סאַמע ערד. עפּעס ווי עס וואָלט קראַנק געווען. מער פעלט מיר נישט, דאָס פערד זאָל מיר נאָך דאָ פאַלן. אַ שטערן איז אַרויסגעשווומען פון די וואָלקנס ; זיינע דינע, שיטערע שטראַלן האָבן זיך צעזייט איבער אַ פּירקאָנטיק שטיק אויסגעהאַקטן וואַלד. די פּיענעס זענען געזעסן איינגעזונקען עפּעס ווי געהיימע זקנים אין דעם חושך. אַלצדינג האָט זיך פאַררוקט טיפער, און דער וואַלד פון ווייטן איז נאָך טיפער געוואָרן און שרעקלעכער. ווי אימהדיק. עס איז דאָך אַלצדינג פאַראַן ! די טויטע זעלנער, וואָס זענען אויפגעשטאַנען אין דער שטילער חושכדיקער פאַרבאָרגעניש, כדי פאַרצווזעצן זייער טאָג־טעגלעך פּראָזאַיש לעבן : אַ כסדרדיקע איבערוואַנדלונג פון איין גרובן צום אַנדערן, פון איין שכן צום צווייטן. אַ גראָבער, געזונטער געלעכטער פון זעלנער... אָבער אָט האָט ווידער אַ וויש געטאָן איבער די אויגן די פינצטערניש פון וואַלד, אַ שוואַרצע געדיכטעניש, דוכט זיך דער טומל פון וואָגן האָט זיך פאַרשטאַרקט. דיקע, פינצטערע שטאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן פאַר מיר, פאַרלירנדיק זיך אין דער פינצטערניש פון אויבן — אַ מאָל אין דער זייט וואָגן, אַמאָל אין דער צווייטער. און צו מיין ווילסטער שרעק האָב איך באַלד אויסגעפונען, אַז דאָס פערד גייט נישט ווי פריער אין אַ גלייכן וועג, נאָר בלאָנדזשעט עפּעס ווי שיכור אין אַ מין זיג־זאַג צו די טיפע ראָוועס איןביידע זייטן פון שאָסיי. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, אַזש דער כאָמאָנט פאַלט אַריבער. האָט זיך עס דערשראָקן ? געוויס ! ווייל הינטער אונדז לויפט דאָך אַלץ נאָך די פרוי, און איר פּנים איז מיר מאָדנע נאָענט. דעם קינדס קעפּל צוגעטוליעט צו איר צערטלעכן האַלדז, און פּלוצלינג איז פאַר מיינע אויגן אַרויסגעשווומען ווידער אַ מאָל דער ווייסער קבר. ערשט איז ער געשטאַנען האַרט פאַר מיר, און דאָס ווייסע, יאָ, עס איז אַ פּאָר ווייסע אונטערהויזן, האָבן זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן אין דער לופטן... קיין ווינט איז דאָך נישטאָ, אָ, ראַטעוועט ! ראַטעוועט !... און פּנים אל פּנים גרויסע אויפגעריסענע אויגן פון באַוואַקסענעם בעל־עגלה, האָב איך פּלוצלינג דערזען אונדזער פערד און וואָגן מיט צעפּלאָנטערטע לייצעס, מיט איין ראָד אין ראָוו, און דערהערט מיין אויסטערלישן, מיט טיפן פּחד אָנגעטרונקענעם געשריי, וואָס האָט איינגעשטילט דעם מיסטישן רעש פון די מתים.

ער האָט זי געפונען

— און דאָס איז אַלץ?

— וואָס נאָך? — דוכט זיך אַלץ.

— האָסטו, הייסט עס, חרטה נאָך צוויי יאָר?

— נישט קיין חרטה, מערי, נאָר די באַדינגונגען; איך קאָן נישט פּועלן ביי זיך אַרויסצוּוואַרפן אַזויפיל יאָרן מאַטערגיש און פרייוויליק נעמען אויף זיך די אָרעמקייט.

— האַ, איך פאַרשטיי, קאָנסט נישט אַרויסוואַרפן. ס'איז נישט קיין לעבעדיקע זאַך, נאָר מיך...

די טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלדז, זי האָט דערפילט, ווי אַ ספּאַזמע דריקט איר אין האַרצן און זי וועט מוזן הויך אַרויסוויינען. און מחמת זי איז געווען שטאָלץ האָט זי האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

לוציאַן איז געבליבן שטיין ווי פריער אין אַן אומגעדולדיקער פאַרביסענער עקשנות. ער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, בעת די גלעזערנע טיר פון צימער האָט אַ בראַזג געטאָן. ער האָט געהערט, ווי מערי האָט אָפּגעריגלט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר פון פאַרצימער.

— פאַרטיק — האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל פון נצחון — פאַרטיק! — און דערפילט. ווי איר עקזיסטענץ, וואָס איז ביז ערשט געווען פול אַרום אים, וואָלט עפּעס אַריין אין אַן אומדורכדרינגלעכער פינצטערניש. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין אים. וואָס איז דאָס? חרטה? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז שוין האַלבע נאַכט און מ'וואָלט זי לפּחות געמעגט אַראָפּפירן פון די טרעפּ, ווי תמיד, אָבער ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פונקט ווי פריער.

*

די ערשטע פּאָר טעג זענען דורך לייכט. לוציאַן האָט שטענדיק געדאַרפט אַרומשמייען פון איין טראַמוויי אויפן אַנדערן. די אָפּטיילונגען

פון מעדיציניש אינסטיטוט, ווו ער האָט געלערנט שוין דאָס פערטע יאָר, זענען געלעגן אין פאַרשידענע עקן פון שטאָט. ער האָט נישט גע־וואָלט דורכלאָזן קיין איין לעקציע פון די פּראָפעסאָרן, דערצו האָט ער נאָך געמוזט אָפּגעבן אַ פּאָר שעהען אַ טאָג, ווייל פון דער היים האָט מען אין גאַנצן אויפגעהערט צו שיקן, — פלעגט ער קומען שפּעט אין צימער, מיט מאַטערניש דורכלייענען די אָבליגאַטע ליטעראַטור און שפּעטער אַנט־שלאָפן ווערן מיט דער „בייעסטער מעדיצינישער כראָניק" אין דער האַנט. זיך אין האַרצן איז אים עפּעס געווען הויל, האָט אים עפּעס געפעלט, ער האָט זיך געפילט דערדריקט. און פּלוצלינג האָט אים ארומגענומען אַ הייסער באַגער צו זען דאָס מיידל און זי איבערצובעטן.

אָבער מען מוז זי דאָך אָפּזוכן — האָט ער געטענהט צו זיך. זי איז אַ וווּיל מיידל, אַ ליב־טייער קינד — דער טייוול ווייסט מיר, וואָס איך בין מיט אַ מאָל אַזוי פּראַקטיש געוואָרן. מ׳וועט זיך אַן עצה געבן. וועט מען אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ, אויב מען וועט נישט קאָנען אַנדערש.

זיינע באַקאַנטע האָבן זי געזען אין גאַס. איינער אַ הויכער, גראָ־בער סטודענט מיט ווייסע ברעמען האָט זי גערופן, איז איר נאָכגעגאַנגען, בעת זי איז אַרויס פון גאָרטן. ס׳איז שוין געווען וואַרעם, פרילינג, אָבער זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן דעם שוואַרצן סאַמעטענעם ברייטן קאַפּעליוש און דעם ווינטערדיקן מאַנטל. זי האָט אויסגעמיטן זיינע באַקאַנטע.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אין די מאָדע־מאַגאַזינען, ווו זי האָט געאַרבעט. אָבער דאָרט האָט מען אים געזאָגט, אַז זי אַרבעט שוין נישט מער ביי זיי. ער האָט געפרעגט דאָס מיידל, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט מיט איר צוזאַמען — ווייסט איר נישט, פריילין, ווו זי אַרבעט היינט? — ניין. זי ווייסט נישט — האָט זי געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף איר אַרבעט. אויף איר אַלטן אַדרעס האָט מען אים געענטפערט, אַז זי וווינט שוין נישט דאָרט.

אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ האָט אים אין דעם דאָזיקן פריי־לינג־חודש שטאַרק געלאָקט. ער האָט פאַרגעסן זיינע אַלע טענות צו דער פּראָווינץ, אַז ער וויל זיך נישט „באַגראָבן אין דאָרף", „טאָג און נאַכט זיך אַרומשלעפּן אויף פורלעך", „האָבן צו טאָן מיט האַלבע פּראָסטע"... דער

„שיינער חודש מאַי” האָט אים פּלוצלינג אַ נעם געטאָן. ער האָט געבענקט נאָך מערין און שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זי באַליידיקט און פאַרטריבן. שטילע פּראָווינצער לאַנדשאַפטן, אומענדלעך לאַנגע בזשאָזע־אַלייען און בלויע דעמבע־וועלדער מיט שמאָלע טייכלעך צווישן די קוסטעס האָבן זיך אים געשאָטנט אין דמיון. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. ווי ער שפּאַצירט אַרום מיט איר איבער גרינע פייכטע לאָנקע־שטעגלעך, זיצט מיט איר אויף שטיינער ביים ברעג טייך, ליגן ביידע אין געלן זאַמד קעגן דער זון...

מען מוז זי דאָך אָפּזוכן — האָט ער נישט אויפגעהערט צו מורמלען צו זיך — מען מוז זי געפינען!

אין איינעם אַ באַגינען האָט מען זייער האַסטיק, ווי אין אַלאַרם, געקלונגען אין טויער און לוציאַן האָט זיך דערשראָקן אויפגעכאַפּט. ער איז געווען צעמישט און אויפגערעגט, אָבער ער האָט זיך תיכף דערמאָנט אָן מערין. ער איז געווען מיד. די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט ער זיך געלייגט שפּעט און לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. אָבער ער האָט זיך דערפילט וואַך און מונטער און זיך שנעל גענומען אָנטאָן. ער האָט באַקומען אַ קלאָרע אַנונג, כמעט אַ זיכערקייט, אַז ער וועט זי היינט זען. אַ שרעקלעכע בענקשאַפט און צערטלעכקייט האָט ער דערפילט צו איר. היינט, היינט וועט ער זי זען, האָט ער געזאָגט צו זיך. היינט וועט ער זי ענדלעך איבערבעטן.

ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם יומטובדיקן אָנצוג, דעם קלאָרן קאָלנער פאַרבונדן מיטן בלויען קראַוואַט, וואָס זי האָט אים געשענקט. ער האָט זיך געלאָזט אָפּראַזירן און פאַרקעמען ביים פריזירער און אַוועק זי זוכן איבער די גאַסן.

גאַס איין, גאַס אויס. צום ערשטן האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט צו פוס. ערשט ווען עס האָבן אים אָנגעהויבן ברעכן די קני, האָט ער אומבאַוווּסט פאַר זיך אַליין גענומען פאָרן אויף טראַמווייען, ער איז געשטאַנען פון פאָרנט און נאָכגעקוקט יעדעס מיידל אויף דער גאַס. יעדע פרוי פון דער ווייטן, האָט זיך אים געדוכט, איז מערי. אַרויפגייענדיק אויפן טראַמוויי, האָט זיך אים געדוכט, אַז זי איז אין דער זעלבער רגע אַראָפּ פון דער צווייטער זייט. אַז ער איז אַרויס פון וואַגאָן, איז ער געבליבן שטיין

מיט אַן אומזיניקן באַגער צוריק אַרויפצוציִען, מיט דער זיכערקייט, אַז זי איז פון דער צווייטער זייט גראָד אַרויף. אויף אַ מאָדנעם אופן האָט ער כסדר געטראַכט וועגן איר. איר לעבן, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק געקענט, איז געלעגן פאַר אים, ווי אַ פּאָר אויסגעריסענע זייטלעך פון אַ בוך אָן צוזאַמענהאַנג. ער האָט געמישט די עטלעכע זייטלעך פון איר לעבן און זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן פאַרצוואַרפן, אַז ער האָט זי נישט געקענט, זיך נישט אינטערעסירט מיט איר, ער האָט געוווּסט בלויז, אַז זי איז די איינציקע טאָכטער פון אירע עלטערן, פון וועמען זי פלעגט קריגן לאַנגע, פאַרזאָרגטע בריוו, געשריבן מיט קליינע אותיות. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אין גאַנצן 20 יאָר אַלט. ער, לוציאַן, איז איר ערשטע ליבע.

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געביטן גאַסן, הייזער און פּלעצער. מענטשן זענען אַריין און אַרויס פון די וואַגאָנעס, און אויפן הימל האָבן זיך די לייכטע פוכיקע וואָלקנס געביטן, געמיניעט מיט ליכט און שאָטן, פּונקט ווי די וועלט וואָלט אַלע ווייִלע אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען. זיין בליק איז געווען פאַרנעפּלט. ער האָט בלויז געטראַכט וועגן מערין.

— וואָס האָב איך געטאָן? — האָט ער געשריגן צו זיך — איך מוז זי דאָך צוריק זען און איבערבעטן זי.

ס'איז שוין געווען נאָכמיטאָג. ער איז געווען מיד פון אַרומפּאָרן איבער דער שטאָט, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ער וועט זי אַרומזוכנדיק סיי־ווי נישט געפינען אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די קומענדיקע עקזאַמענס און באַשלאָסן אויף מאָרגן זי צו זוכן אין דער צייטונג. דאָס וועט זיין שכלדיק און ווירקזאַם — האָט ער געזאָגט און איז אַוועק צו דער אַרבעט.

ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, דאָס רעקל, און צובינדנדיק דעם ווייסן פאַרטעך אויפן רוקן, האָט ער זיך מיט די שטיגן אַרויפגעלאָזט אין זאַל, וואָס איז נאָך געווען האַלב־ליידיק און מיט די שוואַרץ־איבער־געדעקטע קערפּער אויף די טישן, אויסגעזען טונקל. אין אַ ווינקל ביים פענצטער זענען געשטאַנען עטלעכע סטודענטן שטאַרק איבערגעבויגן איבער עפּעס אַ קעגנשטאַנד אויף אַ טיש. דער זאַל האָט שאַרף אָפּגעגעבן

דעם שטילן קלאַנג פון זייערע שטימען און געשטיקט מיט די פוילע און אַנטיסעפּטישע ריחות, וואָס זענען געווען אַ ווילדער קאָנטראַסט מיט דער לופט אין דרויסן, פון וואַנען ער איז נאָר וואָס אַריינגעקומען. מיט אַ געפיל פון עקל און געצווונגענערהייט האָט ער זיך געלאָזט צווישן די מתים און אָפּגעשטעלט זיך פאַר אַ טיש, און אויסדרייענדיק זיך צו זיין שאַפקע, כדי אַרויסצונעמען זיינע אינסטרומענטן, האָט ער זיך באַגעגנט מיטן שוואַרצן בליק פון אַן אַרבעטער אין דער פּראָסעקטאָריע, וואָס האָט אים שטיל אָנגעקוקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט צוויי טעג פריער האָט ער אים מיט סכנות אויסגעמיטן, ווען יענער איז שיער נישט אַרויף אויף אים, אויסדרייענדיק זיך האַסטיק מיט דער עגלה אין טויער פון פּראָסעקטאָריע. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן דער שטאַרקער קלינ־גערייַ אין טויער, וואָס האָט אים היינט אין דער פרי אויפגעריסן פון שלאָף...

מיט מידע צוגעווויינטע באַוועגונגען האָט ער איינציקווייז איבערגעקוקט זיינע אינסטרומענטן און, אַראָפּנעמענדיק מעכאַניש דעם טוך פון קער־פּער, האָט ער, אָן שום נייגעריקייט, אַ קוק געטון דעם מת אין פנים אַריין.

אין דער ערשטער רגע האָבן זיך אַלע פּענצטער אַ וואַקל געטאָן. עס האָט זיך אַ וויג געטאָן די שטיינערנע פּאַדלאָגע אונטער די פיס מיט אַלע טישן אַרום אים, און אַנטקעגן דעם גרינלעכן געזיכט מיט די צוויי אויפגעהויבענע שוואַרצע ברעמען וואָס איז געלעגן ווי אין אַ טיפער רויקער אַנטציקונג — זענען זיינע אויגן וואָס אַ מאָל גרעסער געוואָרן, זיי האָבן זיך פונאַנדערגעריסן און אויסגעשפּרייט זיך ביז ווייטיק, ביז בלענדונג, און געבליבן שטיין שווערע און אומבאַוועגלעכע, ווי אין עפּעס אַ ווייטער נישט־דאָיקער דערמאָנונג. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי אָנגעהויבן קלענער צו ווערן, און איינשרומפּענדיק און פאַרמאַכנדיק זיי האַלב, ווי אין אַ מין שיכרות — האָט ער אָנגעהויבן צו שמייכלען צו איר מיט אַ פאַרוווירטן פרעמדן שמייכל. ער האָט געשמייכלט און זייער צערט־לעך אָנגערירט איר קאַלטן שטערן, וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַ גרינלעכן זיידענעם פאַס ליכט קעגן פענצטער, בעת ער האָט פאַרנומען אויף אַ זייט אירע שוואַרצע, מיט עפּעס אַ טונקל־גרינע מאַסע צוזאַמענגעפּאַפּטע האָר. ער האָט צערטלעך אָנגענומען אירע אָרעמס, איר האַלדז, אירע בריסטן. דערנאָך האָט ער אין אַ מין ווילדער פאַרגעסנקייט געשניטן איר

לייב, אירע הענט און פיס. ער האָט געשניטן און געשמייכלט, ממש פאַר־כליניעט פון אירע ציין, וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געקושט, וועלכע האָבן איצט אַרויסגעבליט פון איר האַלב־אָפן פאַרגליווערטן מויל, ווי אין עפּעס אַ פּראַגע. ער האָט געשעפּטשעט זיסע רייד צו איר און נישט געזען זיינע חברים, וואָס זענען ביסלעכווייז אַנגעקומען אין זאַל. דער פּראָפעסאָר איז צוגעקומען צו אים מיט אַ מונטערן גוטמאָרגן.

— אַליין גאָר מיטן מיידעלע? — האָט ער געזאָגט, און גענומען געבן דערקלערונגען די סטודענטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. אָבער לוציאַן האָט גאָרנישט געהערט. — מערי! — האָט ער כסדר געשעפּטשעט — מערי! — ווי אין אַ זיסן חלום.

אָבער שפּעטער, ווען ער איז אַרויס פון דער פּראָסעקטאָריע, און אַ דינער שמעקנדיקער מאַי־רעגן האָט אים אַ וויש געטאָן איבערן פּנים, האָט אים די פאַרגליווערונג אַנגעהויבן נאָכצולאָזן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען — איך האָב זי שוין געזען — האָט ער געשעפּטשעט — נו, האָב איך זי שוין געזען! — און אָנגעהויבן שטעלן אַ גיכן טראָט. פאַר זיינע ליידיקע אויגן האָבן אָנגעהויבן שוועבן הייזער, טראַמווייען, מענטשן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די וועלט איז עפּעס מיטאַמאָל שרעקלעך שטיל געוואָרן. עס ריטשען די גרויסע סירענעס פון די אויטאָס, דער טראַמוויי קלינגט האַסטיק מ׳זאָל אַראָפּגיין פון די שינעס, די צייטונגס־ייִנגלעך פאַר־לויפן אים שרייענדיק דעם וועג. אָבער ער הערט גאָרנישט. און די גאַס, די גאַס ווערט, דאַכט זיך, ווי פאַרפאַלן, פאַרפאַלן אין אַ ליכטיקער ליידי־קער אומענדלעכקייט, און ער גייט, גייט אין אָט דער אומענדלעכקייט, ווי אויף עפּעס אַ ווילדן אַנסופיקן באַרג אַראָפּ. און אים האָט עפּעס געדריקט, געקנייפּט און נישט געוואָלט אָפּלאָזן. אָבער האָט עס כמעט נישט געפילט. און מיט אַ מאָל האָט אַ ווילדער קראַמף אָנגעכאַפּט זיין קערפּער, זיין האַרץ, און מיט בלאָנדזשענדיקע פיס, ווי אַ שיכור, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די אייזערנע שטאַכעטן פון סקווער. אַ קליינער המון איז זיך צוזאַמענגע־לאָפן. עמעץ איז צוגעקומען און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָ געשען?

— איר זעט דאָך — האָט אַן עלטערע פרוי געענטפערט — אים איז נישט גוט געוואָרן.

צוויי פּאָרטרעטן

1

ער האָט געוווינט אויף איינער פון די יידישע גאַסן, אין דריטן הויף, ווו ס'פּאַרבלאָנדזשעט זעלטן אַן אָפּגעריסענער קרעכץ פון אַן אויטאָ, און ס'דאַכט זיך, אַז די שטילקייט — איבערגעריסן בלויז פון דעם אָפּטן וויענדיקן דינעם קוויטש פון אַ טאָקערײַ — גיסט זיך אַרויס פון די אָפּגעריסענע נידעריקע ווענט, פון דעם שמוציקן, גראָז־באַוואַקסענעם פּלאַץ מיט די נאָפּט־מאַגאַזינען, מיט די פינצטערע שטאַלן, מיט אַ שטענדיק פאַרמאַכטן גאַראַזש.

ער איז געווען אַ שוואַכער און אַ הויכער. יעדן פרימאָרגן, פּונקט זיבן אַ זייגער, פלעגט ער אַרויסגיין פון טויער, מיט אַ שטאַרק פאַרריסענעם קאָפּ, די אייבערשטע העלפט פון גוף אויסגעבויגן אויף הינטן, ביידע הענט אין די קעשענעס און די פּאָלעס פון זיין העלן מאַנטל פאַרריסן אויף פאָרנט. דער פּאָליציאַנט אויף זיין פּאָסטן אין ראָג פון די גאַסן פלעגט אַ שמייכל טאָן און זאָגן אויפן קול צו זיך אַליין:

— שוין איין שעה אָפּגעשטאַנען.

דער פּאָליציאַנט מיט אַ גרויסן שאָטן אונטער די פיס זומער, און איינגעהילט אין אַ בלויער פּעלערינע יעשן־צייט. בייגל־פּאַרקויפּערינס, אין לאַנגע געפּאַלדעוועטע סיציגע קליידער, שרייען מיט אַ זינגענדיקער שטימע „פרישע בייגל!". אַ שווער־באַשטיוולטער אַרבעטסלאָזער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פאַרטראַכטן קאָפּ אויף אַ פּאַפּיראָס־גילזע. אַ מיידל וואָס קלאַפּט שנעל צו דאָס אייזערנע טירל פון אַ קירכע־הויף און דער זיצנדיקער בעטלער, וואָס לאָזט אַרויס איר קלייד פון די הענט:

— אין נאָמען... טייערע פריילין...

ער האָט געהייסן בלוישטיין. אַמאָל, אין די פיר יאָר פון דער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין דייטשלאַנד. אַ ציוויל־געפאַנגענער. אין דריטן יאָר פון קריג האָט מען אים באַפרייט פון לאַגער און איבערגע־שיקט אים אין דער הויפטשטאָט, ווו ער איז על־פי מקרה אָנגעקומען פאַר אַ קוליסן־טרעגער אין דער אָפּערע.

עס איז געווען פאַר אים אַ גליק, וואָרן ער איז געווען אינטע־ליגענט; אין דער קינדהייט זיינער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט צייכענען בילדלעך אויף יעדן לײדיקן שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט נאָר אָנגע־קריגן אין דער האַנט אַריין — אַ זאַך, וואָס יידישע טאַטע־מאַמע האָבן פיינט מיט אַן איינגעוואָרצלטער, דורי־דורות־געכאַוועטער שנאה. עס האָט זיך דערפון דערוווּסט צופעליק אַ פעטער פון מינכען, אַ ראַבינער און חזן־שוחט, אַז זיין יונגער פלימעניק חזרט איבער מיטן זעלבן אייפער, מיט דער זעלבער ליידנשאַפט דאָס, וואָס עס האָבן געטאָן די גרויסע מאָלערס, וועלכע ווערן אַלעמאָל דערמאָנט אין די דייטשע זונטיק־אויסגאַבעס, און מיט דעם איינגעביסענעם ביטול און רחמנות צו די מזרח־יידן און מיט דער פרומער עקשנות נאָכצומאַכן די וועלט, האָט ער געשיקט נאָך דעם פערצן־יאָריקן נחמן און אים געלאָזט לערנען מאָלעריי אין אַ קונסט־שולע.

יאָ, די אָפּערע... גייענדיק אין דער פרי אויף זיין טאָג־טעגלעכן שפּאַציר, איינזוויגנדיק אין זיך דעם שטויב פון די גאַסן, וועלכע די הויז־ווערטער קערן אין פרימאָרגן, דערמאָנט זיך בלוישטיין גאַנץ גענוי זיין אַרבעט הינטער די קוליסן פון טעאַטער. און ס'איז נישט קיין דערמאָנונג, נאָר אַן עמפינדונג פון די לונגען און פון דער נאָז, וואָס רופט ביי אים אַרויס תמיד די זעלביקע בילדער, בילדער, וואָס קומען יעדן אין דער פרי מיט דער פינקטלעכקייט פון זיין שפּאַציר, מיט דער פינקטלעכקייט פון דעם אַלטן, כריפּענדיקן און הוסטנדיקן זייגער, וואָס רייסט אים אַרויס האַלב זיבן פון בעט אַרויס, אין איין צייט מיט די צעקנייטשטע, ווי פון מיסט אויפגעשטאַנענע אַלטע לייט אין דעם דערבייאיקן שמוציקן צימער... איינער נאָכן אַנדערן שטייען זיי אויף פאַר אים, די באַרימטע זינגער, וואָס פלעגן, ווישנדיק דעם אָנגעמאַלעוועטן און שוויס־טריפנדיקן פנים, אַרויסלויפן רויטע און אויפגערעגטע הינטער די קוליסן אין זייערע פאַר־

ביקע, גלאַנציקע קאָסטיומען, אַראָפּכאַפּנדיק די שייטלען פון די קעפּ. — שוואַרץ האָט געמיינט, אַז איך בין אַ שפּאַניער — מורמלט בלוישטיין פאַר זיך אַליין — און אַז ער האָט זיך דערוווּסט, פלעגט ער תמיד שמייכלען צו מיר. און יאַדלאָווקער, אַ מיזאַנטראָפּ, אַ נערוועישער יונג — יאָ, איינמאָל האָט אים איינער פון זיי, אַ דייטש, אַ זאָג געטאָן „העסלעכער ייד", דערפאַר וואָס ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ דעקאָראַציע, וואָס בלוישטיין האָט געטראָגן צוזאַמען מיט נאָך איינעם, און זיך אַ ריס געטאָן אין אַרבל.

ביינאַכט עלף אַ זייגער, נאָכן פאָרלעצטן אַקט, פלעגט ער אַוועקגיין צו עליזען.

בלוישטיין האָט מער וועגן דער אָפּערע נישט געטראַכט. גייענדיק איבער די ברייטע, זיך וועקנדיקע גאַסן, האָט ער, טיילמאָל מיט פאַרטרערטע אויגן פון ווינט, און טיילמאָל מיט אַ שטאַרן, פאַרגליווערטן בליק, איבערגעלעבט, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן פאָרגעקומען, יענע קורצע ליבע צווישן אים מיטן דייטשן מיידל.

וואָרן בלוישטיין, וואָס האָט איצט געוווינט צוזאַמען מיט צוויי קאָלעגן, צוליב היימלעכקייט און צוליב דירה־געלט, איז געווען שרעקלעך איינזאַם, נישט צוליב מיזאַנטראָפּיע און אומצוטרוי צו מענטשן און אפילו נישט צוליב שעמעוודיקייט — ניין, ער האָט פאַרמאָגט אַ מין מאַגישע קראַפט, וואָס האָט אים, דעם הויכן, טונקעלן מאַנספּערשוין, מיטן שוואַרצן קאָפּ האָר, מיט די שפּאַקולן — געמאַכט אומבאַמערקט און נישט געזען. פּונקט ווי אַמאָל, אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן אין שטעטל, ווען מ'פלעגט זייער שפּעט אָנצינדן אַ שוועבעלע און דערזען אים פּלוצלינג שטיין אַ שווייגנדיקן, אַן אויסגעצויגענעם און אַ פאַרגעסענעם צווישן די זינגענדיקע, ענג־צוזאַמענגעדריקטע פאָרלעך.

ביי בלוישטיינען אין צימער איז שטענדיק אַ טומל, דער נידעריקער, האָרבאַטער זילבער, דער ליטאָגראַפיסט, ציט איין דעם קאָפּ צווישן זיינע קיילעכדיקע אַקסלען ווי אַ וואַל, און נעמט גאָרגלען מיט אַ ברייטער, פליעסקענדיקער שטימע חזנישע שטיקלעך; דערביי לייגט ער אַוועק די קליינע, שאַרפע דלאָטע פאָרזיכטיק אין אַ זייט פון שטיין און לאָזט אַראָפּ ביידע הענט, דרייענדיק די בולטע אַרויסגעשטויסענע אויגן אויף אַלע זייטן.

לעווינסקי דער מעכאַניק, וואָס קריגט געלט פון אַ ברודער אין אַמעריקע און איז פיר טעג אין דער וואָך אַרבעטסלאָז, גייט כמעט יעדן אָוונט אין דאַנסינג און מאַכט טאַנץ־איבונגען אין שטוב. חוץ דעם האָט ער אַ פריי־לעכע טבע צו שפּרינגען איבער שטולן, אָנהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנטביים אָנלען און מיט דער צווייטער אָן טיש; אַ יונגער אַקטיאָר, פויגל, אַ דאַרער און אַ הויכער מיט אַ ברודיקער קוטשמע אויפן פויגלשן לאַנגן האַלדז, זיצט אַפּ גאַנצע שעהען, דערציילט שאַרפע, מיאוסע אַנעקדאָטן, איינ־שרומפּנדיק דאָס קליינע פּנימל מיט די קרומע אויגן, אַז די גרויסע אויס־געבויגענע נאָז בלייבט שטעקן אין דער לופטן, ווי אַ האָרן.ביידע זקנים, די באַלעבאַטים, קומען בייטנדיק זיך, אַמאָל ער און אַמאָל זי, אַ קוק טאָן וויפל ס׳איז דער זייגער; אַ פּאָר שוואַרצע, צעקנאָדערטע, איינגעריסטע אַלטע לייט. די אַלטע דזשאַמגעט אָן אויפהער מיט די נאַקעטע יאַסלעס. ווישנדיק כסדר ביידע הענט אין דעם לאַנגן, שמוציקן, ברייטן פאַרטעך, שטייט זי גאַנצע שעהען „אין דער געזעלשאַפט" און דרייט מיט די האַלב־טויבע אויערן אַ מאָל רעכטס און אַ מאָל לינקס.

אָפּגעריסענע ווענט, באַלויכטן פון אַ דריי־רייאיקן פענצטער, באַ־קלעפּט מיט צייטונג־פּאַפּיר, כדי עס זאָל נישט אַריינשיינען די ברענענדיקע זון... וואָרן בלווישטיין שטייט אַפּ גאַנצע טעג ביי דער סטאַלוגע אין ווינקל, זייטיק מיט איין אויג אויף זיין מאָדעל — על פּי רוב, אַן אומגע־דולדיקער קאָלעגע אָדער אַ קינד פון דער שולע, ווו ער איז לערער פון צייכענען. אויף די ווענט — אַ מאָדנער מישמאַש פון גרויע מאַנאַטאָנע לאַנדשאַפטן פון הינטער זיין טאַטנס שטיבל אין שטעטל, כאַטקעס, מילן בלינדע אָן פענצטער און לאָנקעס מיט גרויע, פאַרוואָלקנטע הימלען; נישט פאַרענדיקטע בלאַסע רעפּראָדוקציעס פון וועלאַסקעז, רובענס און ריע־פּין, צווישן זיי — גרויסע, געדרוקטע רעקלאַמעס אין שרייענדיקע פאַרבן: פּלאַקאַטן פון זייף, קאָנפעקטן און שוואַקס מיט שטאַרקע, באַנאַלע, האַלב־נאַקעטע פרויען, טענצערינס אין פּאַווע־פּעדערן, אין רויטע טיולן און שטראַלן.

עטוואָס טעמפּלעך, אייגנטלעך דאָס, וואָס מען רופט אָן פאַר־חושט, מיט אַ לשון וואָס קוילערט זיך אומבאַהאָלפן אין מויל, ווי עס וואָלט עפּעס מורא געהאַט אַרויסצוקומען אין דרויסן; תמיד מיט פאַר־

שידענע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס אין קאָפּ, פּראָבלעמען פון קונסט־טעאָריע און פאַרבן־טעכניק; געניגט צו טראַכטן וועגן ווייטע און אומ־באַגרייפלעכע זאַכן; מיט זיין שטענדיקן פּעדאַנטיזם, קפּדנות און הונ־דערט פּראַצענטיקער אָרנטלעכקייט — איז ער געווען לאַנגווייליק, און אַזוי ווי ער האָט דאָס געוווּסט, איז ער אויך געווען שווייגנדיק. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ער האָט זיינע דערינערונגען געטראָגן שטענדיק פריש און נישט אָפּגעריבן דורך שמועסן און איבעריקער אָפנהאַרציקייט. עפּעס פּונקט ווי די פּילן פון אַ דייטשן מאָגן־דאָקטאָר, וועלכע ער האָט שוין דעם פערטן יאָר אַראָפּגעשלונגען צוויי מאָל אין טאָג, פּינקטלעך פאַר פרישטיק און פאַרן שלאָפן גיין — האָט ער טאָג־טעגלעך, אין דער פרי זיבן אַ זייגער געטראַכט פון דער בערלינער אָפּערע, און איין פערטל אויף אַכט — פון זיין געשטאָרבענער דייטשער עליזען.

און ס׳איז נישט קיין וווּנדער, וואָס זיין איינזאַמקייט און זיין מאַנגל אין דערפאַלג האָט געשפּייזט זיין איינציק גליקלעכן באַוווּסטזיין, אַז ער איז אַמאָל געליבט געוואָרן פון אַ פרוי. זי איז געווען בלאָנד און איידל, אָפּנים זי האָט זיך נישט געלאַנגווייליקט מיט אים, צוליב דעם, וואָס זי גופא האָט אָן אויפהער גערעדט, כסדר געפּלוידערט אַלערליי זאַכן, וויכ־טיקע און סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. ווען מ׳זאָל סטענאָגראַפירן אירס אַ טאָג רעדן, וואָלט מען באַקומען אַ גוטן באַגריף, וואָס אַ מענטש טראַכט אין משך פון אַ טאָג. זי האָט געטראַכט אויף אַ קול.

די איינציקע צייט ווען זי האָט געשוויגן, געצוווּנגענערהייט, איז געווען אויף די פאָרלעזונגען אין מאָניסטן־בונד, ווו ער האָט זיך טאַקע מיט איר באַקענט. צוליב זיין איבערטריבענער, איינגעוואָרצלטער ער־לעכקייט, האָט ער זיך נישט דערוועגט צו טראַכטן עפּעס אַנדערש, בעת יענער רעדט, צוליב דעם אייגנטלעך האָט ער זיך די גאַנצע צייט אָנגע־שטרענגט, נישט צו פאַרלירן קיין איין וואָרט פון אירע ניין מאָס רייד אין איר בערלינער הינטערשטאָטישן טרוקענעם דיאַלעקט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שיטן ווי פון אַ זאַק אַרויס, פאַרוואָרפן אים מיט פראַ־געס און נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, דערציילט אין איין אָטעם פון אירע רייזעס, בעת איר אורלויב, וועגן די מיטאַרבעטער פון איר ביוראָ,

וועגן אירע באַקאַנטע, גערעדט וועגן ספּאָרט, ביכלעך, וואָס זי האָט איבער־געלייענט אין משך פון חודש.

און ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל פאַרבעטן אַרום עלף אַ זייגער בײנאַכט צו זיך אין שטוב, האָט ער זיך לחלוטין נישט געוווּנדערט, אָ, ער איז דאָך געוועזן דערפאַרן, געלייענט, וואָס עס קומט פאַר אין דער וועלט, און ער איז דאָך פריי פון פאָראורטיילן.

אָבער אַרייַנקומענדיק אין שטוב אַריין האָט ער געטראָפן אַן אַלטע מאַמע, וואָס האָט אים מיט דער שמייכלדיקער חניפהדיקער גוטס־קייט פון אַלטע אָרעמע מאַמעס, אויסגעפרעגט ביי דער קאַווע וועגן זיין היים, וועגן זיינע עלטערן; אַרויסבאַגלייט אים צוועלף אַ זייגער און אים פאַרבעטן אויף נאָך אַ מאָל. ס'איז אין גאַנצן נישט דאָס — האָט ער גע־טראַכט, גייענדיק פּאַמעלעך איבער די גאַסן און אַן אַ שיער זיך גע־חידושט אויפן קול אין אַ האַלב־דייטשן יידיש:

— ווי איינע יידישע, וווּנדערפאַל!

עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן האָט עליזע געשאַפן די דיסטאַנץ צווישן איר מיט אים און אָפּגעהיט זיך פון אַ נענטערע באַציונג. מיט אַ מעכאַנישער באַוועגונג פלעגט זי אַזוי, בעת איר רעדן, רויטווערנדיק, צונעמען זיין האַנט פון איר בוזעם, פון איר גאָרס, ווו ער פלעגט אומ־דרייסט אַרומבלאָנדזשען מיט די פינגער... אָבער איינמאָל אין אַ זונטיק אינדערפרי, ווען ער האָט זי געטראָפן אין שטוב אַליין, ליגנדיק אין בעט, און צופאַלנדיק צו אירע ליפּן געוואָלט אַראָפּרייסן די קאָלדרע פון איר — האָט זי זיך צעוויינט פון באַליידיקונג. איבערגעבעטן זיך מיט אים האָט זי זיך ערשט אויף אַ פאַרלעזונג. נאָך גאַנצע צוויי טעג קלעמעניש, חרטה און בענקשאַפט איז עס פאַר אים געווען אַן אמתע שמחה און אַ גליק, וואָס ער האָט נאָך ביז דאַן קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. אַט דער מאָמענט האָט עס טאַקע באַפעסטיקט זיין ליבע צו איר, וואָס האָט איבער־געלעבט איר טויט.

יאָ, זי איז געשטאָרבן, און דאָס איז געווען אַזוי פלוצלינג, אַז ער האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, כאָטש ער האָט אַ גאַנצע שעה, ביז אָנמאַכט, אָנגעקוקט איר העל־בלאָנדן פריזירטן קאָפּ צווישן די בלומען און זייד־שפּיצן אין דער טרומנע. וואָכן לאַנג האָט ער זי נאָך דעם אויס־

געקוקט אויף די פּאַרזאַמלונגען אין מאַניסטן־בונד. אַז בסך־הכל איז עס געווען אַ געוויינלעכע אינפלוענציע מיט אַ קליינער טעמפּעראַטור...

צום אָנהייב איז געווען אַ ווייטיק. איר מוטער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן און געשטאָרבן אין אַ פּאָר חדשים אַרום פון אַן אָנפּאַל אויף גאַלשטיינער. ער האָט נישט געוווסט, ווי צו פאַרברענגען די זונטיקן און די איינציקע שעהען אין אָוונט, ווען ער איז פריי געווען פון דער אַרבעט. ס'איז געווען אַ שרעקלעך געפיל פון ליידיקייט און איינזאַמקייט ביי אָט דעם איינזאַמען מענטשן. קוים מיט צרות האָט ער אויסגעפועלט ביי דער מאַכט די דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים, קיין פוילן. ס'איז אים געוואָרן אַ ביסל גרינגער: נישט פעיק איבערצורייסן מיט דער געוווינהייט פון אַן איינגעפונדעוועטן געדאַנק, האָט ער, עפּעס טיפער פון זיין באַוווסטזיין, כסדר געטראַכט, אַז עליזאַ לעבט. צוליב דער אייגענער סיבה האָט ער זיך ביסלעכווייז, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אויסגעשפּונען אַן אידעאַל פון אַ פרוי, וואָס דאַרף זיין ענלעך צו דער געשטאָרבענער, און דאָס פלעגט ער זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט. אמתע שיינע פרויען — פלעגט ער זאָגן — זענען פאַראַן נאָר צווישן בלאָנדע, און אויב ער וועט ווידער ליב קריגן, וועט עס זיין אַ בלאָנדינע.

2

יעדן אָוונט, ווי גיך עס פלעגן אָנקומען די לאַנגע האַרבסטנעכט, פלעגן זיך ביי בלוישטיין אין צימער צוזאַמענקומען בחורים און מיידלעך. יענע פרעמדע. נישט איינגעאָרדנטע יונגעלייט, וואָס טראָגן אַרום, צוליב שפּאָרזאַמקייט און כראָנישער היימלאָזיקייט, דאָס ברויט מיטן איינגעוויקלטן הערינג אין די קעשענעס, כדי צו כאַפּן ערגעץ אַ היימיש גלעזל טיי און אָפּצועסן אַ פּאַרשפּעטיקטן פרישטיק, אַ מיטאָג אָדער גלאַט אַזוי אַ סעודה פון אַלע דריי מאָל אין טאָג עסן פאַר אַ מאָל. מ'פלעגט זיצן און ציען קליין־רוסישע לידלעך, וואָס זענען אַזוי באַליבט ביי אַלע געדריקטע, שווערע און פאַרבענקטע געמיטן, ביז האַלבע נאַכט דערציילן אַנעקדאָטן און מעשיות.

עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן זענען זיי אַלע געווען אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן, מ'וואָלט געקאָנט זאָגן אפילו פיינטלעך. איז מען נאָר

אַרויס פֿון טויער, האָט מען זיך איילנדיק און קאַלט אָפּגעזעגנט און מ׳איז זיך איינזאַם פֿונאַנדערגעגאַנגען אין די זייטיקע גאַסן, אויף די ענגע פֿינצטערע דירות, ווו איינער דעם אַנדערן האָט קיינמאָל נישט פֿאַר־בעטן. צווישן זיי איז געווען — אַ חוץ דעם יונגן אַקטיאָר פֿויגל — זיין פֿריינד און זיין חבר, דער מאָלער זאַלצמאַן, אַ קליינער, אַ דיקער, מיט אַ העלן פֿלאַקסענעם, נישט פֿאַרקעמטן קאָפּ, מיט קליינע צעשויבערטע אייגעלעך, טיף איינגעזונקענע אין אַ ברייטן, צעקנעטענעם און ווייבלעכן פּנים. ער האָט געמאָלן שנעל און נערוועיש מיט שוואַרצע און בלויע מרה־שחורהדיקע פֿאַרבן אויף גרויסע קאַרטאָנען: אויסגעקרימטע מויערן מיט טראַמווייען, איבערגעקערטע עגלות, פֿאַרבלוטיקטע טליתים, שוואַרצע דוכנדיקע הענט און שפּיציקע סלופּעס מיט דראָטן פֿאַרשטאָכן אין הימל אַריין. ס׳פֿלעגן קומען: גורניק, דער וויפּלאַטניק, מיטן ווייסן מיידלשן פּנים, מיט ראָזע פֿלעקן אויף די אָפּגעצערטע באַקן, וואָס האָט צוליב חרפּה אַוועקגעוואָרפֿן די שוסטעריי און גענומען זיך צום מסחר; אַ לערער פֿון העברעיש מיט אַ הויכן באַטשופּרינעטן שטערן איבער אַ קורץ־צע־קנייטשט פֿויגל־פּנימל מיט קליינע אייגעלעך; אַן ערנסטער בוכהאַלטער מיט גרויסע, שוואַרצע ברילן, שטענדיק אַן אַ פּאָסטן; אַ מיניאַטור־קליינע, תמיד שמייכלדיקע מאַניקורזשיסטין; אירע פֿאַרטרעטן און סקיצן, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט, זענען אַלע געווען פֿון אַן אומנאַטירלע־כער גרויס. איידער מ׳האָט זי אַליין דערקענט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זי איז אַ קאָלאָס.

דאָס זענען געווען עלטערע סענטימענטאַלע בחורים, אָפּט גע־קומענע פֿון דער פּראָווינץ, וואָס האָבן צוליב שפּעטער רייפֿקייט, אָרנט־לעכקייט, שווערמוטיקייט און אָרעמקייט אַדורכגעלאָזט זייער יוגנט און זיך געכאַפּט מיט אַ מין פֿאַרשפּעטיקטן ציניזם, אַז די וועלט איז נאָר אַ חיי־שעה און ס׳לוינט זיך נישט צו זיין אַליין. די מיידלעך ווידער זע־נען געווען פֿון די, וואָס בלייבן פֿון אויסן צוליב עפּעס אַ פֿאַלשן שריט, וואָס האָט אָפּגענומען דעם גוטן שם צוזאַמען מיט די חברטעס, צוליב דעם, וואָס מ׳איז פֿון שטעטל און מ׳איז עלנט ווי אַ שטיין, אָדער צו־ליב שטענדיק אויסגעדרייטע שיך.

לרוב פֿלעגט בלוישטיין אַוועקגיין אַרום זיבן אַ זייגער אין אָוונט,

נאָך דעם וואָס ער האָט אין דעם שטאַרקן טומל פון שטוב אָפּגעגעבן אַ יינגל אַ לעקציע פון צייכענען. מיט עפּעס אַ מאָדנער נערוועזיטעט און אַ געהיימער, כמעט אומבאַוווסטזיניקער דערוואַרטונג, פלעגט ער אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, שטיין אַלע מאָל פאַר אַן אַנדער טיר:

— טשי פּאַן פּערלמאַן יעסט?

— טשי פּאַן שוואַרצבאַרד יעסט?

און ווען די פרעמדע גראָבע דינסטן פון אינעווייניק פלעגן מיט אַ שנעלער באַוועגונג צוהאַקן די טירן און אים לאָזן שטיין נעבן די טרעפּ — האָט ער זיך לחלוטין נישט געפילט באַליידיקט. ס׳איז אים אויסגע־קומען נאַטירלעך. דערנאָך פלעגט ער געווײנלעך זיצן פאַר אַ שלעפּערדיקן באַקאַנטן און לאַנג רעדן וועגן קינסטלערישע, מיסטישע מרה־שחורהדיקע פלענער, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעפירט, וועגן די דייטשע ביל־דער־גאַלעריעס, באַנבריקן איבער טייכן, וועגן דער אָפּערע, ווו ער האָט געטראָגן קוליסן...

שפּעטער, גייענדיק זייער פּאַמעלעך אַהיים דורך אַן אומוועג, פלעגט ער, ווי עפּעס פאַרגעסן, זיך אָפּשטעלן פאַר אַ לאַנגער רייע העל באַלויכטענע פענצטער און מיט אַ שטילן, רעזיגנירטן דורשט נאָכקוקן די טונקעלע געפּאַרטע שאָטנס, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט אונטערן טאַקט פון אַ גרילצענדיקן דזשאַזבאַנד. שפּעטער פלעגט ער שטילערהייט נאָכזאָגן די באַפעלן:

— פּראָמינאַדאַ! אַגאַש!

און אָט, ווען ער איז איין מאָל פאַר האַלבער נאַכט צוריקגעקומען אַהיים, איז צווישן די שטענדיקע, צוגעגעסענע געסט, געזעסן אַ מיידל, אַ יונגע, מיט העל־בלאָנדע, שלעכט־אָנדולירטע האָר, און מיט אַ הייזע־ריקער, שרייענדיקער שטימע פון אַ באַשטימטן מין עקסצענטרישע מיידלעך, וואָס שטייען מיט איין פוס פאַרן תהום. האָט זי אויף אַ שלעכטן, פּליסיקן פּויליש פון די יידישע הינטערגעסלעך, גערעדט אַן אויפהער וויציק און ווולגאַריש. זי האָט אַרויסגענומען אַ צעקנייטשטן פּאַפּיראָס פון איר אָפּגעריבענעם האַנט־בייטל, פאַררויכערט פלינק און פאַרצויגן דעם רויך, דרייענדיק דעם קאָפּ שנעל אויף אַלע זייטן.

— מיין קוזינקע — האָט זי לעווינסקי פאָרגעשטעלט פאַר אים.

— האַלינאַ — האָט זי געזאָגט און אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט אַ נײַגעריקן, קאַלטן בליק.

און ווען האַלינאַ איז געקומען מאָרגן און איבערמאָרגן, און דער־נאָך, אין די פּאַמעלעך אויפלויכטנדיקע אָדר־טעג אָנגעהויבן אָפּזיצן דרײַ און פיר שעה נאָכאַנאַנד, טייל מאָל פון נאָכמיטאָג אָן — האָט בלווישטיין גענומען בלייבן די אָוונטן אין שטוב, און בעת ער האָט איר ביים אַוועק־גיין געהאָלפן אָנטאָן דעם דינעם מאַנטל מיטן אויסגעריבענעם קאָלנער, האָט ער פון אָנהייב דערפילט צו איר אַ שטילן מיטלייד, עפּעס אַ געפיל צו ווערן איר באַשיצער און פאַרזאָרגער. דערנאָך האָט ער דערפילט אַ שטילן ציטער אין די הענט, און ווען זי האָט אַמאָל אויסגעפּעלט, פלעגט ער, כדי צו באַהאַלטן זיין אומגעדולדיקייט, אַוועקזעצן זיך ביים טיש, מיטן רוקן צו דער טיר און מיט גרויס עקשנות זיך פאַרטיפן אין די אַלטע, אילוסטרירטע מאַגאַזינען, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פון פּאַפּיר־הענדלער אויפן ראָג, און ער פלעגט נישט אויפהייבן דעם קאָפּ אפילו דאַן, ווען ער האָט דייטלעך געהערט איר שטימע.

וואָרן בלווישטיין, וואָס האָט זיך זייער אָפט, מיט אַ געוויסער באַשיידענער גאווה, דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט לעקציעס פון די גרעסטע מענטשן אין דייטשלאַנד, אַליין געזען איינשטיינען און געהערט אים רעדן ; וואָס האָט איבערגעלאָזט ביים פעטער אין מינכען צוויי גרויסע פּאַרפּאַקטע קאַסטנס מיט ביכער און זשורנאַלן, — האָט דאָך נישט גע־קאָנט פועלן ביי זיך צו שפּילן די ראָלע פון עפּעס אַ ראָמאַנטישן, קליינ־שטעטלדיקן בחור און אַרויסווייזן זיין אָפּהענגיקייט פון אַ מיידל. — קע־נענדיק די וועלט און די אָנגענומענע גרויסשטעטישע מנהגים (וואָס ער האָט צוליב באַשיידנקייט קיינמאָל נישט דערוועגט זיך צו קריטיקירן), האָט ער זיך מיט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט צו זיין גלייכגילטיק אפילו דאַן, ווען האַלינע האָט זיך געלאָזט אַ כאַפּ טאָן פון לעווינסקין אויפן שויס, אָדער ווען דעם האָרבאַטן זילבערס קאָנוס־פּנים פלעגט זיך קלע־פּיק־זיס און סלינענדיק צעשמייכלען, און זיינע לאַנגע אויסגעוואָקסענע הענט האָבן זיך אַלעמען אין די אויגן גענומען שאַרן צו איר בוזעם. ער האָט זיך באַמיט נישט אַריינצופאַלן אין דער שטילער באַהאַלטענער אייפער־

זוכט, און געווען זיכער אין איר אייגנטלעכער, אמתער אָרנטלעכקייט, מיט אַ פּאַרעקשנטער, אין זיך איינגערעדטער זיכערקייט, און ער האָט פּאַרענטפֿערט איר „פֿרייע האַלטונג״, ווי ער האָט עס אָנגערופֿן, דער־מיט, וואָס איר פּראָפֿעסיע האָט זי באַפֿרייט פֿון יעדער קינסטלעכער בושה צווישן מאַן און ווייב: וואָרן האַלינאַ האָט נישט אויסגעמיטן קיין געלעגנ־הייט צו רעדן פֿון איר שטעל אין אַ קינפּעטאָרן־אַנשטאַלט, און אויסגעמאָלט פֿאַרשידענע פּרטים פֿון די קורסן, וואָס זי האָט נאָר־וואָס פֿאַרענדיקט. און ער איז בכלל נישט געווען אומגערעכט, ווייל אַזוי ווי זי האָט אים אויס־געטיילט פֿון זיינע חברים, נישט געשטיפּט מיט אים, האָט זי אים אַרויסגעוויזן אַ סך גינציקייט פֿון איר ווייבערישער נאַטור: קעגן זיין פֿאַרלאַנג זיך געפּאָרעט לאַנג און געוואַשן אין קיך גלעזער און לעפּעלעך; דער־לאַנגט טיי מיט יענער טרייער זויבערער געשיקטקייט, וואָס רופֿט אַרויס אַ שטילן ציטער אין האַרצן פֿון אַלטע בחורים; געשטאַנען הינטער אים מיט אַ בערשטל, בעת ער האָט אָנגעטאָן דעם פּאַלטן... דערנאָך, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אָפּפֿירן זי אַ פּאָר גאַסן אַהיים, האָט זי אינגאַנצן געשוויגן. טולענדיק זיך צו אים, איז זי געווען אַ ליב, גוט, אומשולדיק קינד. צוריק־וועגס פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלן, שוין בלויז צוליב געוווינהייט, פּאַר אַ טאַנץ־זאַל און רעדן צו זיך אַליין:

— אַ ווונדערבאַרעס, רעטזעלהאַפֿטעס קינד!

און דאַן, אומקערנדיק זיך איינמאָל אַהיים, איז ער, מיטן לעמפּל אין דער האַנט, געשטאַנען און לאַנג זיך איינגעקוקט אין דעם קליינעם טיפּן רעמל אויף דער וואַנט: אינעווייניק האָט זיך אין אַ טריבער, בליי־כער טונקלקייט באַהאַלטן דער געשטאָרבענער עליזאס ראָז, לענגלעך גע־זיכט אין אַ גאָלדענער פּאַדקאָווע האָר. זי האָט, דוכט זיך, געקוקט רויק און געלייטערט. קיין שום אויסדרוק פֿון פֿאַרדרוס איז נישט געווען אויף איר פּנים.

— יאָ, זי איז פֿולשטענדיק ענלעך — האָט ער געזאָגט שטילער־הייט, פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ צווייטן, וואָס גלייבט נישט אין דעם.

ער האָט זיך פֿאַרקוקט אויף די צוויי פֿליכעס פֿון די שלאָפֿנדיקע חברים, וואָס האָבן געגלאַנצט פֿון אונטער דער אָנגעשוואָלענער פּראָוויג־צער פֿערענע אָנטקעגן דעם אַראָפּגעדרייטן פֿלעמל, און זיך פֿאַמעלעך

גענומען אויסטאָן. אויפגעהאָנגען דאָס וועסטל אויף אַ שטול, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט: ער האָט באַשלאָסן צו מאָלן האַלינען אַ פּאָרטרעט אויף לייוונט. נאָך דעם האָט ער געטראַכט וועגן דאַ ווינטשי און ראַפאַעל און זייערע געליבטע, פון דעם פלעמישן רובענס און זיין געליבטע... און בעת ער האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעשנורעוועט די שיך, האָט ער באַ־שלאָסן צו מאַכן פון איר אַ צווייטן פּאָרטרעט, אַן אידעאַליזירטן, פונקט ווי די אַמאָליקע מייסטערס, וואָס האָבן געמאַכט פון זייערע געליבטע מאַדאָנעס.

3

דעם ערשטן פּאָרטרעט האָט דער מאָלער בלוישטיין געמאָלט בייטאָג. די ערב־פרילינגדיקע זון האָט באַלויכטן די ליידיקע מויער־וואַנט קעגנ־איבערן פענצטער און אויף האַלינעס פּנים איז געפאַלן אַ רויטער אָפּשיין פון די ציגל. דאָס בילד איז געווען ענלעך צו האַלינען. מיט גרויס פּינקט־לעכקייט האָט ער געדולדיק איבערגעגעבן איר נערוועישן, קליינעם, אַ ביסל וווּלגאַרן פּנים, דעם אויסדרוק פון אירע אָפּענע, בלויע, אַ ביסל חוצפּהדיקע און מבולבלדיקע אונטערגעפּירטע אויגן. ער האָט איר געהייסן זיצן ערנסט, אָבער אַז ער האָט געענדיקט דאָס בילד, האָט ער באַמערקט, אַז אירע ליפּן זענען אויסגעקרימט ווי צו אַ שמייכל אָדער צו אַ געוויין. ס׳איז געווען אַ פרעמדער, אומאָנגענעמער שמייכל, און ער האָט זיך גע־וווּנדערט, וואָס אין דער ליניע פון אירע באַקנביינער איז פאַראַן עפּעס ברוטאַלס און פּרעכס. אָבער שיין און מילד און איידל איז געווען די פאַרב פון איר בלאָנדן קאָפּ, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיך, ווי אַ זאַנגענפעלד, די בלויע שטראַלן פון טאָג און די רויטע פייערן פון זונאונטערגאַנג. דער האַלדז מיט די האָריזאָנטאַלע קנייטשעלעך איז געווען ווייך און צאַרט, און די טונקל־גרינע בלוזע האָט זיך דין געכוואַליעט, ווי אַ קוואַל אין געדיכטן בלעטער־וואַלד. דאָס איז געווען אַ גוטער, שיינער פּאָרטרעט, וואָס מען מאָלט פון אַ געליבט מיידל, פאַר וועמען דער מאָלער וואָלט נישט מיד געוואָרן צו שטיין אַזוי גאַנצע טעג און איינצוזייגן אין זיך יעדן שטריך פון געליבטן וועזן, יעדער באַוועגונג פון איר קערפּער און יעדן אויסדרוק פון איר נשמה.

דעם צווייטן פּאָרטרעט האָט ער געמאָלן בײַנאַכט בײַ דער שײַן פון גאַז. עס האָבן געווירקט די נאַכט דורך די שוואַרצע שויבן, די ווײַס־קייט פון גאַז־ליכט און פון די ווענט. אין הינטערגרונט האָט ער אויסגע־מאָלט אַן אָרנאַמענט פון לאָטאָסן מיט אַנדערע טראָפּישע פּלאַנצן, וואָס ער האָט אויסגעזוכט אין אַ באָטאַנישן אַטלאַס. זי איז געווען בלאַס, מיט אַ טיפן האַלב־פאַרמאַכטן, הייליק־פאַרשיכורטן בליק. אַ שלייער און אַ קלייד האָט ער קאָמבינירט פון איר שאַל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. זי איז געווען ווייניק ענלעך, אָבער זייער שיין, און, אַנגעהאַלטן אין האַלבע טענער — האָט זי אויסגעזען ווי שוועבנדיק.

אין דעם דאָזיקן בילד האָט ער, אויפן שטייגער פון אַ סך אַלטע מייסטערס, געוואָלט אויסדריקן די הייליקע אומבאַפלעקטקייט פון דער פרוי אין איר ליידנשאַפט און דעם רייץ פון איר שיינקייט, וואָס דער־הייבט דאָס האַרץ פון ייִנגל און דערוואַקסענעם צו גרויסע און דער־הויבענע מעשים; פילט אים אָן מיט העלדישקייט, מיט מוט, מיט דער אַמביציע אָפּצוּווײַכן פון קליינינקייטן; פאַרשאַרפט אים דעם גייסט און די חושים און עפנט אים אויף די אויגן, צו זען דעם זין פון אַ סך, אין פלוג אומפאַרשטענדלעכע זאַכן, אפילו דעם זין פון אַסקעטיזם און פערווערזי־טעט, וואָס איז פאַרן אויג קעגן דער טבע... אין איר האַלב־אָפענעם ליידנשאַפטלעכן, קוים שמייכלענדיקן בליק, האָט ער געוואָלט אויסדריקן יענע מאַגישע קראַפט, וואָס צוציענדיק שטויסט זי אָפּ פון זיך, שטעקט אָן מיט אַזאַ מין הייליקן סם, צו גיין איבער דער וועלט, אויסצופילן אַלער־ליי גרויסע און אומגעווײנלעכע שליחותן און צו שטאַרבן מיט זיי אין שמחה — אין שלאַכטן, פון דורשט און אויסגעמאַטערטקייט אויף די ווײַטע, גליענדיקע, זאַמדיקע מדבריות. אירע ווײַסע, רונדיקע צאַרטע הענט אַלאַ לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָבן אָבער געדאַרפט אין דער אייגענער צייט אויסדריקן די פרייד פאַר אַלע ליידנדיקע און אומקומענדיקע; גלעטנדיקע ווייכע, שוועבנדיקע הענט מיט ציטריקע דורכזיכטיקע פינגער. פאַרקערט ווידער, האָט איר בוזעם געדאַרפט פאַרשטעלן די באַפרוכפּערנדיקע זינ־לעכקייט און די ליידנשאַפט, וואָס גייט איבער פון ווײַב צום זויג־קינד. — אירע בריסטן זענען געווען אין שלייער דיסקרעט האַלב אָפּגעדעקט, דער בלויער שאָטן צווישן זיי איז געווען טיף און פול מיט יענער מעלאַנכאָלי־

שער סודותדיקייט פון געבורט און טויט. אָבער די איינהייטלעכקייט פון דעם בוזעם לויט ראַפאַעל און אירע אויגן — איז געווען אין דעם האַלבן שמייכל און אין דער קרבנות־גרייטקייט פון פרוי און מוטער... דיביידע פּאָרטרעטן זענען באמת געווען שיין. דאָס האָט צוגעגעבן דער עלטערער מאָלער שייטל, וועמען זאַלצמאַן האָט אַריינגעשלעפּט אויף מבינות.

— ס'איז גאַנץ גו—ט — האָט ער אויסגעצויגן דאָס לעצטע וואָרט און מיט אַ שמייכלענדיקן, אַ ביסל שיקלדיקן בליק אַ קוק געטאָן צו בלוישטיינען.

יענער האָט געשטאַמלט:

— יאָ, איך האָב — פאַרשטייען זי — דאָס בילד אין אומפּאַס... דער מאָדעל...

— יאָ. איך זע, איך זע — האָט אים שייטל אומגעדולדיק איבער־געריסן — ס'איז אָלרייט, זאָג איך — און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט חידוש. ער האָט אים איצט געזען דאָס ערשטע מאָל. ער איז אים אויס־געקומען מאָדנע, וואָס ער איז אַזוי פאַרלוירן, די באַקן פייערן אים און די אויגן גליען הינטער די ברילן.

וואָרן אין דער לעצטער צייט איז בלוישטיין ווי אומגעביטן גע־וואָרן. עפּעס אַ געפיל האָט אים דערוואַרעמט און אויפגעלעבט, און פונקט ווי ער וואָלט געווען בגילופין, האָט זיך איצט געלאָזט מערקן זיין נייגונג צו רעדן:

— קומט אַריין צו מיר — האָט ער געזאָגט צו די באַקאַנטע, וואָס ער האָט געטראָפן אין גאַס — איך וועל אייך באַקענען מיט אַ וווּנדער־פאַל ווייזן.

און נאָך בלוישטיינס שמייכל האָט זיך יענער אָנגעשטויסן און אַ ווונק געטאָן מיט אַ פרעגנדיקן קאָפּ־שאָקל, און אין גאַנצן אַ לייכטנ־דיקער פלעגט בלוישטיין אויסשרייען מיט אַ פאַרכלינעטער האַלדז־שטימע פון אַן אַנטציקט קינד:

— זי ווירד זיין מיינע!

און זיך פאַרהאַקט.

— זי ווירד איינגיין, איך בין איבערצייגט!

דערנאָך האָט ער לאַכנדיק צוגעווונקען מיט איין אויג און אָנגע־

וויזן מיט אַ פינגער צו זיך. ס׳האָט געהייסן, אַז זי איז אין אים אויך שטאַרק פאַרליבט.

אָבער זיין בליק האָט דערוועקט רחמנות. עפּעס אַ שלעכט געפיל, אַן אָנונג וועגן אַ שלעכטן סוף פלעגט ער לאָזן נאָך זיך. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם דאָזיקן מענטשנס איינזאַמקייט, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אַזוי גלויביק נאַיוו און אומגעפּרוווט פאַר אָט דער רשעותדיקער וועלט.

— גיט נאָר אַכטונג, איר זאָלט זיך נישט אָפּנאַרן — האָט מען אים געוואָרנט.

און בשעת גלעזער, דער באַיאָרטער גימנאַזיע־לערער, בלוישטיינס גוטער פריינד פון דער היים, איז נאָך אַ שמועס מיט האַלינען, שוויגנדיק אַרויסגעגאַנגען, האָט אים בלוישטיין אַרויסבאַגלייט, און דריקנדיק זיין האַנט ביי דער טיר האָט ער אַריינגערעדט אין אים:

— זי איז זייער קאָמפּליצירט. איין רעטזועלהאַפטעס קינד.

און ס׳איז נישט קיין חידוש. האַלינאַ איז באמת געווען אַ וואונדערלעך מיידל; אַז זי האָט געוואָלט בלוישטיינען אָנטאָן אַ נחת־רוח האָט זי אַלעמאָל געפונען אַ געלעגנהייט:

— הער בלוישטיין — האָט זי געזאָגט צו אים הויך, אַז אַלע זאָלן הערן — איר וועט מאָרגן זיין אין שטוב? איך בין מאָרגן פריי פון פיר אַ זייגער.

אָדער:

— די ערגסטע זאַך, וואָס כ׳קאָן נישט אָנקוקן, איז אַ מענטש מיט אַ פליך — האָט זי געזאָגט, בעת לעווינסקי האָט זי שטילערהייט געפרעגט צי זי האָט אים ליב.

— כ׳האָב ליב מענער מיט שוואַרצע, געדיכטע האָר — האָט זי געזאָגט און געשמייכלט צו בלוישטיינען.

— וועסט מאָרגן גיין מיט מיר אין דאַנסינג? — פרעגט לעווינסקי.

— וועסט זען מאָרגן — ענטפערט זי — מיט בלוישטיינען וואָלט איך געגאַנגען.

אָבער זילבער האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין זיינע צוויי קיילעכדיקע האָרבאַטע אַקסלען און זיך געשמאָלצן:

— בלוישטיין קאָן נישט טאַנצן.

— איז נישט! — האָט זי אים געענטפערט מיט פאַראַכטונג, און אין דער זעלביקער מינוט האָט זי שוין ווידער געקאָנט זיצן ביי איינעם פון די צוויי פליכצוואַטע בחורים אויפן שויס, זיך לאָזן קושן און ממש גריַן ווערן פון די קניפּן, וואָס זיי האָבן איר געגעבן אונטערן טיש. זי האָט זיך נישט הערנדיק געמאַכט די גראָבע וויצן, וואָס זיי האָבן אָנגעשעפּטשעט אין יעדן וואָרט אירן.

אָ! אָבער איינמאָל האָט זיך בלוישטיין געגעבן אַ ריס!... עס איז געוועזן דער יונגער אַקטיאָר פויגל; ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר, אַרומגענומען זי, און אריינשמייכלענדיק איר אין פּנים אַריין, האָט ער איר מיט טויזנט רמזימלעך, מיט אַ חוזקדיקער, הלצהדיקער מינע, מיט איין אויג צום עולם, געגעבן אָנצוהערן וועגן יענע טונקעלע מאָמענטן פון מאַן־און־ווייב־באַציונגען, וואָס רופן אַרויס אַ מאָל תאווה, אַ מאָל עקל. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט איין אייגל און געפרעגט:

— יאָ?

און זיך צעלאַכט:

— כע כע כע! זי קוקט אויף בלוישטיינען.

און מיטאַמאָל האָט זיך דער טיש אַ טרייסל געטאָן, אַז האַלינאַ איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ קוויטש. ס'האָבן זיך איבערגעדרייט מיט אַ קלונג: דער גרינער געשליפענער בלומענטאָפּ, די פלאַש און די גלעזער, וואָס זענען נאָך געשטאַנען אויפן טיש פון בלוישטיינס לעקציע מיט זיין שילער. פויגל האָט זיך הינטערוויילעכץ גענומען אַרויסרוקן פון הינטערן טיש און דאָס מיידל האָט קניענדיק געוואָלט איינגעמען בלוישטיינען. אָבער ער האָט זיך גערוקט צו אים און אים כסדר אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע, ווילדע אויגן.

— פּאַניע בלוישטיין, באַרויקט זיך! — האָט זי אים געצויגן הינטן פאַר די אַקסלען, ער זאָל זיך אָוועקזעצן.

און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, און זי איז געפאַלן הינטערוויילעכץ צו דער וואַנט. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו פויגלען און מיט אַן אָפן גייוועדיק מויל, אַז מ'האָט קוים געקאָנט הערן וואָס ער וויל, האָט ער אַ ריטש געטאָן:

אַ — ר — וי — ס!

פויגל, בלאַס ווי די וואַנט, האָט זיך געלאָזט צושטופּן פון זיינע חברים צו דער טיר און גערעדט צו זיך:

— מיט אַן אידיאָט זאָלסטו זיך קיינמאָל נישט אָנהייבן. מיט אַן אידיאָט זאָלסטו זיך קיינמאָל נישט אָנהייבן — האָט ער איבערגעחזרט אין דער טיר איידער מ'האָט זי צוגעקלאַפּט הינטער אים. בלווישטיין איז איצט געזעסן, ווי אַ פּאַרגליווערטער. אין דער אָנגעשטרענגטער, ריי־סנדיקער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין צימער, האָט מען געהערט בלויז זיין שנעלן, כריפּעדיקן אָטעם. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט און נישט באַמערקט ווי ביידע חברה־לייט, זיינע מיטווינער, האָבן זיך שמייכלענדיק און ציניש איבערגעקוקט. האַלינאַ איז געשטאַנען, ווי פאַרשטיינערט, און מיט אַ בלויען, טרויעריקן בליק, געקוקט אויף אַ נאַקעטער פרוי פון אַ פּלאַקאַט, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. אין אירע אויגן זענען, קוים־קוים צו באַמערקן, געשטאַנען טרערן.

4

צומאָרגנס איז בלווישטיין געגאַנגען, ווי אַלעמאָל, אויף זיין פרי־מאָרגן־שפּאַציר און אויסגעדריקט פאַר זיך אַליין ברומענדיק זיינע געדאַנקען: אין אונדזער היינטיקער געזעלשאַפט — האָט ער געזאָגט — איז דער ציניזם זייער גרויס. יאָ, צו באַליידיקן אַ פרוי איר געליבטן אין די אויגן, רעכנט זיך לחלוטין נישט פאַר קיין שום נידערטרעכטיקייט. דער ערשטער בעסטער אַלפאָנס איז פעיק צו דערשטעכן זיין כלה, וואָס ער אַליין האָט איבערגעענטפערט איר קערפּער צו אַנדערע אויסוואורפן, אויב זי דער־וועגט זיך אַריינצושטעקן אַ בלימל אין זייער לאַץ. אונדזער צייט האָט אויסגעאַרבעט משונהדיקע באַגריפן וועגן אָט די אַלע זאַכן. דאָס, וואָס דו האָסט ליב אַ פרוי, איז נאָך ווייניק אַז דיינע חברים זאָלן זיך אויפהערן צו שאַרן אַרום איר, ווי הינט. מסתמא מוז עס אַזוי זיין, און ס'וואָלט גע־ווען זייער נאַריש, זיך אַנטקעגנצושטעלן מיט אונדזערע אייגענע געפילן און צו ווערן אַן אייפערזיכטיקער העלד פון אַן אַמאָליקער דראַמע, וואָס עס לייענען היינט נאָר שול־מיידלעך. דאָס איז אַנאַכראָניזם און סימנים

פון אַ פּרימיטיווער צייט. פּאַקטיש, אָט זעט מען טאַקע, ווי די גאַסן־צייַ־טונגען זענען פול מיט שווידערלעכע נקמה־אַקטן און טראַגעדיעס צוליב אייפערזוכט, וואָס שפּילן זיך אָפּ ביים המון, אין דער צייט ווען אין דער העכערער געזעלשאַפט זענען שוין אַזעלכע מעשיות גאָר זעלטן. אייפער־זוכט, איבערגעטריבענע עגאָיסטישע, דעמאָנישע ליבעס, דאָס זענען לאַנג אָפּגעלעבטע זאַכן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער פיינלעכער סצענע מיט פויגל און ער האָט זיך כסדר באַמיט, וואָס מער צו פאַרענטפערן האַלינען, פאַר־וואָס זי רעאַגירט נישט אויף דער צודרינגלעכקייט פון זיינע חברים. — ס'איז בכלל אַ נאַרישקייט צו מיינען — האָט ער געטענהט צו זיך אַליין — אַז די פרוי דאַרף זיין צניעותדיקער פאַרן מאַן. אַזאַ מיינונג האָט געקאָנט גילטן אַזוי לאַנג, ביז די פרוי האָט נישט אָנגעהויבן אַראָפּצוואַרפן פון זיך די שקלאַפעריי. דאָס איז געווען די מיינונג פון די מענער, וואָס אין זייער עגאָיזם האָבן זיי געוואָלט אַרויפוואַרפן אַלצדינג אויף דער פרוי, אפילו די פליכט און דאָס באַדערפעניש צו זיין ריין און באַשיידן. בלויז צוליב געוווינהייט — האָט ער געטראַכט — אמת, אַ געוווינהייט וואָס איז אונדז איינגעפלאַנצט אין בלוט, אָבער פאַרט נישט מער ווי אַ געוווינהייט — קאָנען מיר נישט פאַרנעמען, ווי די פרוי רעדט ניבול־פה, איז אַקטיוו לגבי דעם מאַן, איז נישט צוריקגעצויגן און צוריקגעהאַלטן ווי אַ שעפּעלע. דאָס קומט דערפון, וואָס אין די אינטערעסן פון אונדזערע אָבות איז געלעגן, אַז די פרוי זאָל זיין אַן אומבאַרירלעך באַשעפעניש, כדי זי זאָל געהערן צו זיי אַליין. אפשר איז עס טאַקע גוט פאַר אונדז אויך, אָבער ס'איז נישט אין הסכם מיט אונדזערע באַגריפן פון פראָגרעס און אינדיווידועלער פרייהייט. וואָס קומט דער פרוי פונקט ווי דעם מאַן.

ס'איז געווען אַ ליכטיקער, פריילעכער פרימאָרגן. דעם גאַנצן פאַרטאָג האָט ער זיך געדרייט אויפן געלעגער, אַלע ווילע געמוזט אויפ־הייבן פון דער ערד זיין פאַלטן און אַרויפלייגן אים צוריק אויף דער קאָלדרע. שפּעטער האָט אים אָנגעהויבן צו קוועלן אַ זיס און פיינלעך געפיל: מיט איר גאַנצער נערוועזיטעט, היסטעריע, ניין מאָס רייד און חוצפּה — איז האַלינאַ געשטאַנען פאַר זיינע אויגן אַ שווייגנדיקע, אַ רויקע, מיט אַ שטילער, אומבאַפלעקטער באַשיידנקייט; ליבלעך, מילד,

צערטלעך, ווי זי האָט נעכטן אָוונט שפּאַצירט מיט אים אין גאַס. מיט דער אויפגעוועקטער זינלעכקייט פון מענטשן, וואָס ליגן אויסגעטאָן אין בעט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געגלעט אירע האָר. ס'האָבן הילכיק און פרימאָרגנדיק אָפּגעקלונגען זיינע טריט אויפן טראָטואַר. אַ שורה פענצטער האָט געגלאַנצט קעגן דער אויפגייענדיקער ערב־פרילינגדיקער זון. אַן עלטערע דיקע פרוי האָט אַרויפגעדרייט גרילצנ־דיק די אייזערנע שאַטקע איבער אַ מילך־קראָם. פון דער ווייטן האָט אָפּ־געהילכט אַ פאַבריק־סירענע.

שפּעטער, ווען אויפן ברוק זענען שוין געפאָרן די שווערע באַ־לאַסטעטע וואָגנס מיט קאַסטנס, האָט ער זיך פלוצלינג אַרומגעזען, אַז ער דרייט זיך בלויז הין און צוריק אויף עטלעכע גאַסן, ווו ער האָט זיך נעכטן געזעגנט מיט האַלינען... אין דער היים איז קורץ און איינגע־וואַקסן געשטאַנען זילבער מיט אַ האַנטעך אויפן האַלדז און מיט אַ בערשטל געגלעט די שיטערע האָר אַרום פּליך. לעווינסקי איז נאָך געשלאָפן מיטן איבערבעט איבערן קאָפּ. אין שטוב איז געווען קאַלט, נישט אויסגע־קערט, און די לופט איז געווען שווער. אויפן טיש, אויף דער שמוציקער, באַפּאַרבטער צעראַטע, צווישן קליינע, טונקעלע פלעשלעך, בלייפעדערס, צירקלען און פאַרבן־פליטקעס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט שמוציקע, אָפּ־געשוירענע, פאַרב־באַשמירטע שטיקלעך טאָוול און צייטונגען. דער טאָג האָט אים אויסגעזען שרעקלעך לאַנג און ס'האָט אים געעקלט זיין שטענ־דיקע וואָכעדיקע אַרבעט, וואָס איז געווען אין אַ שווערער סתירה צו זיין פרימאָרגנדיק געמיט. ער איז אַרויסגעגאַנגען, פלוצלינג איז אים איינגע־פאַלן, אַז ער האָט נאָך נישט געזען זאַלצמאַנס נייע אַרבעטן און אַוועק צו אים.

ער איז אַהיימגעקומען פאַרנאַכט, ער האָט נישט געוואָלט קומען פריער, כדי זיך איינצושפּאָרן די שווערע מינוטן, ווען ער וואַרט אויף האַלינען אין שטוב. ביים שיין פון גאַז איז לעווינסקי געזעסן און זיך ראַזירט. אַ נײַ שאַכטל פודער, אַ ווייס פאַרקאַרקעוועט נאָך נישט אויפגע־עפנט פלעשל קעלנער־וואַסער, אַ פאַרביק שאַכטל זייף... דערביי האָבן זיך געוואַלגערט אויפן טיש דאָס דינע שמעקנדיקע פּאַק־פּאַפּיר מיטן קאָ־לירטן פאָדעם. די העמד־אַרבל זענען געווען ווייס. אויפהייבנדיק זיך פון

שטול, האָט ער אַ נורע געטאָן אין דער קעשענע און אַרויסגענומען אַ דיק אָנגעפּאַקט בייטעלע.

— מ׳עט היינט אַריינגיין ערגעץ — האָט ער געזאָגט.

בלוישטיין האָט ווידער געוואָלט אַוועקגיין, איז אַריינגעקומען אַן עלטערע פרוי, באַשטעלט אַן עטיקעט פאַר אַ זאָקן־פאַבריק. שווייגנדיק ווי אַלע מאָל, בעת ער האָט געהאַט צו טאָן מיט פרעמדע מענטשן, האָט ער אויפגעעפנט דאָס מוסטער־בוך פאַר דער פרוי, וואָס האָט זיך ברייט צעזעצט אויפן שטול.

— הם — האָט ער ברומענדיק אָנגעוויזן מיטן פינגער — דיזער איז גאַנץ שיין.

ווען זי איז אַוועק — זי איז אָפּגעזעסן אַ היפּשע צייט — איז געקומען צוגיין דאָס ייִנגל אויף דער לעקציע. דערנאָך איז אַריינגעפאַלן זילבערס און זיינער אַ קונה און אַ גאַנצע שעה זיך געבייזערט, פאַרוואָס מ׳האָט נישט פּאַרטיק געמאַכט די אַרבעט. שפּעטער איז געקומען זילבער. בלוישטיין האָט נאָך אַ מאָל, שוין צום צענטן מאָל, איבערגעלייענט אַ קאַפּיטל פון זיידליצעס „לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי״ און געגאַנגען שלאָפן. האַלינאַ איז נישט געקומען.

★

און אויף מאָרגן, ווען דער גרויער אומרייניער זקן איז אַריינגעקומען מיט די לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע הויזן איבער די מעשטעס, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, האָט זיך בלוישטיין אָנגעטאָן אַ מידער און אומרויקער, מיט אַ שווער הבל־הבלימדיק געמיט. ער איז אַרויס פון שטוב. אַ שווערער לאַסט־וואָגן מיט שמאַטעס האָט זיך פאַרהאַלטן און שטיין געבליבן אין טויער. אין שמאָלן דורכגאַנג האָרט ביי דער וואַנט איז אים אַנטקעגנגעקומען לעווינסקי, אַ בלאַסער מיט אַ נישט אויסגעשלאָפענעם מוטנעם בליק און צעקנייטשטן קאַפּעליוש אַראָפּגערוקט טיף איבערן קאָפּ. אַרויסקומענדיק אין גאַס איז בלוישטיין מיטאַמאָל שטיין געבליבן. עפּעס אַ האַסטיקע בלינדע שנאה צו לעווינסקין האָט אים אַ שלאָג געטאָן צו די שלייפן און אַ שטאַרקער פאַרלאַנג האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַ לויף צו טאָן צוריק נאָך אים, אָננעמען אים, אַנידערוואַרפן אויף דער ערד און טרעטן, טרעטן מיט די פיס.

— וואָס פאַר אַן אומזין! — האָט ער אויסגעשריען צו זיך אַליין און מיט אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג געקעמפט מיטן חשד, אַז האַלינאַ האָט פאַרבראַכט מיט לעווינסקין, אָבער וואָס אַ מינוט, איז עס אים אַלץ מער קלאָרער געוואָרן.

— דאָס איז גאַנץ זיכער — האָט ער געטענהט — זי איז נאָר איינע פּרוי — יאָ, צום טייוול!

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער חרטה געקריגן, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און, נישט־וויסנדיק אַליין וואָס ער טוט, האָט ער זיך פּלוצלינג דערזען אין איינעם פון יענע געסלעך, ווו ער האָט אָפּגעפירט האַלינען. ער איז פאַרביי אַ לאַנגן פאַרקאַן און זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. ער האָט אָנגעהויבן גיין איבער די טויערן און לייענען די לאָקאַטאָרן־ליסטעס. ער האָט אויסגעטאָן און ווידער אָנגעטאָן זיינע ברילן. ער האָט זיך אָנגעקלאַמערט אויף די ווענט און דווקא געוואָלט איבערלייענען די נעמען אויבן ביי דעם ראָם, מיט דער זיכערקייט, אַז דאָרט וועט ער געפינען איר נאָמען. ענדלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פרעגן ביי די סטרוזשעס, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט שרעקלעך חוצפּהדיקע, אָפּחוזקדיקע, גרויע אויגן און געשריגן:

— יאַק? יאַק? ווילדמאַן? צאָ אָן ראַבי?

דורכגעגאַנגען דאָס געסל הין און צוריק, איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ הויז. ער האָט געהאַט אַ צעפלאַמט פּנים פון בושה און אָנשטרענגונג און נישט אויפגעהערט אָנצוטאָן און אויסצוטאָן די ברילן, אויפּציטערנדיק יעדעס מאָל, ווען עפּעס אַ פרוי האָט זיך באַוויזן פון דער וייטנס. אַ קליין מיידל איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם, און מיט אַ מאָדנער אומבאַוווסטער צודרינגלעכקייט האָט ער זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין איר פּנים, אַז זי האָט מחמת מורא און חרפּה אַ לויף געטאָן און אומגעפאַלן איבער דער אייזערנער טויער־שוועל.

ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ צו זיך אַהיים, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אים זענען אויסגעגאַנגען פאַרבן, אַז ער איז נאָר צוריק אַרויס אין גאַס, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די געשעפטן זענען נאָך נישט אָפּן און אַז ער האָט פאַרגעסן מיטצונעמען זיינע פּראָיעקטן אויף אַ נייעם עטיקעט פאַר אַ שאָקאָלאַד־פאַבריק, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען

הײנט אין דער פּרי... אָבער װען ער איז װידער אַרױפֿגעקומען אױף די שטיגן איז ער שטײן געבליבן און זיך אומגעקערט.

ער איז אַװעק אין גאָרטן, אָנגעהױבן צײכענען עפּעס אַן אָפּגעריסענעם יונג, װאָס האָט געדרימלט אױף אַ באַנק מיט די אָרעמס אױפֿן אָנלען; אַ פּרוי אין די דרײסיקער מיט אַ בלײך, אומגליקלעך געזיכט האָט זיך אַװעקגעזעצט נעבן אים און מיט שטאַרע אױגן זיך פֿאַרקוקט אױפֿן פֿאַרקאַן. בלױשטײן האָט זיך װידער אײנגעגעסן אין איר מיטן בליק. ער האָט זיך אין גאַנצן אױסגעדרײט צו איר און נישט אױפֿגעהערט זי צו באַטראַכטן.

די פּרוי האָט זיך אױפֿגעהױבן און אַװעקגעגאַנגען. מיט אַ פֿײנלעכער, חיהשער, תאװהדיקער טעמפּקײט האָט ער נאָכגעקוקט איר שװאַרצע, דיקלעכע, עטװאָס אָפּגעלאָזטע פֿיגור, װאָס האָט זיך געשלעפּט אַ מידע אױף װאַקלדיקע פֿיס. דערנאָך האָט ער מיט זײן שטענדיקער געװױנהײט איבערגעקוקט די אילוסטראַציעס פֿון דער צײטונג און מיט זײן געװױנלעכן פּעדאַנטיזם זאָרגעװודיק באַהאַלטן זי אין קעשענע.

דערנאָך איז ער אַרײן אין אַ קאַפֿע, אָפּגעזעסן אַ היפּשע צײט, מיט אַ טעמפּן בליק קוקנדיק יעדן אַרײנקומענדיקן אין די אױגן. שפּעטער, װען אין די פֿיס זענען אים שױן פֿאַרגאַנגען נאָדלען פֿון לאַנגן זיצן, האָט ער זיך אױפֿגעהױבן און געקומען אין שטוב אַרײן. ער האָט זיך אַרומגעדרײט, אַרױסגעגאַנגען און װידער אַרײנגעקומען. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צורעכט מאַכן אַ פּאָר אַלטע, ביליקע מאַנקעטן־קנעפּ און אָפּגעהאָרעװעט דערבײ ביז מיטאָג. זילבער האָט אים מיט חוזק אָנגעקוקט:

— איר װאָלט בעסער גענומען און געמאַכט דעם פּלאַקאַט פֿאַר שפּאַצענקאָפּן, אײדער אַ גאַנצן טאָג זיך צו מאַרדעװען בײ אַן אַלטער ספּינקע.

בלױשטײן האָט נישט געענטפֿערט. אַ דיקער פֿאַרשױן, װאָס איז געזעסן אין פֿאָלטן, האָט אױסגעדרײט צו אים דעם אָפּראַזירטן קאָפּ.

— אױף מײן װאָרט, אַ חרפּה און אַ שאַנד! שפּאַצענקאָפּ װעט קומען צװײ אַזײגער נאָך דער אַרבעט — װאָס זאָגט איר, הער בלומענקראַנץ?

דער דיקער הער בלומענקראַנץ האָט זיך אָפּגערופֿן:

— הם, בלווישטיין האָט היינט עפּעס אַ בזשיק. זיי זעען דאָך, אַז ער איז היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט.

— אַזוי? — זילבער האָט אַ ווונק געטאָן צו אים און בלומענ־קראַנצס אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן אין צוויי דיגינקע שפּעלטעלעך.

אָבער פּלוצלינג האָט ער באַמערקט, ווי בלווישטיין וויל עפּעס זאָגן:

— איך, הה... איר... וואָס איז עס אין געשעפט? —האָט ער זיך פאַרקייכט און די אויגן האָבן זיך אים אָנגעגאָסן פון אויפרעגונג. דער־נאָך האָט ער זיך האַסטיק אויפגעהויבן און שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען.

ער איז אַוועק צו אַן אַלטן באַקאַנטן, און בעת דאָס ווייב איז גע־לאָפן אַלעמאָל הין און צוריק אין קיך אַריין פאַרענדיקן דאָס מיטאָג, שריי־ענדיק דאָרט יעדעס מאָל אויף דער דינסט, האָט ער איר מיט אַ שרעקלעכער אויפרעגונג דערציילט, אַז די פרויען זענען גאָרנישט ווערט, זענען פאַלש, געמיין, אַז אַ מאַנסביל טאָר זיך זיי נישט אָנטרויען, אַז ער האָט נאָר וואָס געהאָט אַ דערפאַרונג און ער איז גליקלעך, ווייל שפּעטער וואָלט געווען שווערער.

אָבער שפּעטער, ווען ער איז אַהיימגעקומען, און אין דער טונקל־קייט נאָך נישט באַוויזן אויסצוטאָן דעם מאַנטל, איז האַלינאַ געקומען צו־גיין, מיט אַן אַרומגעבונדענעם טוך אויף אַ הויך פאַרשוואָלן פּנים. זי איז אַריינגעגאַנגען שטיל און פישטשענדיק ווי אַ קאַץ. זי איז געווען קראַנק. זי האָט אַ צאָן־געשוויר און נעכטן נישט געקאָנט אַרויסגיין פון שטוב. יאָ, זי וואָלט היינט אויך געדאַרפט זיצן אין דער היים, אָבער זי האָט נישט געקאָנט, ס׳האָט זי געצויגן — האָט זי געזאָגט און אַ קוק געטאָן מיט די אונטערגעשוואָלענע אויגן אויף בלווישטיינען.

זיי זענען געווען אַליין אין שטוב, אָבער ער האָט נישט געהאָט וואָס צו רעדן. זי איז איצט געווען מיאוס, אָבער די טונקלקייט האָט רחמנות־דיק איינגעהילט איר פּנים, און ס׳האָבן אַרויסגעגלאַנצט די קלאָרע ווייס־לעך פון די אויגן אין אירע צוויי פאַרטרעטן אויף דער וואַנט.

עס האָט אָנגעהויבן פינצטער ווערן. דאָס געדרוקטע פּאַפּיר אויף די שויבן איז שוואַרץ געוואָרן. בלווישטיין האָט אויפגעהויבן אַ קליין סלאָיעקל פאַרב צו די אויגן און אַוועקגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט געגלעט אירע האָר, און כדי צו פאַרטרייבן פון זיך דעם

מאָדנעם אויסדרוק פון איר געשוואָלן געזיכט אין דער טונקלקייט, האָט ער געטראַכט וועגן דער גרויסער, מענלעכער ליבע, וואָס איז נישט פאַר־שקלאַפט צום מאָמענט. ער האָט זיך דערמאָנט געדיכטן פון אַלטע מייסטער, ראָמאַנטיקער, וואָס האָבן געשילדערט די אַריבערגייענדיקע מיאוסקייט, וואָס איז אויסגעבעטן פון דער פרוי גופא, כדי אויסצופרווון דעם אײדעלן כאַראַקטער פון מאַן. ער האָט זיך באַמיט צו טראַכטן פון אײדעלע, גייסטי־קע זאַכן, כדי איינצוהאַלטן דעם הייסן צושטראָם פון דער תאווה, וואָס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, בעת ער האָט געגלעט האַלינעס קאָפּ.

— יאָ, יאָ, דו... זי זינד אַ טייער קינד...

האַלינאַ האָט אַ זיפץ געטאָן.

— ס׳האָט מיר אַזוי ווי געטאָן — האָט זי געפּישטשעט.

— אָבער היינט איז אייך שוין בעסער, האַ? — האָט ער זיך גע־בעטן און ווען זי האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער איר און זי געקושט. ער איז געשטאַנען הינטער איר שטול. פאַ־מעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצולעשן די גאַנצע מחנה לצנישע, האַלב־נאַקעטע מאַנסבילן און ווייבער פון די פּלאַקאַטן אויף די ווענט קעגנ־איבער אים. ס׳האָט זיך אויך אויסגעלאָשן און אויסגעגאַנגען דער שווע־רער רויטער סאַמעט אויף ר׳עפּינס, רובענסעס און ראַפאַעלס רעפּראָ־דוקציעס. ער האָט איר דערציילט, אַז ער פאָרט מאָרגן אַוועק אַהיים אויף פסח און זיך געזעגנט מיט איר אין פאַרפּלאָנטערטע, אָפּגעריסענע, ליב־לעכע ווערטער, וואָס זענען אויסגעגאַנגען אין דער שטילקייט פון צימער. אונטן האָט געסקריפּעט אַ וואָגן און ערגעץ אין די איבעריקע צימערן האָט אַ גרילץ געטאָן אַ טיר.

אויף מאָרגן איז ער געזעסן אין צוג, און אין דער טומלדיקער ערב־יום־טובדיקער ענגקייט פון וואַגאָן, איינגעדריקט צווישן צוויי אַלטע ווייבער און אַ מאַנספאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיינע קני, האָט ער פּרטימווייז, מ׳ט אַן אַלט בחורשן פּעדאַנטיזם, צעגלידערט. איבערגעחזרט און צענדליקער מאָל אויסגעטייטשט יעדן פּרט פון נעכטיקן אָוונט. ס׳איז אים געווען גוט צו טראַכטן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט עמעצן דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, און אַז ער וועט דאָס מאָל נישט דאַרפן

אַוועקפאָרן פון שטעטל מיט דעם זעלביקן אומעט, האַרץ־קלעמעניש און יאוש, וואָס ס'פלעגט אים אַרומנעמען תמיד, ווען ער פלעגט דאַרפן נאָך אַ יום־טוב אַוועקפאָרן צוריק פון דער פּראָווינץ. ער האָט געשמייכלט צו זיך און אַלעמאָל זיך אָנגעררירט ביים קאָלנער. ווייל ס'האָט זיך אים כסדר געדאַכט, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן עפּעס צוצושפּילען. שפּעטער, ווען אין וואַגאָן איז געוואָרן געררוימער, איז ער געזעסן מיט אַ שטייפער מינע און מיט אַ שיינענדיקן, שמייכלענדיקן פּנים, זיך געדרייט רעכטס און לינקס. ס'האָבן אים אָנגעקוקט די מענטשן. עפּעס אַ יונגע, טונקעלע פרוי מיט שיטערע וואָנצעס איבער די מויל־ווינקלען האָט איר באַקאַנטן איינגערוימט אַ סוד אין אויער אַריין. דער באַקאַנטער האָט געשמייכלט און קוים בגניבה אַ קוק געטאָן אויף בלווישטיינען.

מיט שנעלע טריט איז בלווישטיין שפּעטער געלאָפן דורך אַ זייטיקן וועג, צווישן פעלדער, צו זיין טאַטנס הינטערשטאָטישן שטיבל. צוויי לאַרכן האָבן אויפגעפלאַקערט מיט אַ סווישטשעריי אין דער לופטן: אָן אַ זייט האָט זיך צעקראַכט אַן אייזערן וועגעלע זשוויר, וואָס צוויי אַרבעטער האָבן אומגעקערט לעבן דער באַן־ליניע. אַ פויערל האָט פאַרקערעוועט אַ פורל מיסט אויפן פעלד, אַ קליין שייגעצל איז געזעסן אויבן אויף אַ שמאַטע און בלווישטיינען אָנגעקוקט. אויפן ווייטן, לײַדיקן, נישט פאַראַקערטן שטח האָט אַ שטיקל שערבל געגלאַנצט מיט אַ שאַרפן, נישט אָנגענעמען גלאַנץ קעגן דער זון. ס'איז געווען שטיל, צעשמייכלט, אין דער לופטן האָט זיך געפילט דער פרילינג, וואָס האָט זיך מיט אַ מין וואָכעדיקער, רויער הנאה, פונקט ווי אַ קימפעטאָרן, צוגעגרייט פונאַנדערצושפּרייטן איבער דער וועלט. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט אַלט שטרוי, וואָס מ'פירט אַרויס נאָכן גאַנצן ווינטער, מיט שטאַל, היימישן מיסט און, אַז ער איז צוגעקומען צו דער שטוב — מיט אַ שאַרפן, געפעפערטן ריח פון ערב־יום־טובדיקע פיש. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערפילט, ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַ טראַג געטאָן. אַ לייכטקייט און עפּעס אַ פרייד פון געווינען צוריק אַ וועלט, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן געוואָרן... פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער טיפעניש איז, פלוצלינג, מיט דער גאַנצער לייכטקייט, אַרויס אַ יינגל, אַ קליין יינגל, וואָס איז מיט ווייטע יאָרן צוריק געשטאַנען מיט איין האַנט ביים מויל און געשריגן אין דעם ליידיקן פעלד...

מיט אַ שמייכלדיק, פאַררויטיקט, גליקלעך פּנים האָט בלוישטיין זיך אַראָפּגעבויגן צום געלאַטעטן דאַרפישן הונט, וואָס איז אַן אומרויקער, אַ דערפרייטער צוגעפאַלן צו אים, און מיט אַ גערירטער האַלב־געבראָכענער שטימע, כמעט מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געמורמלט:

— אַך, דו רעקס! וואָס! וואָס! וואָס מאַכסטו?

5

דעם ערשטן טאָג פּסח נאָכן עסן האָט מען צוגעמאַכט די לאָדנס פאַר דער זון און דער אַלטער אלי' יצחק מיט זיין ווייב האָבן זיך געלייגט שלאָפן. זיי זענען געווען אַ פּאָר גוטמוטיקע, שטילע פאַרהאָרעוועטע אַלטע לייט. דעם גאַנצן ערב יום־טוב האָט אלי' יצחק טאָג־טעגלעך געשלעפּט פאַר זיין געוועלבל לעבן די קאַזאַרמעס די גרויסע, אין שטרוי געוויקלטע גאָנשערס מיט אייל און נאָפט, קוישן מיט שוואַקס און שוועבעלעך. זעקס אַ זייגער אין דער פרי פלעגט ער מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם טראָגן אַ קויש מיט פרישע געבעקס אויף די אַקסלען.

— קאָנסט דאָך דעם טלית איבערלאָזן ביים שמש — האָט שיינע רחל געזאָגט.

אָבער ער איז געווען אַ שוויגנדיקער ייד, מיט אַ לאַנגער בלאָנדער גרוילעכער באָרד, וואָס איז אים געקראָכן פון אונטער די אויגן, מיט אַ גרויען, שטומען, כמעט פרעמדן בליק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איר שוין אַמאָל דערציילט דער יידענע, אַז דער הויכער יונה, דער שמש, האָט אים אַנומלט אַ וואָרף געטאָן אַ פרעמדן טלית־זאַק אַנשטאָט זיינעם און בייז געמרוקעט, ווען אלי' יצחק האָט געוואָלט זיין אייגענעם:

— נו, אַ קלאַפּאָט אויף מיין קאָפּ. זיין טלית! — האָט ער שטיל פאַר זיך געמורמלט, דרייענדיק מיט רוגזה דעם שליסל אין באַלעמער־טיש.

נאָך בדיקת־חמץ האָט מען געדאַרפט אַוועקשטעלן די זעק מיט שפּייזן אויף איין אָרט און פאַרהענגען מיט אַ ליילעך, כדי דעם ווינקל צו פאַרקויפן אין חמץ אַריין. מ'האָט געדאַרפט כשרן און אונטערשפּרייטן די פּאָליצעס, אָפּוואַשן און אָפּרייבן די פּאָדלאָגע, פאַרקויפן דעם חמץ און צוזאַמענגעמען דאָס חמצדיקע געפעס. — נישט דערשלאָפן אַ סך פאַרטאָגן פאַר פּסח האָט אלי' יצחק צוגעדרימלט נאָך ביים בענטשן. אַ גרויסע

פריגעקומענע פליג האָט זיך אָן אויפהער מיט אַ בייז איינטאָניק קול גע־דראָפּעט אויף די ריין אָפּגעוואַשענע שויבן, אַ קלאַפּ געטאָן זיך אָן גלאָז און אַ ווײַלע אַריין מיט אַ שטורעם אין דעם דינעם שטויביקן ליכט־פּאַס, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין זילבער דורך די לאָדן־שפּאַרעס. אַ היי־זעריק אָפּגעריסן געזאַנג פון זעלנער, וואָס האָבן מאַרשירט הין און צו־ריק, האָט זיך אַ מאָל דערנענטערט, אַ מאָל אָפּגערוקט פון דער ווייטנס. אויפן בריקל, פאַרן צוגעמאַכטן קרעמל, האָבן עטלעכע ייִנגלעך געשפּילט, געשטיפּט, געשריגן, געמאַכט קולות, ביז איינער איז זיך פלוצלינג פאַר־גאַנגען אין אַ גרילצנדיק פונאַנדערגעצויגן געוויין. האַרט הינטער אַ פענצטער האָט אַן אַקערנדיקער פויער פלוצלינג אַ געשריי געטאָן: וויאָ!

אין בלוישטיינס צימערל, וואָס מ׳האָט אַ גאַנץ יאָר באַנוצט פאַר אַ קעמערל צו האַלטן שפּייז, איז איצט געווען פריש אויסגעקאַלכט און אויפגערוימט. עס האָבן געפינקלט די גאָלדענע ראַמען פון זײַנע ביל־דער, וואָס מען האָט צוריק אויפגעהאָנגען לכבוד דעם גאַסט אויף די ווענט, און געשײַנט די באַגילדעטע רוקנס פון די שיינע דײַטשע אויס־גאַבעס אויף די ביכער־פּאָליצעס. ער איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין מאַנטל און געבלעטערט אַ בוך. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין. אָבער עפּעס איז אים נישט געווען ניחא, ער האָט נישט געוווּסט וואָס. אַ רגע האָט ער געטראַכט, אַז ס׳איז נאָך צו־פרי און ער וועט אומעטום טרעפן צו מיטאָג און באַלד, פאַרקערט, אַז ער האָט זיך מיט קיינעם נישט אָפּגערעדט, מ׳עט נישט וואַרטן אויף אים און ער וועט זיך אַ גאַנצן טאָג מוזן אַרומדרייען אַליין. ער איז געווען אומרויִק און אַ שטילער פאַרדראָס האָט גענאָגט זײַן געמיט. אַלץ איז אַזוי פרעמד און גלײַכגילטיק און מיט אַזאַ גע־מאַכטן אינטערעס האָט מען אים נעכטן אויסגעפרעגט די פּרטים, נאָך דעם ווי ער האָט דערציילט וועגן האַלינען...

— איך האָב אַ גרויסע אינספּיראַציאָן — האָט ער געזאָגט.

לסוף איז ער אַרויס, פאַרשלאָסן די טיר און אַריינגעוואָרפן דעם שליסל אינעווייניק דורכן האַלב־אָנגעשפּאַרטן פענצטער. ער האָט באַ־שלאָסן אין וועג צו טראַכטן וועגן אַ טעמע פאַר אַ ניי בילד. אָבער אויפן וועג האָט ער אָפּגעשאַצט דעם סטיל פון די ניי־אויפגעבויטע הײַזער, האַמעטנע נאָפּט־ און בענזין־מאַגאַזינען מיט קליינע שײַבלעך, וואָס זע־

נען געשטאַנען נעבן דער סטאַציע. געטראַכט, אַז דאָס דעכל פון קלויס־טערל אויפן פּראַוואָסלאַוונעם צמענטאַזש, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען צווישן דיביימער, וואָלט געדאַרפט זיין רויט, און אַז די מילן הינטער אים דאַרפן שטיין אַנדערש. קומענדיק נענטער צום בולוואַר האָט בלוישטיינען אַרומ־געכאַפּט אַ געפיל פון בושה. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען קוקט אים נאָך, אַז מען אָבסערווירט אים און ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן, אַז מען חוזקט פון אים.

גאַנצע שעהען איז ער געזעסן ביי זיין פריינד לייטער. ער איז געווען אין גוטן הומאָר, ער האָט זיך געלאָזט מכבד זיין מיט טיי און פּסחדיקן צובייסעכץ און מיט אַ מין גרויסשטאָטישער דרייסטקייט געפירט אַ לייכטן שמועס מיט לייטערס שוועסטער און אירע חברטעס. זיי זענען געזעסן ענג צוזאַמענגעדריקט אויף דער קאַנאַפּע, באַהאַלטן זיך איינע הינטער דער אַנדערערס פּלייצעס און נישט אויפגעהערט זיך צו שטיקן פון געלעכטער.

— איר האָט שוין געמוזט אָפּמאָלן גאַנץ וואַרשע — האָט איינע געזאָגט מיט אַ מין לאָבעסעוואַטן ערנסט.

— בלויז אַלע וואַרשעווער מיידלעך — האָט ער געענטפערט — אויב זי, איר ווילט... ער האָט זיך פאַרהאַקט און דאָס מיידל האָט געלאַכט:

— כי־כי־כי... וואָס, איר ווילט מיך מאָלן?

— יאָ, אָ, ביטע שען!

— אָבער אַזאַ מיאוסע ווי איך? — האָט זי זיך געפּיעשטשעט.

— אָ, ניין, זי זינד וואונדערפאָל — האָט ער מיט אַ געמאַכטער קאָמישער פייערלעכקייט געענטפערט.

אָבער פּלוצלינג האָבן זיי ווי אָנגעוווירן דעם אינטערעס צו אים. זיי זענען ערנסט געוואָרן און איינע האָט זיך אָפּגערופן:

— אוי, איך זיץ שוין דאָ אַזוי לאַנג!

— וואָרעם וואָס האָסטו דען צו טאָן אין שטוב? — האָט די צווייטע געפרעגט. זיי האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן אָן אים. טיף אינעווייניק ביי אים האָט זיך עפּעס אָפּגערופן, ער האָט זיך דערפילט דערשלאָגן און פאַרביטערט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט, אינערלעך זיך אַנטקעגנצור־שטעלן אָט די יונגע, פרייע, זויבערע, גליקלעכע מיידלעך. ער האָט זיך

דערפילט נישט באַקוועם און איבעריק און נישט געוווּסט, ווי אַהינצוטאָן זיינע הענט און פיס, און פונקט ווי צו דערמאָנען אים אין זיין אייגענער צרהדיקער פּערזאָן, האָט אים נאָך אָנגעהויבן ווייַ צו טאָן אינעווייניק אין בויך, אַ רעזולטאַט פון דער צו האַסטיקער ענדערונג פון זיין שפּייז, פון די צו־זאַטע, יום־טובדיקע סעודות אַלס גאַסט ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב.

ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט צו מאַכן אַ וויטן שפּאַציר מיט זיינע חברים הינטער דער שטאָט. זיי זענען געווען פריילעך און זאָרגלאָז און ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אַוועקצוגיין צוריק אין זיין ענגער, איינזאַמער אומעטיקער עקזיסטענץ. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער זיך באַמיט נישט אָפּצושטיין פון די גייענדיקע און מיט אַ געמאַכטער לוסטי־קייט געזונגען:

— אוי, מיין מאָגן!

זיין חבר הורוויטש האָט נישט באַהאַלטן זיין חוזק פון אים, און אים נישט אויפגעהערט אונטערצוהאַלטן מיט אַ שמועס: ער האָט אים געפרעגט „מבינות” אויף די גלייכע פּאַראַקערטע פעלדער, אויפן כמור־נעם הימל, אויף די איינזאַמע שטעלכלעך און בית־הכסאות אונטער די פּויערשע הייפלעך. בלווישטיין, הגם ער האָט דערפילט דעם חוזק, האָט ער אים געדולדיק געענטפערט לויט אַלע כללים פון שטיגליצעס טעאָריע וועגן פאַרבן און ליניעס. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס הורוויטש האָט אים איבערגעריסן אין מיטן זיינע לאַנגע דערקלערונגען מיט פראַגעס, ווי למשל.

— און אַז מ'האָט בויך־ווייטיק, קאָן מען אויך זיין אינספּירירט? אָדער:

— זעט נאָר דאָרטן, די קו, זי איז אויסגעהאַלטן?

און שפּעטער, ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער געזעסן האַלב־שווייגעוודיק און פאַרמאַטערט ביים טיש. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס זיי וויסן וועגן האַלינען. ער האָט געפילט, אַז זיי האָבן געחוזקט פון אים און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דערמיט האָט ער געטאָן קעגן איר עפּעס שלעכטס, עפּעס אַזוינס ווי פאַרראַט. ער האָט דערפילט אַ שנאה צו זיינע חברים און צו אַלע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען מיט עפּעס אַ לצנותדיקער פאַרשווערונג קעגן אים, און ער האָט זיך געגעבן אַ

וואָרט, אַז מער וועט ער פֿאַר קיינעם גאָרנישט דערציילן. קיין איין וואָרט נישט וועגן איר — אפֿילו פֿאַר דער מאַמען אויך נישט! — האָט ער גע־שריגן צו זיך אַליין אָן אויפֿגערעגטער.

אָבער איינמאָל — עס איז שוין געווען דער זיבעטער טאָג יום־טוב, נאָכמיטאָג, אָנקומענדיק פֿון שטאָט, האָט ער נאָך פֿונדערווייטנס דערזען דער מאַמען אויפֿמאַכן דעם לאָדן. דער טאַטע האָט מיט אַן אויס־געשלאָפֿענער מינע אַראָפּגענומען דאָס קאָפּל פֿון קאָפּ און גלייכצייטיק מיט דער אַנדערער האַנט אָנגעטאָן דאָס טיפֿע טוכענע היטל. ער האָט עפּעס געמורמלט און מיט שווערע באַוועגונגען זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, אויפֿגעעפֿנט אַ ספֿר און זיך גענומען שאָקלען איבער אים. שיינע רחל האָט פֿון אַ זידנדיקן טשייניק אויף דער הייסער קיך־פּליטע אָנ־געגאָסן טיי אין אַ דינער, געשליפֿענער פּסחדיקער גלאָז. אלי׳ יצחק האָט איינגעטונקט אַ שטיקל צוקער, שעפּטשענדיק געמאַכט אַ „שהכל״ און תּענוגלעך אונטערגעקרעכצט.

שיינע רחל איז אַרויסגעגאַנגען, געלאָזן אָפּן די טיר הינטער זיך און פֿאַרקענדיק זיך אַ ווײַלע אין פֿאָרהויז האָט זי אַרײַנגעבראַכט איינגעמאַכטס אויף אַ טעצל.

— געלויבט דער אייבערשטער דערפֿאַר — האָט זי פֿרום אָפּגע־זיפֿצט — שוין איבערגעקומען גאָט צו דאַנקען דעם פּסח אויך. היינט אַכט טאָג, דאַכט זיך, וואָס? — זי האָט אָפּגעווישט דאָס נײַע יום־טובֿדיקע אַלומיניום־לעפֿעלע און אונטערגערוקט איר זון דאָס טעצל.

— מילא, פֿאַרזוך כאָטש — האָט זי געזאָגט — אַ גאַנץ יום־טובֿ דיך נישט אָנגעזען בײַטאָג. גייסט אַוועק נאָכן עסן און קומסט בײַ־נאַכט, אַ גאַנץ יאָר רירט עס דאָך קיינער נישט אָן, אָט ווי אַ מענטש שטייט עס און וואַרט אויפֿן ליבן יום־טובֿ.

בלווישטיין האָט נישט געענטפֿערט. עפּעס איז ער היינט גראָד געקומען נאָכמיטאָג אין שטוב אַרײַן. אייגנטלעך איז אים די סיבה באַ־וווּסט געווען. ער האָט קיינעם פֿון די חבֿרים נישט געטראָפֿן אין שטוב. הורוויטשן האָט ער באַגעגנט אין גאַס שפּאַצירן מיט אַ מיידל, זיי האָבן אים נישט אָפּגעשטעלט. ער איז געווען שלעכט געשטימט. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער איז געבליבן אויף די אַנדערע טעג און ער האָט איצט

באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פרייטיק, באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך יום־טוב. די בענקשאַפט נאָך האַלינען, מיט אַן אַנונג פון נייע, טיף באַהאַלטענע מעג־לעכקייטן, אין דער טיפער אידילישער רו פון גרינע פרילינגדיקע הינטער־שטאָטישע לאַנדשאַפטן — אָ, דער קאָפּ האָט זיך אים אַזש אַ דריי געטאָן פון גליק! שפּאַנענדיק אַהיים דורכן לאַנגן, מיט ביימער פאַרפלאַנצטן שאָסיי, האָט ער זיך געערגערט און מיט פאַרדרוס געטראַכט וועגן דעם, ווי דאָס דאָזיקע שיינע מיידל, וואָס האָט שפּאַצירט מיט הורוויטשן, האָט אים אָנ־געקוקט מיט אַ שולדיקער, כיטרער מינע, ווייל מ׳האָט אים אַמאָל איבער־דערציילט, ווי זי האָט אים הינטער די אויגן באַרעדט און באַליידיקט. ער האָט געקלערט וועגן האַלינען, ווי וועגן אַן אינדזל, וווּ ער קאָן זיך ראַטעווען פאַר דער גאַנצער רשעותדיקער וועלט.

די מאַמע איז געזעסן נעבן אים. ער האָט געשפּירט צו איר אַ נאָענטקייט, אָבער ס׳איז אים אויסגעקומען מאָדנע דער געדאַנק, אַז ער איז איר זון. צופעליק האָט ער אַ רוק געטאָן זיין שטול הינטערווייל־עכץ און דערזען איר פאַרוועלקט פּנים מיטן צעקנייטשטן פּראָפיל, די דינע נעץ פון קנייטשן אויפן האַלדז, און אין איין רגע האָט אים אַ ווידער־ווילן צו דער אַלטער פרוי אַ שלאָג געטאָן צום מוח מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט אַזש צוגעמאַכט די אויגן. דערנאָך האָט ער דערפילט צו איר אַ טיפע ליבע און אַ רחמנות.

— כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — האָט זי גערעדט, אָפּ־געריסן, ווי פאַר זיך. זי איז אויפגעשטאַנען, אויסגעווישט אַ קליין דין גלעזעלע אויף עפּל־ווייך — אַ גאַנץ יאָר ווייס מען דען עפּעס פון אַ לעבן צו זאָגן? מ׳פאַדעט, מען האָרעוועט, מ׳פאַלט אויפן פּנים פון אַרבעט; האָט מען כאָטש קיין צייט נישט צו מאַכן אַ דין־וחשבון פון דעם שטיקל לעבן, מ׳שטיינס געזאָגט.

אלי׳ יצחק האָט אָנגעהויבן העכער צו ברומען און זי האָט פאַר־לייגט די הענט.

— מילא. אַבי דאָס ביסל יאָרן לויפט אַריבער. מ׳איז אַזוי פאַר־האָרעוועט און מען וויל זיך טאַקע נישט שיטן קיין זאַלץ אויף די ווונדן, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד... אָט פאָרסטו אַוועק ערגעץ הינטער

די הרי־חושך, שונאי־ציון, נישט קיין בריוול, נישט קיין וואָרט, גאָרנישט; ווי אין וואַסער אַריין. נישטאָ קיין טאַטע, נישטאָ קיין מאַמע.

זי האָט זיך אַ וויש געטאָן די אויגן. פון די דינע שוואַרצע אַלט־מאָדישע לאַנגע אַרבל האָבן אירע הענט אויסגעזען איידל און רחמנותדיק. בלוישטיין האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אלי' יצחק האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן ספר און שטילערהייט געמורמלט.

— וואָרעם וואָס וואָלט איך דען געוואָלט? איך ווייס, אַמאָל העלפט גאָט, און ס'מאַכט זיך עפּעס אַ מיידל, אַן אָרנטלעך קינד, פון באַלעבאַטישע עלטערן. מילא — איך, דער טאַטע נאָך אַ פּאָר יאָר... וואָס מיינסטו? עס רוקט זיך צו. דיין טאַטע איז שוין דאַנקען גאָט נישט קיין יונגערמאַן. וואָס, דאָס גרויסע גוטס וואָס מען האָט? די טייערע מאכלים? מילא, קיין תרעומות אויפן רבונו של עולם האָב איך נישט; ווי ער מאַכט — איז גוט. איין זאַך וואָס איך בעט בייטאָג און ביינאַכט, אַז איך זאָל נאָך דערלעבן צו זען... מיין עלטסטן זון... זאָל נישט בלייבן אָט אַזוי אַ...

זי איז צוגעגאַנגען צום קאָמאָד און אַרויסגענומען אַ טיכעלע. זי האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס געוויין אין זיך, כסדר געשנייצט די נאָז.

— נישט אָפּגעשניטן ווערן ווי אַ בוים אָן בליעכץ — האָט זי געכליפּעט — אַזוי עלנט...

אַ ווײַלע איז בלוישטיין געווען אויפגערעגט, וואָס די מאַמע האָט אים מיטאַמאָל צורעכט געמאַכט אַזאַ סצענע. אָבער אָט האָט ער אָנגעקוקט אָט די עלטערע מידע מאָגערע פרוי, זיין מאַמע, אַ קוק געטאָן אויפן געקאַלכטן צימער, אויפן אַלטן דורכגעפּרעסענעם מעבל מיט די אַלטע פאַרגעלטע פּאָרטרעטלעך, די דיקע פירקאַנטיקע באַלקנס אונטערן נידעריקן און געקאַלכטן סופיט — און עפּעס אַ שולדיקייט האָט ער דערפילט צו זיי, אַן אחריות. ער האָט געצופּט די פראַנדזן פון גראָבן לייוונטענעם טישטעך און עפּעס געמורמלט צו זיך. ער וואָלט איר געזאָגט, דער מאַמען, אַז ער וועט נעמען אַ פרוי; יאָ. ער וועט נישט בלייבן אַליין, אָבער ער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי. מיט אַמאָל האָט דער טאַטע צוגעמאַכט דעם ספר, אַ קוש געטאָן און זיך אָפּגערופן:

— וואָרן וואָס, די מאַמע איז דען נישט גערעכט?

— איך זאָג דאָך דאָס — האָט זי ווידער אָנגעהויבן שוין אויס־געלייטערט.

און פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעשטעלט און באַלד צוריק אַוועק־געזעצט.

— מאַמע, ס׳איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג. יאָ! — און רויט־ווערנדיק, מיט אַ מאָדנער אומגעלומפּערטער באַגייסטערונג, האָט ער זיי אין אָפּגעריסענע זאַצן דערציילט, אַז ער האָט שוין אַ מיידל, אַ כלה, זי וועט זיין זיין פרוי. יאָ; ווי גיך ער וועט נאָר קומען צוריק צו איר. ער וועט זיי שרייבן, זי איז אַ בלאָנדינע, זיין אידעאַל. ער פאָרט אַוועק צוריק פרייטיק, באַלד נאָך יום־טוב... ניין, ער האָט אַזוי באַשלאָסן...

און ביזן סאַמע בין־השמשות איז מען געזעסן און גערעדט. בלוי־שטיין האָט אַלץ דערציילט. שיינע רחל האָט געזיפצט און מיט אַ שטילער, זיסער אויסגעלייטערטער שטים האָט זי אים צוגעזאָגט, אַז ווען עס וועט מערצישעם האַלטן דערביי, וועט מען פאַרקויפן דאָס שטיקל פּלאַץ פאַר דער גרעבליע — דער שכן, דער בעל־גוף קריגט שיער נישט די ניכפּה דערפאַר — מ׳וועט אים צוהעלפן, ער זאָל זיך איינשטעלן אָרנטלעך מעבל. זי האָט אים דערציילט, אַז זי האָט אָנגעגרייט — שוין באַלד פינף יאָר ווי עס ליגט אין קאַסטן — לייוונט אויף וועש און אויף באַצוג, די אמתע זשיראַרדאָווער, עס וועט אים חלילה גאָרנישט פעלן. טאַקע אָרעמע טאַטע־מאַמע, אָבער פאַר אַ קינד וועלן זיי אויסטאָן דאָס העמד פון זיך. דער אַלטער אלי׳ יצחק האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אירע עלטערן און געזאָגט, אַז ער וועט קומען מאַכן אַ וואָרט... ער ווייס דאָך, הייַנטיקע יונגעלייט... נו, פון דעסטוועגן קיין בייז נישט, ווי ער וויל, ער שטייט נישט אָן חלילה אויף אים — האָט ער פאַרענדיקט, אויפהייבנדיק זיך צו מנחה.

בלוישטיין האָט זיך אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן אין פענצ־טער. ער האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט שווייגנדיק איבערן שטוב, ס׳איז אים געוועזן עפּעס פריקרע, ער האָט זיך געשעמט... דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם מאַנטל און דורכגעגאַנגען שווייגנדיק פאַרביי דער מאַמען, וואָס האָט אַרויפגעדרייט דאָס טליענדיקע פייער פון נאַכט־לעמפּל.

ער איז געווען אין דרויסן.

6

דער אַלטער אַלי׳ יצחק האָט אָפּגעפּירט דעם זון צו דער באַן. צוריקגייענדיק — האָט ער געזאָגט — וועט ער אָפּטרעטן צום בעל־גוף נאָך דער מילך. בלווישטיין איז געווען באַלאָדן מיט אַ סטאַלוגע און מיט אַ שווערן פּאַק בילדער אין ראַמען, זאָרגעוודיק איינגעפּאַקט. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן טאַטן, וואָס איז געגאַנגען הינטער אים און בגנבה איבערגעביטן דעם טשעמאָדאַן פון איין האַנט אין דער אַנדערער. איצט ווען ער וועט האָבן אַ היים, האָט בלווישטיין געטראַכט, וועט ער פאַרריכטן זיין אָפּגעפּרעמדקייט לגבי זיינע עלטערן, וואָס האַלטן שוין אויפן ראַנד פון זייער לעבן, און יאָ, אַך גאָט, וואָס ווייסט ער, וואָס מאָרגן וועט זיין? ס׳טוט אים עפּעס מאָדנע באַנג: ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך זיי און זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אים — און ער פאָרט אַזוי גיך אַוועק צו איר, וואָס ער קען זי קוים צוויי חדשים. עפּעס אַ שרעק און אַ ווייסטע אַנונג האָט אַ קילן פּאַך געטאָן איבער זיינע אויגן, אַז ער האָט שנעל אויפגעהויבן זיין קאָפּ אין דער הויך.

אַ שוואַרצע שורה סילועטן פון ביימער האָבן זיך געצויגן איבערן אויפטליענדיקן האָריזאָנט. עס זענען טונקעלער געוואָרן די שאָטנס הינטער די שייערן, אַ שוואַרצער לאַנגער פּאַס האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן ראַנד הימל. די לבנה איז געווען רויט און עפּעס אַ שרעקלעכער אָפּשטויסנדיקער, פאַרוויינטער ערנסט האָט זיך פאַרצויגן איבער איר. אַ הונט האָט געבילט מיט אַ פאַרביסענער אומאויפהערלעכער בילעריי און קוויטשענדיק, מיט קורצע אָפּגעריסענע פּייפן האָט אַ לאָקאָמאָטיוו אַרויסגעלאָזט שוואַרצע וואָלקנס רויך, וואָס זענען זיך צעקראָכן איבערן פאַרטאָגיקן הימל.

שפּעטער, ווען בלווישטיין איז געזעסן אין צוג, האָט ער באמת חרטה געהאַט פאַרוואָס ער פאָרט שוין אַוועק. ער האָט דאָך געקאָנט בלייבן איבער שבת, האָט ער געטראַכט מיט פאַרדראָס, און דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער צוג איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע, איז ער געווען גרייט אַראָפּצוגיין. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָ אין דער פּראָווינץ נישט באַטראַכט קיין איין טעמע, ווי ער האָט פריער באַשלאָסן. אָבער איצט

איז געווען פוסט. ס'איז אים געווען קאַלט און די האַסטיקייט פון זיינע געפילן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען נישט אויסגעשלאָפן און מיד פון נעכטיקן אַרומשפּאַצירן אַ גאַנצן טאָג. ער האָט ווידער געפּרוווט טראַכטן וועגן האַלינען, ווי ער וועט זי נאָך היינט זען — און נישט גע־קאָנט. שווער, מיט דריקנדיקן קווענקל אין האַרצן האָט ער אָפּגעגענעצט — אהיאָה!

אָבער ווען די ערשטע טעלעגראַפן־סלופּעס האָבן ווי אַ פּאַל גע־טאָן שיכור הינטערוויילעכץ, און דער צוג איז מיט אַ טראַסק אַדורך די אייזערנע, לייכטגעבאַלקנטע בריק — האָט ער זיך מיט אַ מאָל געטאָן אַ שטעל אויף, אַן אומרויקייט און אַ שטאַרקע בענקשאַפט האָט אים אַרומ־גענומען. איינציקוויץ האָט ער אַרויסגעשלעפּט די אַלטע אילוסטרירטע זשור־נאַלן, ער האָט פאַרשלאָסן און צוריק אויפגעשלאָסן דעם רייזע־קופערט, אַוועק געלאָזט זיך איבער די וואַגאָנעס און צוריקגעקומען אין לסוף געבליבן שטיין מיט ציטערדיקע פיסביים פענצטער אַזוי לאַנג, ביז די קני האָבן אים אָנגעהויבן צו ברעכן פון אָנשטרענגונג. איינציקוויץ האָט ער זיי ווידער אַרויסגעצויגן פון זיין געדעכעניש: קליינינקע פּאַקטן, אַ שמייכל, אַן אָנריר פון איר האַנט... אין זיין גליענדיקן, נישט אויסגעשלאָפענעם קאָפּ האָבן מיט מאָדנע אויפרעגנדיקע דעטיילן אָנגעהויבן אויפגיין פאַר־שידענע מעגלעכקייטן, וואָס ער האָט ביז איצט אונטערדריקט אין זיין באַוווסטזיין, צוליב אומדרייסטקייט, אומדערפאַלג און איינזאַמקייט. מיט אַ מאָדנער בולטקייט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווי ער וועט קושן אירע ווייסע באַקן און אָנגערירט מיט די פינגער זיינע ליפּן. אין לאַנגע, לאַנגע סצענעס האָט ער זיך אויסגעמאָלן אַלערליי ראָמאַנטישע בילדער: ווי זי גייט אַרום איבער דער מאַמעס פּסחדיק־אויפגערוימטע חדרים און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען, זיצט אין קינאָ און ציטערט ביי יעדער צאַר־טער ליבע־סצענע, שווייגט און בלאָנדזשעט איבערן טעלער בעתן עסן — יאָ, זי קאָן נישט שלאָפן! זי חלומט לאַנגע, פאַרפלאָנטערטע, הייסע חלומות און זי וועט צופאַלן צו אים, ווען זי וועט אים דערזען. זי וועט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן, זי איז געוויס געקומען אַהין יום־טוב, דעם ערשטן טאָג נאָך יום־טוב וועט זי אויך קומען, אינסטינקטיוו, ער וועט זי איבעראַשן. יאָ, ער וועט זי אַרומנעמען...

ער האָט נישט באַמערקט ווי ס'איז טאָג געוואָרן. ברייטע, צעגאָ־סענע זומפּן מיט גרינענדיקע אָלכעס האָבן אַ גלאַנץ געטאָן קעגן דער זון. סאָסנע־וועלדלעך זענען אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פאַרוואָקסענעם ווינקל און זיך אַוועקגעצויגן ווייט ביים ברעג פון קוים אויפגעגרינטע פאַרגאָ־סענע פעלדער. צוויי שפּיצן פון אַ קלויסטער האָבן זיך לאַנגזאַם דער־נענטערט, זיך אַ דריי געטאָן און פאַרשוווּנדן געוואָרן, ס'האָט זיך אָפּגע־דעקט אַ פונאַנדערגעשאָטן דערפל אין אַ טאָל. די טעלעגראַף־דראָטן האָבן שנעל געטאַנצט איבער די וואַגאָן־פענצטער אַראָפּ און אַרויף און פלוצ־לינג איז מיט אַ בריאַזג אַדורך אַ צוג און איבערגעלאָזט אַ בייסנדיקן רויך.

— זי איז וווּנדערפאָל — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, קוקנ־דיק פאַרטראָגן אויף די פויערים מיט די שווערע מילך־קאַנען, וואָס האָבן איצט פאַרפולט דעם וואַגאָן — איך בין גליקלעך! — האָט ער גערעדט צו זיך אויפן קול. מיט אַ סך מי האָט ער זיך אָנגעשטרענגט איבערצו־רייסן אויף אַ ווײַלע דעם דאָזיקן שטראָם פון צעגליטע דמיונות. עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן זענען אים צערונען געוואָרן אַלע ווינטערדיקע סצע־נעס, און די וואָס ער האָט זיך יאָ דערמאָנט, האָט ער אַזוי געמאַכט צו קליינגעלט, אַז ער האָט אַליין געשמייכלט פון זיין אַמאָליקער נאַרישקייט. מיט אַ מין באַגייסטערטן חוזק האָט ער זי אין געדאַנק גענומען איבער־בעטן פאַר זיינע חשדים און זי צערטלעך געזידלט ווי אַ קינד. ער איז טאַקע באמת געווען גליקלעך.

אויף דעם שווערן קאַנטיקן שלאָס־טורעם האָבן די באַגילדעטע ווייזערס געגלאַנצט קעגן דער זון. ס'איז געווען אַכט אַ זייגער. די באַ־גייסטערונג האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך דערפילט עפּעס נישט זיכער. ער איז אייגנטלעך געווען ווי אויסגעניכטערט און ווי אַלעמאָל, בעת ער פלעגט דורכפאָרן די גאַסן, האָט ער זיך פאַרנומען מיט קרי־טיק איבער די שילדן און אויסשטעלונגען אין די מאַגאַזין־פענצטער. ער האָט אי־בערגעלייענט נעמען און באַטראַכט פאַסאַדן, צוטיילנדיק יעדן איי־נעם צו אַ באַשטימטן סטיל. ער האָט שוין ערשט נישט באַדויערט וואָס ער איז היינט אַוועק פון דער היים, נישט געפרייט זיך אויך, ער איז פשוט געווען גלייכגילטיק און געטראַכט, אַז דאָס קומט פון מידקייט.

אָפּפּאָרנדיק אַ פּאָר גאַסן, האָט ער זיך פּלוצלינג אַ בייג געטאָן צום פורמאַן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געזען האַלינען אַריינ־שטייגנדיק אין אַ טראַמוויי. אָבער איידער ער איז צוגעפאָרן צו דער שטוב, האָט פאַרבייגעשוועבט אַ מיידל אין אַ גראַנאַטן קאָסטיום מיט העלע האָר אונטערן בערעט, און ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז אויך האַ־לינאַ... דער באַקאַנטער פּאָליציאַנט אַנטקעגן זיין טויער האָט אים אָנ־געקוקט, ער האָט אים דערקענט. דער פורמאַן האָט זיך אויסגעקערע־וועט און געגומען אַרויספאָרן פון הויף, איבערציילנדיק דאָס געלט אין דער דלאָניע, און בלווישטיין, באַלאָדן מיט דער סטאַלוגע אייל־בילדער און רייזע־קופערט איז אַרויפגעקראָכן אויף די שמוציקע טרעפּ. די אַלטע צעקנייטשטע באַלעבאָסטע, מיט אַ שמוציק טיכל איבער די אויערן האָט אים אויפגעעפנט די טיר פון דער דומפּיקער מרה־שחורהדיקער טונקל־קייט. בלווישטיין האָט זיך איינגעבויגן אַנצונעמען דעם רייזע־קופערט, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, בעת ער האָט אָנגע־קלאַפּט און די אַלטע איז צוריקגעגאַנגען עפענען די טיר פון זיין צימער, אָבער די טיר פון זיין צימער איז געווען פאַרשפּאַרט, אַ כעס און אַן אַלטע, אויפגעוואַכטע שנאה צו זיינע חברים האָט אַ קאָך געטאָן אין אים, און ער האָט אַ שטויס געטאָן די טיר. ער איז אין דעם זעלביקן אויגנבליק שוין געווען גרייט חרטה צו האָבן, אָבער די טיר האָט זיך אויפגעפראַלט.

אַ רגע איז ער געבליבן שטיין פאַרגליווערט. עפּעס אַ טויטע קעלט האָט אים אָנגעכאַפּט אין האַרצן. עס איז אים אַריין אין די הענט, אין די פיס, און דאָס פענצטער אַנטקעגן איבער אים האָט זיך אים אַ דריי געטאָן פאַר די אויגן. אָבער פּלוצלינג, ווי ער וואָלט זיך אַליין גע־וואָלט אויפוועקן פון זיין קאַלטער פאַרגליווערטקייט — האָט ער אַרויס־געלאָזט אַן אויסטערליש אומפאַרשטענדלעך הויל געשריי פון טיפן האַלדז, און די אַלטע, וואָס איז האַלב־בלינד געווען און מיט דער דלאָניע איבער די אויגן אַריינגעקוקט אין צימער אַריין, איז דערשראָקן אַרויסגעלאָפן מיט אַ הייזעריקן געשריי.

אינעווייניק אין צימער האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן פון שלאָף און לעווינסקי איז צעמישטערהייט אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. האַלינאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילן קוויטשעדיקן קרעכץ, ווי אַ פאַרפאַלגטע חיה,

און מיט קאַנוווּלסיווע פינגער אַ צי געטאָן דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ. בלווישטיין האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטול און זיך פֿאַרמאָסטן איבערן בעט, און זילבער, וואָס איז געלעגן לעבן וואַנט, האָט זיך אויפגעזעצט און מיט אַ רויטן מבולבלן. פֿאַרלוירענעם בליק האָט ער עפּעס אַ זוך געטאָן אין צימער. אָבער לעווינסקי איז אונטערגעלאָפן מיט די באָרוועסע פיס און דער שטול האָט אַ קראַך געטאָן אויפן דיל. בלווישטיין איז ווילד געוואָרן. מיט אַן אויסטערלישן אכזריותדיקן כוח האָט אים לעווינסקי צוגעהאַלטן פאַר די הענט און איבערגעבויגן אים מיטן רוקן איבערן טיש. דער טיש האָט זיך צוגערוקט מיט אַ ווינקל צום וואַנט. ס'האָט געפּלאַצט אַ גלאָז און אַ ראָם. ס'האָט זיך אַ וואַקל געטאָן דער נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז תמיד געשטאַנען אויפן טיש און דער פֿאַרצעלאַנענער אַבאַזשור איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ בריאַזג, אָבער בלווישטיין האָט כסדר געוועט:

— הערויס, גאַסנפּרוי! הור!

— איכל דיר ווייזן, דו אידיאָט! — האָט לעווינסקי געשיפּעט. עס איז אַריין די אַלטע און הינטער איר דער אַלטער באַלעבאָס מיט אַ פאַרפּעדערטער יאַרמלקע, צוהאַלטנדיק די הויזן מיט דער האַנט. זייער אייניקל מיט אַ ווייס דערשראָקן פּנימל איז געשטאַנען הינטער זיי און אין דער דרויסנדיקער טיר האָט עמעץ געקלאַפּט מיט אַ שרעקלעכער עקשנות.

— דו משומדת, אַרויס פון מיין שטוב! — האָט די אַלטע אַ געשריי געטאָן מיט אַ הייזעריקן קוויטש און מיטן גאַנצן כוח אַ ריס געטאָן פון האַלינען דאָס איבערבעט.

האַלינאַ האָט זיך אויפגעזעצט, איינגעקאָרטשעט זיך און מיט אַ פאַרלוירענעם בליק גענומען זוכן אירע פונאַנדערגעוואָרפענע קליידער. דאָס יינגל האָט איר צוגעטראָגן דאָס קליידל, און זי איז אַרויס פון בעט. באָרוועס, צעשויבערט — האָט זי אויסגעזען קליין און נעבעכדיק. לעווינסקי האָט נישט אויפגעהערט צוצודריקן בלווישטיינען צום טיש.

— דו ווייסט דאָך אים דערהרגענען, דו לאָבוז — איז דער אַלטער צו און אַ ריס געטאָן לעווינסקין פון זיין קרבן.

בלווישטיין האָט זיך אויסגעגלייכט. ער איז געווען רויק, בלייך. מיט אויסגעגלאָצטע פאַרשטאַרטע אויגן האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער; אַ קוק געטאָן אויף האַלינען און עפּעס ווי באַטויבט זיך געדרייט

אויף איין אָרט. און פלוצלינג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צו דער וואַנט און אַראָפּגעריסן האַלינעס ביידע פּאָרטרעטן. האַלטנדיק זיי צוזאַמען האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט די שווערע ראַמען איבער איר קאָפּ. אָבער זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען, זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און געצאַפּלט. און דאַן האָט ער אַ שפּאַר געטאָן די ראַמען אָן אַ פוס, און דאָס אָנגעצויגענע לייוונט איז מיט אַ קרעכץ אַרויסגעשפּרונגען פון האַלץ. שטיקלעכווייז האָט ער זיי געריסן און געבראָכן, ביידע פּאָרטרעטן, איינעם נאָכן אַנדערן. ער האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם הוט און זיך אַ קער געטאָן צום אַרויסגאַנג. אָבער אין דער טיר האָט ער זיך אומגע־קערט, אומגעריכט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, און אַראָפּגעלאָזט איר אַ ברענענדיקן פּאַטש איבערן פּנים.

וואַקלענדיק זיך איבער די טרעפּ, האָט ער געפילט, ווי עס קריכט אים נאָך איר געוויין, דאָס געוויין פון אַ גאַסנפרוי, וואָס האָט מורא פאַר אירע פייניקער.

7

ער האָט זיך פאַרנומען אין אַ ראַג און אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן אָפּגעשייערטן מעשענעם באַריער, איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ שויפענצטער פון פלאַטיר־געשיר. פון אַ רונדן שפּיגל האָט ער דערזען זיינע אויסגעגלאָצטע, שוואַרצע, מטושטשע אויגן איבער אַ גרויסן רויטן שראַם אויף זיין פּנים. ער האָט אַרונטערגענומען אַ בינטל האָר אונטערן הוט, אַרויפגעצויגן און אויסגעגלייכט דעם קראַוואַט, וואָס ער האָט גע־קויפט אויף יום־טוב. אַ פּאָר גרינע אויגן פון אַ שלאַנגן־קאָפּ אויף אַ זיל־בערנעם שטעקן האָבן אים אָנגעקוקט, אָבסערווירט, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען. ער האָט זיך אויסגעדרייט, געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך געלאָזט גיין.

אָבער ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן קומען צו זיך: דאָס איז געווען אַ מין בייסעניש, אַן אינסטינקטיווע אומרויקייט, אַ מאַנעניש פון אַן אבר, וואָס איז דורך אַ שטיקל צייט צוגעוווינט געוואָרן צו האַלטן אַ חפץ און האָט אים אַנגעווירן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער רעכטער האַנט, אויף דער דלאָניע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי רייסט... אַ ווײַלע האָט ער כמעט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנעט דאָס קומט און מיט די

נעגל פון דער צווייטער האַנט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו קראַצן אין דער ערש־טער. און פּלוצלינג איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. יאָ, קלאָר געוואָרן, וואָס אַזוינס ס׳איז מיט אים געשען, און אַ מאָדנע אומבאַקוועמלעכקייט, אַן איבעריי־קייט, אַ חרטה און אַ רחמנותדיקע נישטיקייט האָט ער דערפילט אין זיך, און זיינע אויגן האָבן מאָדנע־פאַרשעמטע, קינדעריש־בעטנדיקע, עפּעס קעלבערנע און תחנונימדיקע אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען אויף די פאַרביי־גייער, צו זוכן אויף דורכפאָרנדיקע טראַמווייען און דראָזשקעס; זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט, ווי ברייטער געוואָרן, אַז מען וואָלט אין דער ערשטער רגע געמיינט, אַז ער לאַכט...

ער האָט פאַרשנעלערט די טריט. ער האָט אָנגעהויבן גיין גיך, גיך, אָנשטויסנדיק זיך אַלע ווײַלע אָן מענטשן און אָפּשטעלנדיק זיך טעמפּ פאַר דער געדיכטער מאַסע, וואָס האָט איצט, אין זוניקן פרילינגדיקן פריי־מאָרגן געשטראָמט איבער די טראָטואַרן. איבער זיין פּנים האָט זיך צע־לייגט אַ מיאוסער צעקרימטער שמייכל — איך האָב זיי שאָן גוט געגעבן — האָט ער אין זיין אייגנטימלעכן, צעבראָכענעם יידיש געזאָגט הויך אויפן קול און ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט — אָ, יאָ, יאָ, געוויס; אַ וואָרע הור; אַ זונה — האָט ער כמעט געשריגן.

אַ שרעקלעכער כעס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים. ניין, ער האָט נאָך נישט געדאַרפט אַוועקגיין — האָט ער ווי אַריינגעשריגן אין זיך, אין אַן אינעווייניקסטן פינצטערן תהום אַריין, וואָס וואָלט אים דוכט זיך פאַר־שלונגען, ווען ער זאָל נישט אַריינשרייען אין אים.

— איך האָב איר געדאַרפט אַרויסוואַרפן דאָס אָנטאָן דורכן פענצ־טער און דערנאָך אַרויסשליידערן זי ווי אַ הונט! — האָט ער געזאָגט קריצנדיק מיט די ציין און מיט אַ ווילדער פיינלעכער הנאה האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי קריכט איבער די טרעפּ אין אירע ראָזע רעטוזן, וואָס האָבן זי געמאַכט אַזוי קאָמיש, נישטיק און איינגעבויגן. יאָ און ער האָט געקאָנט רופן פאָליציי, וואָס זאָל זי שלעפּן אין צירקל צוזאַמען מיט זיי. — —

ער האָט זי געשלאָגן מיט שווערע, אכזריותדיקע קלעפּ — ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער האַלט זי מיט ביידע הענט פאַר די אַקסלען

און שלאָגט מיט איר קערפּער אָן דער וואַנט. און וואָס מער, וואָס בולטער ער האָט געהערט איר געוויין, אַט דאָס זעלביקע געוויין, וואָס איז אים נאָכגעקראָכן דורך דער צוגעהאַקטער טיר אויף די טרעפּ — אַלץ מער האָט זיך דערוועקט אין אים דאָס געפיל פון שנאה — דאָס איז דער געמיינסטער אויסוואורף אין דער וועלט! — האָט ער געשריגן, אַזעלכע ווי זי דאַרף מען אויסראָטן. יאָ, ווייל זי איז אַ קראַנקע גאַסנפרוי. ביי אַ נאָרמאַלער גאַסנפרוי וועט זיך אַזאַ זאַך נישט טרעפן — האָט ער געשריגן. דאָס איז אַ קראַנקהאַפטער אויסוואורף.

שפּעטער אַ ביסל איז ער מיד געוואָרן, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק אין אַ היגטערשטאָטישן פּאַרק, און מיט אַ גלייכגילטיקער, תמעוואַטער מינע נאָכגעקוקט די פאַרבייגייער. ס׳איז שוין געווען נאָכמיטאָג, אַ קליין מיידעלע איז אים צוגעקומען פרעגן וויפל דער זייגער. ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און לאַנג נאָכגעקוקט דאָס קינד מיט זיין גוּ־ווערנאַנטין. עס איז אַדורך אַ שעה און צוויי — אויף דער באַנק האָבן זיך די זיצנדיקע געטוישט: אַ מוטער אין אַ שוואַרץ־זיידענעם מאַנטל מיט אַ קינדער־וועגעלע אַרומגעהאַנגען מיט שפּיצן; צוויי דינסטן, אַ הויכע געשטופּלטע און אַ קליינע מיט אויסגעקרימטע פיס; טומלענדיקע נערוועישע קינדער האָבן געשריגן, זיך אַרומגעריסן, געשפּילט זיך און געוויינט — ווען זיי זענען אַלע אַוועק, האָט זיך אויפן עק באַנק אַוועקגעזעצט אַ הויכער מאַן אין אַ כאַקי־מאַנטל מיט אַן ערנסט בלאָנד, גייסטיק פּנים. אַ פריילין, נאָך ווינטערדיק אָנגעטאָן, האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום פאַנטאָפל און זיך לאַנג געפּאָרעטביים אָפּגעריסענעם לעצל.

— אפשר האָט דער הער אַ שפּילקע?

ער איז אַרויס פון גאָרטן און זיך געלאָזט אַהיים. ער האָט אויסגעמיטן אַ וואָגן און זיך פאַרנומען אין אַ געסל, כדי זיך אויפצוזעצן אויף אַ טראַמוויי. אָבער דער טראַמוויי איז אָנגעלאָפן הינטער אים נאָך פאַרן אָפּשטעל־אָרט. ער האָט גענומען לויפן האַסטיק, כדי אים צו דעריאָגן, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט: ס׳האָט אים עפּעס ווי אַ שפּאַר געטאָן און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ער איז אַוועק פון דער טראַמוויי־סטאַציע, אָפּגעגאַנגען אַ צען טריט און זיך אומגעקערט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע חברים אויף

דער דירה, און מיט פאַרקריצטע ציין האָט ער ווידער, ווי אין הוילע משוגעת, אָנגעהויבן לויפן הין און צוריק, וואַרטנדיק אויפן טראַמוויי. מיט אַ מאָד־נעם טונקעלן סאַדיזם האָט ער געטראַכט, זיך צו פאַרגנבענען, זיך אַריינ־שלייכן אין שטוב אַריין מיט אַ פלעטאייזן אָט פלוצלינג, ווען זיי וועלן זיך גאָרנישט ריכטן, אַרויפוואַרפן זיך אויף זיי און שלאָגן, שלאָגן.

דערנאָך, ווען ער איז שוין אַוועק פון דער סטאַציע — ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן — האָט ער, שוין אַ ביסל אַ מידער, גע־טראַכט, אַז אין די שלעכטע באַציונגען צווישן מענער איז שטענדיק שול־דיק די פרוי. די פרוי איז שולדיק אין דעם שלעכטן פון דעם מאַן. ער האָט דערפילט אַ שנאה צו פרויען, וואָס האָבן אים אין לעבן אָנגעטאָן נאָר יסורים. זיי זענען אַלע שלעכט, געמיין; פאַלש און פאַרדאָרבן; און ס'איז אַ פאַר־ברעך און אַ שטות צו פאַרבינדן מיט זיי איין שעה פון אונדזער לעבן — האָט ער געטראַכט. עליזאַ? זי איז אויך געווען שלעכט? אויך! — האָט ער געשריגן צו זיך אַליין אין אַ מין פיינלעכן צו להכעיס.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ וווּרשט־געשעפט, איבערגע־לייענט די פרייזן אין שויפענצטער, אויסגערעכנט אויף דעקאָס; ער איז געווען הונגעריק. אָבער די פיס האָבן אים אַליין אַוועקגעשלעפט, ווי ער וואָלט נישט געווען בכוח צו פאַרבינדן דאָס אַריינגיין קויפן — מיטן הונגער. ס'האָט אָנגעהויבן שפריצן אַ לייכטער רעגן. ס'איז טונקל גע־וואָרן, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעקומען צו אַ ראָג, האָט ער זיך פאַרנומען און אַוועק ווייטער פון דער שטאָט. ס'איז געוואָרן נאַכט. דער רעגן האָט זיך געזיפּט אַרום די הינטערשטאָטישע נידעריקע לאַמטערנעס; ערגעץ אין אַ נאָענט געסל האָט מען צוגעהאַקט די שטאַבעס אויף אַ געוועלב. לאַנגע שטעכעדיקע דראָטן פאַר ווייטע, וויסטע פלעצער, איינ־געבויגענע פלויטן פון געדיכטע הילצערנע שטאַכעטן. אַן אַלטע גויע איז געקראָכן פאַר די טריט. ער האָט זי געוואָלט אויסמיידן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. אויף דער אַנדערער זייט זענען געגאַנגען צוויי מענער מיט אַ פרוי ריידנדיק הויך אויפן קול.

ער האָט געקוקט אויף די באַלויכטענע נומערן און אָפּגעציילט פינף טויערן — נאָך פינף וועל איך מיך אומקערן — האָט ער געזאָגט צו זיך. אָבער ווען ער איז דורכגעגאַנגען נאָך פינף, האָט ער באַשלאָסן

אָפּצוצײלן נאָך צען. כ'וועל דורכגײן די פֿאַבריק — האָט ער דערנאָך געזאָגט, אָבער ווען ער איז פֿאַרבײגעגאַנגען דעם וויאָרסטן־לאַנגן פּינצ־טערן מויער, איז ער געוועזן אויף אַ פֿעלד און זיך פֿאַרצווײפֿלט אומגע־קוקט, עס האָט אים אַ כאַפּ געטון די מידקייט, די נישט אויסגעשלאָפֿנ־קייט און זײַן לאַנגער תּענית. ער האָט דורכגעשפּרײזט אַ ראָוו און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז.

ס'האָט זיך אים געחלומט — עס איז אַ יריד. ניין. אַ יום־טובֿ, אַ גרויסער פֿאָלקס־יום־טובֿ אין אַ גרויסער שטאָט, אין מינכען. אַ טומל. עס זשומעט אין די אויערן. גרויסע מאַסן זענען געקומען זען דעם פּויפּסט, וואָס איז געקומען קיין וויין. ער, בלױשטײן, איז אויך דאָ און אָט טראָגט מען דעם טראָן אונטער אַ חופּה. מען שטעלט זיך אָפּ. גאָט, ווי גליקלעך ער איז. מ'שטופּט אים דווקא אַרויס צום פֿראָנט, ער זאָל קאָנען אָנקוקן דעם פּויפּסט פּנים אל פּנים! ער בענטשט און טובלט דעם עולם, באַשפּריצט אים מיט הייליק וואַסער. אָבער גאָט, וויפֿל וואַסער!

אָבער מיט אַ מאָל דערזעט ער, אַז ער האָט גאָר אינגאַנצן אַ טעות געהאַט. ס'איז גאָרנישט דער פּויפּסט. ס'איז גאָר אַ בילד, אַ מאַדאָנע מיט העלע האָר און בלויע אויגן, ס'איז אַ מאַדאָנע פֿון פֿינפֿצענטן יאָרהונדערט. אַה, ער פֿאַרשטייט שוין, נישט אומזיסט פֿירט מען זיך אַזוי מיט איר. מ'האָט זי געבערענגט פֿון שפּאַניע! און אָט האָט זיך דער עולם אַ ריר געטאָן, וואָס פֿאַר אַ שטופּעניש. מען קאָן דאָך דערשטיקט ווערן, מ'וועט דאָך עמעצן צעטרעטן, אָט שרײַט מען טאַקע. אָבער דאָס איז דאָך האַלינעס געשריי. טו נאָר אַ קוק, מ'וועט זי צעטרעטן; אָבער ער קאָן זיך נישט צוקריגן צו איר. דער המון פֿאַרשטעלט אים דעם וועג. לאָזט מיך צו — שרײַט ער, אָבער קײנער קוקט זיך נישט אום אויף אים...

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אַרומגעקוקט זיך אין דער פּינצטער־ניש — ווו איז ער דאָ? אַך יאָ... אָבער דאָס געשריי — מען שרײַט דאָך טאַקע מיט אַ הילכיקן יאָמערדיקן קול:

— אוי יעזוס, ראַטעוועט! ראַטעוועט!...

ער האָט אָנגעטאַפּט דעם נאַסן הוט זײַנעם און זיך אויפֿגעשטעלט, ער האָט גענומען לויפֿן אַהין, פֿון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן דאָס גע־

שריי. ער איז אַריין אין אַ פינצטערן ווינקל און זיך אַנגעשלאָגן אָן אַ פּאַרקן. ס'איז געווען איינער פון יענע געשלעגן, וואָס חזרן זיך איבער אַזוי אָפט ביינאַכט אין די שטילע געהיימע, פאַרוואָרפענע געסלעך צווישן פאַרקאַנעס און פאַבריקן. עס האָט אַרויסגערופן אַ גרויל, אַזוי ווינט אַ פּרוי ווען זי ווערט געשלאָגן מיט האַרטע הילצערנע פויסטן גלייך אין פּנים אַריין, ווען זי ווערט געשליידערט אויף דער ערד און געטרעטן מיט די פיס. ס'איז געווען אַ ספּאַזמע און הילפס־רוף פּנים אל פּנים מיטן טויט.

— אוי יעזו! אוי יעזוס!

און פּלוצלינג האָט זיך בלוישטיין אַ ריס געטאָן. אַך, ער האָט באַקומען אַן אָנונג פון עפּעס, וואָס ער האָט אין איצטיקן צושטאַנד גאָר־נישט געקאָנט תופס זיין. וואָס איז דאָס דאָזיקע שרעקלעכע געשריי... מיט יענעם... מיט יענעם געוויין היינט אין דער פרי. אַ גאָט. אָט דאָס איז עס דאָך. ס'איז דאָך שרעקלעך! — האָט ער געמורמלט האַלב־אָפּגעריסענע זאַצן.

וויינענדיק אָן טרערן, מיט אַ הוילן קוויטשענדיקן אָטעם, האָט ער זיך געלאָזט צוריק. אַ ליכט האָט אים דורכגעדרונגען, אַ מין באַוווסטזיין און אַ שרעקלעכע מאַטערנדיקע חרטה. אָט איז ער אַרויס אין אַ באַלויכטן געסל, ער איז ווידער אַדורך די פאַבריק און געגאַנגען אין שטאָט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט. אַ שילד, וואָס איז געהאָנגען קווער איבערן טראָטואַר האָט געקרעכצט. דער ווינט האָט אַ יויש געטאָן מיט אַ וואָלקן איבערן הימל און איבער אַ הויכן קוימען האָט זיך צעפינקלט אַ גרויסער שטערן. פון דער ווייטנס האָט אַ פייף פון אַ צוג אָפּגעהילכט אין דער ליידיקייט, אַן אויטאָמאָביל האָט אַ ריטש געטאָן.

ער האָט זיך אין גאַנצן נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנונג. ער איז געגאַנגען אין שטוב און געמיינט, אַז מאָרגן, פאַרנאַכט צייט, וועט זי ווי־דער קומען צו אים ווי קיינמאָל גאָרנישט. איבערבעטן זי! פאַלן צו די פיס! — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — פייניקן זיך און שטיין פאַר איר ווי אַ הונט.

— דיזעס אָרעמעס, אומגליקלעכעס קינד — האָט ער געשריגן.

מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געשלעפּט צוריק ווי אַ שיכור. זיך אָפּגעשטעלט בלויז ביי די ראָגן, ווייל ער האָט אין דער ערשטער מינוט

נישט געוווסט ווו מ׳גייט אין דעם דאַזיקן אומבאַקאַנטן קוואַרטאַל. ער־געץ פאַר אַ טויער איז געשטאַנען אַן אויטאָ און געריטשעט, מ׳זאָל אים עפענען און אַריינלאָזן. אַן איינזאַמער איינגעבויגענער מענטש האָט זיך געשלעפט ביי די ווענט, עטלעכע לייט מיט צעדרייטע קאַפּעליושן אין אַ דראָזשקע האָבן צוגעהאַלטן עמעצן, וואָס האָט זיך כסדר געריסן אַראָפּ־צושפּרינגען. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי זיך אין טויער.

— וואָס איז געשען, פאַניע! — האָט אים נאָכגעיאָגט דער סטרוזש מיט אַ שלאָפעדיק גראָב קול.

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער אויפגעשלאָסן מיט זיין אייגע־נעם שליסל די טיר. ער איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק און אַ דומפּע פינצ־טערניש האָט אים אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן, זיך געוויקלט אַרום די פיס און געקראָכן אויף די הענט. ער האָט גענומען גיין איבערן שטוב און זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צעבראָכענער שטול. פּלוצלינג האָט ער דער־הערט ווי ער חזרט שוין אַ שטיק צייט פון גאַס אָן: — ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכטס! ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכטס — און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט.

אַז ס׳האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, איז די אַלטע, וואָס האָט נישט געקאָנט שלאָפן צוליב אומפּלייט, אַסטמאַ און זקנה, אויפגעשטאַנען און קרעכצנדיק אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער די צימערן.

— אוי!.. אוי... אוי... אַ קוק טאָן צי זיי זענען דאָ — האָט זי גע־רעדט צו זיך אַליין און אויפגעעפנט די טיר.

★

בלוישטיין איז געזעסן אין מאַנטל, אין הוט, און אין גאַנצן אַראָפּ־געבויגן צום דיל האָט ער פאַר דער שיין פון פאַרוואָלקנטן פאַרטאָג גע־דרייט די שטיקלעך צעריסענע לייוונט אַהין און אַהער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטער און צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. און מיט אַ מאָל האָט ער ווי אויפגעשווידערט: האַלינעס פנים איבערגעריסן פון איין באַק ביז דער אַנדערער איבערן מויל, האָט זיך אים אַ דריי געטאָן פאַר די אויגן. איר בליק האָט אים רויק, מיט אַ טיפער פאַרגעבונג און פול מיט יסורים אָנגעקוקט. פון וואַנען נעמען זיך אין אירע אויגן אַזוי

פיל יסורים! ס׳איז געװען דאָס ערשטע בילד, דאָס פּשוטע. ער האָט עס פּאַמעלעך אַװעקגעלײגט אויף דער פּאָדלאָגע און אַראָפּבויגנדיק זיך טיף צו דער ערד, האָט ער זיך צעכליפּעט מיט טרערן, װי דערלײכטערט, װי ער װאָלט אויפגעאָטעמט, דאָס ערשטע מאָל אפשר, זינט ער איז דער־װאַקסן, זיך צעװײנט:

— װאָס האָב איך געטאָן! װאָס האָב איך געטאָן!

עסייען

אין די שבעה־טעג נאָך יהואשן

ווי אַ שער־בלאַט פון אַן אַלטן הייליקן ספר פלעגט מיר אייביק אויסזען אַט דער ביבלישער נאָמען, וואָס אונטער אים האָט יהואש אָפּגע־לעבט זיין פרום אַרבעטזאַם לעבן. אַ לאַנגן וועג האָט ער דורכגעמאַכט פון זיין „מזמור לשבת" ביז דעם פילאָזאָפישן מעטאַל, וואָס ער פלעגט שמעלצן אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק. דער סוף פון וועג האָט זיך אָבער מיט זיין אָנהייב קיינמאָל נישט געשיידט; די איבערזעצונג פון די „פרקי אבות" האָבן אים אויפגענומען אין מיטן, דער חומש — צום סוף פון זיינע טעג. עס איז דאָס אמת דיכטערישע געמיט, פאַר וועלכן די וועלט איז קורץ ווי אַ סדום־בעטל, און וואָס ציט די זעגלען צו זיך אַוועק אין די ווייטע מקומות פון געדאַנק. אָבער ווען יהואש איז אויף אַ ווײַלע געווען דאָ אויף דער ערד, האָט ער מיט ליבע און מיט נחת ביז אָנמאַכט באַזונגען פעלד, וואָלקן, טייכן; ער האָט באַזונגען וועלדער, פעלדזן, ביימער און בלומען. פאַר אים האָט די נאַטור געלעבט מיט אַ מענטשלעך לעבן, ווייל אין איר מהות איז שווער אַריינדרינגען מיטן שכל. ער האָט דערשפּירט די נשמה פון בוים, וואָס אין דער געהיימעניש פון זיין לעבן האָט יהואש געזען עפּעס טראַגישעס. ער זעט די בלום, ווי זי וויגט איר קאָפּ פון אַנטציקונג און, ווי אין אַ מיס־טעריע, טריפט דער הימל אַ טראָפּן, אין איר כוס אַריין, עפּעס איז געווען כּאַאָטישעס אין דעם מערקווירדיקן דיכטער, נישט באַשטימטעס און אין פלוג — אַן פּנימדיקס, אָבער דאָס איז געווען די וועלט, וואָס איז אין אים אין אַלע אירע דימענסיעס פאַרברייטערט געוואָרן ביז דער אומענדלעכקייט, און נאָר בלויז אַזוי־אַרום קאָן מען אויפקלערן דעם מהות פון יהואשן.

עס איז געווען אַ פאַנטעאיזם פון אַ דיכטער, טרוימער, דענקער מיט די אַלע גרונט־יסודות, וואָס זענען נישט געווען פאַראייניקט, אָבער צו גרויס פאַר אַ מענטשלעך האַרץ, פאַר אַ קראַנק מענטשלעך האַרץ. יהואש

האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט מיט דער וועלט ווי אין דעם ערשטן האָניק־חודש, ווען דער פאַרליבטער רעדט אַרויס זיינע געפילן אין קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער, שמייכלענדיק מיט אַנטציקונג און מיט טיפן גליקלעכן ווייטיק פון נאָך נישט געזעטיקטן דורשט. יהואש איז געווען דער פאַרליבטער. דורכגעדרונגען פון ליכט, איז ער געגאַנגען איבער דער פּאָעזיע מיט דער דערפאַרונג פון אַ זקן און מיט דער תמימות פון אַ קינד. ווען זיין קאָפּ האָט באַשאַפן פּאָעטישע פאָרמולן צו פילאָזאָפישע געדאַנקען, האָבן זיינע אויגן געגלאַנצט מיט דער שטילער ליכט פון באַ־לאַדעס. דער ריכטיקסטער יורש פון די לאַנגע דורות חכמים, וואָס זייער ווערק האָט ער אָן אויפהער געטראָגן אין יידיש, איז ער געווען, יהואש. נישטאָ קיין נאָענטערער צו פּרצן, דער וואָס האָט געבענקט צום אייביקן יום־טוב — ווי יהואש, וואָס זיין ערשט געזאַנג איז געווען אַ געזאַנג צום שבת. און אויב ס'איז פאַראַן עטוואָס, וואָס שיידט זיי אין זייער מהות פאַנאַנדער, איז דאָס וואָס יהואש איז געווען ווייניקער קאַפּריזנע פון פּרצן, וואָס האָט מיט זיין אייגענער נאַטור געפירט אַ שטענדיקן ברוגז. — יהואש איז געווען אַ סינטעטיקער לויטן געפיל. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיינע חושים, וואָס האָבן ווי די טייכן — וועלכע ער האָט ליב געהאַט — אויס־געגלייכט אַלע קאַרבן פון זייערע פילאָזאָפישע האַרבקייטן. ער איז געווען דער גליקלעכער בלינדער, דער פאַרליבטער... ער האָט זיך מיט דער וועלט נאָך נישט געזעטיקט, ער האָט איצט געהאַלטן אין מיטן. עס טוט זייער וויי וואָס מיר האָבן אים פאַרלוירן.

פּאָעזיע און פּראָזע

אַזוי נאַטירלעך זעט אויס די דערשיינונג, וואָס מען לייענט נישט קײַן פּאָעזיע. איז ביים אויפוועקן אָט דעם פּראָבלעם וואָלט מען, דאַכט זיך, געדאַרפט בעטן ביים לעזער אַנטשולדיקונג. די ביכלעך, אין קורצע און לענגערע שורות שטייען פּאַריתומט אויף די פּאָליצעס. אַרויסגעבן אַ ביכל פּערזן איז פּאַר אַ פּאַרלעגער אַן אמתער מסירת־נפש. די פּאָעטן גייען אַרום אין דער ליטעראַטור מיט אַן אויסדרוק פון איינעם אַן אביון, וואָס דאָס ווייב גייט אים שוין דאָס זיבעטע מאָל צו קינד. מען איז מקנא די פּראָזאַיקער און מען מאַכט זיי נאָך. מען האָט אָנגעהויבן שרייבן אַזאַ מין פּראָזע אין פּאָעזיע, וואָס זאָל מפייס זיין דעם עולם פּאַר די עטלעכע יאָר־הונדערטער שטיפּערייען מיט „הויכע רייד", סענטימענטן, די מעשה־נערות פון דער פּאָעזיע. פון יאוש האָט מען צוזאַמען מיטן עולם אָנגעהויבן חוזקן פון זיך גופא, ווי אַ קינד וואָס לאַכט מיט פון זיינע אייגענע נאַרישקייטן.

איך בין קוים גענייגט צו גלייבן אין די רעזולטאַטן, וואָס עס ברענגט אַרויס דער יאוש. איך בין זייער מסופק צי דער ווירקלעכער פּאָעט, וואָס פילט אַן אינערלעכן דראַנג אויסצודריקן זיינע שטימונגען אין פּערזן, זאָל זיך קאָנען משדך זיין מיט דער הייַנטיקער פּראָזע.

פּראָזע און פּאָעזיע — דוכט זיך ביידע פירן צו איין ציל, דאָך איז פּראָזע דער ברייטער שטראָם, וווהין דער שמאָלער שטראָם פון דער פּאָעזיע טאָר קיינמאָל נישט אַריינפאַלן. דער ציל פון דער פּראָזע איז די פּאָעזיע. דער ציל פון דער פּאָעזיע איז זי אַליין. די גאַנצע דערציילונג פון „בראשית ברא" פירט צו „אָז ישיר", און נאָך אַדאַנק אָט דעם עקסטאַטישן געזאַנג האָט דער ביבלישער דיכטער פאַרמאָגט אָט די עפּישע, מיט אַן אינערלעכע ליכט אויסגעפילטע שטימונג. פון דעם גאַנצן ספור ביז סיסרא איז ער אויסן

דבורהס געזאַנג, וועלכע האָט, אגב, אויפגעהאַלטן דעם זכר פון דער דאָ־זיקער לעגענדע ביז דער צייט, ווען זי האָט געקאָנט פאַרשריבן ווערן. הונדערטער בלעטער פון האַמסונען פירן צו אָט דעם געפיל־ווירבל, וואָס טראָגט אויף דאָס האַרץ און וואָס גיט זיין דערציילונג אַזאַ לירישע שטי־מונג. די פּראָזע שטרעבט צו אָט דעם מאָמענט — מעגן מיר אים אָנרופן מיט פאַרשידענע נעמען; מעג עס זיין דער הויפט־מאָמענט פון אַן אידיליע, פון אַ טראַגעדיע; אפילו דערפירן אַ סיטואַציע אָדער אַ פּערזאָן צום העכסטן פּונקט פון לעכערלעכקייט, הייסט נאָר שטרעבן צו אָט דעם ציל. איך שטעל מיר קוים פאָר אַ שרייבער, וואָס זאָל זיך זעצן צום טיש, איידער ער האָט נישט דעם דיכטערישן ציל. און אָט דער ציל איז דער אויסדרוק פון טיפס־טער אינטימקייט, דער אָריגינעלער אויסדרוק פון דער פּערזענלעכקייט, — אָט דאָס וואָס מיר רופן אַן פּאָעזיע. די פּאָעזיע אָבער, ווען זי פאַלט אַריין אין פּראָזע, באַשטימט עס איר דעגראַדאַציע. אין דער באַרג־לופט ווו עס אָטעמען פּערזן קאָן קיינמאָל נישט געשאַפן ווערן קיין פּראָזאַיש ווערק. אין דער דערציילונג זענען נייטיק אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס זענען פאַרן ליד אַ חסרון. אַ דערציילער ווען ער איז נישט רויק און כאַפּט דאָס ערשטע פאַרן צווייטן איז נישט קיין גוטער דערציילער. דער פּאָעט קאָן רעדן מיט אויסגעשרייען, מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן און זיך איבערחזרן אין פאַרשידענע וואַריאַציעס. דער פּראָזאַיקער רעדט מיט אַ טאָן פון „עס איז געווען", דער פּאָעט — „עס איז". דער ערשטער — פון אים, פון דער דריטער פּערזאָן, וועגן וועלכן מען קאָן מער גלייכגילטיק דערציילן, דער צווייטער — פון זיך, און אפילו ווען דער פּאָעט רעדט וועגן אַנדערע איז עס אויך מיט דער געוויסער סוביעקטיווקייט, ווי למשל, משה קולבאַק רעדט וועגן די „זיבעצן פּעטערס אין רייסן".

קורץ, דער מהות פון אַ ליד באַשטייט נישט אין דער איינהייט־לעכקייט פון זיין פאַבולע, נישט אין דעם שטאָף־אויסוויל און בכלל נישט אין קיין שום אויסערלעכע סימנים, נאָר אין זיין שטימונג, וואָס אַנטוויקלט זיך און שטייגערט אויף אַ ספּאָנטאַנישן אופן. די פּאָעזיע און די פּראָזע קומען פון צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען; די פּאָעזיע גייט זיך אייביק איר וועג, בעת פאַר דער פּראָזע זענען אָפן אַלע מעגלעכקייטן אַריינצונעמען אַלערליי עלעמענטן, אפילו אַ פּאָליטישן טראַקטאַט אין מיטן אַ נאַטור־שיל־

דערונג. די פּאָעזיע לעבט־אָפּ אין אַ קורצן אויגנבליק. איר לעבן איז די האַסטיקייט, וואָס איבערעררייסן זי — הייסט זי טויטן. זי שטיצט זיך אויף דער אַנאַרמאַלקייט, אויף נישט געוויינלעכע מאָמענטן פון שכרות, בעת זי ווערט געשאַפן און פאַרשטאַנען. זי פאַרשווינדט פון דעם ערשטן קאַלטן טראָפּן, וואָס זי דערפילט, סיי ביים שאַפן זי און סיי ביים לייענען. איר מקור איז די סטיכיע, וואָס האָט זי געבוירן ביים ערשטן טאַנץ פון דעם אור־מענטשן. ווען ער האָט אַרויסגערעדט די ערשטע זילבן, זענען עס אפשר געווען זילבן פון געזאַנג. זי טויכט ווידער אַרויס נישט ווי אַ קולטור־דערשיינונג, נאָר ווי אַן אָפּגעלעבטע סטיכיע. זי איז נישט די אַבסערוואַציע פון לעבן, נאָר איר היסטעריע. אַלס אַ נאַטור־אויסדרוק איז זי נישט גענייגט קיין סך צו ענדערן אירע פאָרמען און אפשר, אויך אירע מאָטיוון, וואָס קאָנען נישט ווערן באַנאַל, ווי דאָס קלאַפּן פון האַרץ. בעת צעזאָרס „וועגן דער געטער מלחמה" איז אַ מיטל צו מאַטערן די גימנאַזיע־שילער, קאָנען נאָך די „מתים־לידער" און דער תהילים נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין עמעצנס לעבן. די אַסיריש־באַבילאָנישע שילדערונג פון מבול פילט נאָך היינט אָן דאָס גע־מיט מיט דער שרעק פון דער גרויסער פאַריתומטקייט פון מענטש, וואָס זוכט טרייסט ביי די געטער. די פּאָעזיע איז די אור־קראַפט פונעם מענטש, דער באַווייז, אַז ער איז נאָך נישט אַלט געוואָרן, אַז ער קאָן נאָך איבער־לעבן אָט דעם באַגייסטערטן מאָמענט, בעת אַזאַ מאָמענט איז גלייכצייטיק אַ דערקענטעניש אויך די דויערנדיקע פרייד.

די פּאָעזיע קאָן זיין די דערקענטעניש פון פרייד. עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע רעליגיעזע דערקענטענישן, ווי בעתן עקסטאַז. מען מוז זיך אַ מאָל אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דעם כוח, וואָס עפנט פּלוצלינג אויף די אויגן צו זען און אַריינדרינגען אין זאַכן, אין וועלכע דער פאַרשטאַנד איז אין געוויינלעכע מאָמענטן נישט מסוגל אַריינצודרינגען. אָט די רגע, ווען עס רופן זיך אָפּ די אור־כוחות, די גערירשנטע אַטאַוויסטישע איבערלעבונ־גען, געוויינהייטן און וויזיעס, לכל הפחות דאָס, וואָס מען האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין משך פון אַ דריי־פיר יאָר־צענדליק לעבן אויף דער וועלט. דאָס קאָן מען אויף אַ באַוווסטזיניקן אופן נישט דערגרייכן. פּאָעזיע איז נישט די מרה־שחורה פון לעבן, נאָר איר פרייד. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז עס זענען פאַראַן מרה־שחורהדיקע פּאָעטן. עס איז פאַראַן די טראַ־

געדיע וואָס איז אויך די פרייד פון שטאַרקע כוחות פון איבערקומען אָדער אפילו אומקומען אין יסורים, און עס איז פאַראַן דער אומעט, וואָס איז די זיסע טרייסט פון מיד געוואָרענע גייסטער. שוין דער גענוס פון קונסט, מעג עס זיין די טראַגעדיע, איז פונקט דער היפוך פון ווירקלעכער מרה־שחורה. מרה־שחורה קאָן מען געפינען נאָר דאַן, ווען מען באַהאַנדלט דעם אינהאַלט דורך דעם נשמהלאָזן מיקראָסקאָפּ פון אַ וויסנשאַפטמאַן, וואָס האָט אין דעם כעמישן וואַסער פון זיין לאַבאָ־ראַטאָריע פאַרלוירן זיינע נאַטירלעכע חושים. געניסן אַ ווערק הייסט: זיך אָנשטעקן מיטן וויטיקלעכן תענוג פון שאַפן. דאָס באַקומט מען אַרויס נישט דורך אַנאַליז, נאָר דורך סינטעז. אמתע מרה־שחורה איז פאַראַן דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין עמאָציעס, מעג עס זיין אפילו הומאָר.

דער גרעסטער מענטשלעכער אומגליק קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין תענוג, בעת ער ווערט דורכגעלויכטן מיט די איקס־שטראַלן פון דער דיכ־טונג, וואָס פירט צוריק דעם פיין צו יענעם איינאַונאיינציקן מקור, פון וואַנען עס שטאַמען סיי די שמחה און סיי דער טרויער. אין יעדער אמתער טראַגעדיע, מעג זי זיין אפילו פאַרצווייפלט ביז משוגעת, איז פאַרבאָרגן אויך די טרייסט. די אָנגערעגטקייט, די טיפע געריערטקייט פון האַרצן בעת אַן אומגליק, לייזט אויס דעם מענטשן און שיידט אים אָפּ פון טויט. די אַקטיוויקייט פון דער איבערלעבונג, וואָס געפינט זיך אין סלאָוואַצקיס „פּאַטער פון די פּאַרדזשור־מעטע" באַלויכט די יסורים מיט אַזאַ געהיימנישפולן ליכט, וואָס רעהאַביליר־טירט די השגחה פאַר דער האָפענונגסלאָזיקייט פונעם מענטשן. עס איז דאָס ליכט פון דיכטונג. טרויעריקע און פריילעכע דיכטונג איז פאַראַן נאָר דעמאָלט, ווען מען וויל זיי באַצייכענען דעפיניטיוו לויט די טעמעס, אָבער אין דער אמתן איז יעדע דיכטונג פרייד. דאָס, וואָס העל־דישע טויטן, טויטן פון מסירת־נפש, פאַרגרעסערן נישט די מורא פאַרן טויט, נאָר, פאַרקערט, פאַרמערן נאָך די צאָל פון די, וואָס גייען צו אים מיט געזאַנג — באַשטעטיקט אונדזער מיינונג. עס איז דער העכערער זין פון יסורים, וואָס עס דערשפירן מוטיקע, איידעלע, עמפּפינדלעכע הערצער, עס איז די פרייד פון זיך מקריב זיין, אַ נאַטירלעכער אינסטינקט ביי יעדער בריאה, און וואָס ווערט אַרויסגערופן צום לעבן דורך דער קונסט, וואָס האָט די אויפגאַבע צו וועקן דאָס נאַטירלעכע איגנעם

מענטשן, און איז אַ העכערע דערקענטעניש. דערמיט, אגב, איז די דיכטונג אַזוי ענג פֿאַרבונדן מיט רעוואָלוציעס, וועלכע קאָן נאָר דורך איר גרינט־לעך באַגריפֿן ווערן.

עס איז נישט די דערקענטעניש פֿונעם שכל הישר, עס איז די דער־קענטעניש פֿון די חושים. די אינטויציע, אייגנטלעך דאָס, וואָס מיר רופֿן אַן טאַלענט, דריקט אויס די אייגנשאַפֿטן פֿון די חושים. ווילן מיר מעסטן די עכטקייט פֿון אַ ליד, אפֿילו פֿון אַ פּערז, מוזן מיר זיך שאַפֿן אַן אופֿן, ווי צו קאָנטראָלירן, אויף וויפֿל עס זענען דאָ געקומען צום אויסדרוק די חושים. די בעסטע קריטיק איז די, וואָס קאָן אונטערשיידן אמתן איבער־געלעבטן וואָנזין ביז סימולירטן. אמתע דיכטונג איז וואָנזין אויף אַ קלאָ־רער שפּראַך. איר באַטייט שטייגט אויף וויפֿל אָט דער וואָנזין און די קלאָרקייט פֿון דער שפּראַך גייען אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען. דאָס אמתע ליד רעאַגירט אַלע מאָל אויף אַן אינערלעכער אָדער אויסערלעכער גע־שעעניש אויף אַן אומדערוואַרטעטן אָריגינעלן שטייגער. יעדער אויסדרוק פֿונעם געמיטס־צושטאַנד איז אַזוי פֿיל אָריגינעל און ווערטפֿול, אויף וויפֿל עס איז דעם דיכטער געלונגען איבערצוגעבן דעם ריינעם אינערלעכן גע־פֿיל, ווי ער רופֿט זיך אָפּ אויפֿן לעבן, אָן וועלכן ס׳איז צומיש פֿון דעם געדאַנק, וואָס איז באַגרענעצט נישט צו דער עקספּאַנסיע פֿון לעבן, נאָר צו זיין מעסיקייט.

דעם דיכטערס גייסט, וואָס רייסט זיך איין מיטן שכל און מיטן קאַלטן פֿאַרשטאַנד און פֿאַר די אויגן פֿון אַלע מענטשן פֿירט ער די מלחמה צו זיין אייגענער מפּלה — שטרעבט צו יענער הויכקייט, ווו עס קומען זיך צוזאַמען די דיכטונג און די לאָגיק. דער שאַרפֿזיניקסטער געדאַנק וועט דיר נישט אויפֿקלערן אפֿילו „אַזאַ קלייניקייט”, ווי די ליבע פֿון אַ מוטער צו איר קינד. די זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט פֿון דער וועלט זענען פֿון דעם דיכטער אָפּגעפֿרעגט און פֿאַרלייקנט. דורך זיין פֿאַרגרעסערן די פּאָטענץ פֿון פֿאַרשידענע לעבנסדערשיינונגען, מאַכט ער דעם מענטשן פֿעיק זיך צו וווּנדערן. ער וועקט אויף דעם פּרימיטיוו, וואָס בונטעוועט קעגן די פֿאַרקריפּלטע געזעצן אינעם לעבן, ער באַנייט די וועלט דורך זיין אַפּאָטעאָז. זיין שפּראַך איז די שפּראַך פֿון אינסטינקטן. אַ פּאָעט אַ קאַליקע איז דער, וואָס זיינע אינסטינקטן האָבן זיך געבויגן צום פֿאַרשטאַנד. אַ דיכטער קאָן

נישט זיין לאָגיש אָדער אומלאָגיש, ער קאָן זיין עכט אָדער נישט. און בלי־ספק איז ער אויך לאָגיש. ס'איז די לאָגיק, וואָס מען איז מודה אַפּאָסטעריאָרי, לאחר מעשה, אַמאָל, אפילו אין הונדערטער יאָרן אַרום.

אַ ביטערע איראָניע שטעקט אין דעם, וואָס דווקא איצט, ווען עס זענען איבערגעריסן אַלע פּענטעס, וואָס האָבן געבונדן דאָס לעבן און מען גיט אַזויפיל נאָך די אינסטינקטן, זענען די אינסטינקטן טויט געוואָרן. אין דעם, וואָס די פּאָעזיע ווייזט אַרויס אַ טענדענץ צו גיין כסדר אין דער ריכטונג פון ראַציאָנאַליזם, האָב איך בשום אופן נישט בדעה צו באַשולדיקן אונדזערע דיכטער, שולדיק איז דאָס לעבן. איך וויל נאָר זאָגן, אַז דאָס, וואָס די דיכטער וואַרפן זיך אונטער אָן טענות און מענות אָט דעם פאַקט, באַטייט עס פון זיי די פאַרלייקענונג פון זיך אַליין, אַזוי גוט ווי אַ טויט־אורטייל. דער ראַציאָנאַליזם שליסט אין גאַנצן אויס די פּאָעזיע און ער לייקנט זי אָפּ. זיין ציל איז אַ קוציזכטיק־אוטיליטאַריסטישער, וואָס האַלט יעדער עקספּאַנסיע פאַר אַ קרענקלעכער דערשיינונג. די דיכטער, וואָס אָנערקענען אַזאַ מין ראַציאָנאַליזם, ווען זיי וואָלטן זיין קאָנסעקווענט, וואָלטן קודם־כל געדאַרפט אויפהערן צו שרייבן (און אפשר איז דאָס די סיבה, וואָס אַזוי פיל דיכטער ווערן פלוצלינג פאַרשוויגן), ווייל סיי־ווי־סיי האָט זייער אַרבעט, אין וועלכער זיי קאָנען נישט גלייבן, קיין האַפט נישט. אויב זיי זענען נישט געבענטשט מיט אַ באַזונדערן געוועב, וואָס זאָל מציל זיין זייערע חושים פון דער אַטראָפיע פון אונדזער עפּאָכע, זענען זיי ביכולת צו געבן סוראָגאַטן אַנשטאָט אמתע עמאָציעס. דאָס זענען סימולירטע איבערלעבונגען, זייער סימן איז — די געוואַגטקייט און דערפינדערישקייט בנוגע דער פאָרעם און די פּחדנות פון זייערע קינסטלערישע אידעען. זייער אַרבעט באַשטייט אינעם כסדרדיקן אויסזוכן נייע פאָרמולן צו זאַכן, וואָס זענען שוין לאַנג באַנאַל געוואָרן, געפילן אָרעמע, אַלגעמיינע. זיי הייבן זיך נישט אַרויס פון דער פּרימיטיווקייט, וועלכע זעט די מענטשלעכע נאַטור, ווי די אַמאָליקע נאַטור־פאָרשער, וואָס האָבן צעטיילט די וועלט אויף פיר יסודות. די געוואַגטקייט אין דער פאָרעם גייט אייביק אויפן חשבון פון די עמאָציעס, וועלכע זוכן דאָך שטענדיק דעם קורצן וועג. זייער ספּאָרט איז צו פאַרבן אויסגעבלאָזענע אייער. אַוועקוואַרפנדיק דעם סטימול פון דער דיכטונג, האָבן זייערע מעטאַפאָרן באַקומען

אַ פּנים, ווי די אַמאָליקע משלים פון מוסר פאַר ווייבער.

ס׳איז פּשוט אַ קוריאָז, וואָס די נאָכגעיאָגטע פאָרעם האָלט אין איין אַנטלויפן, ביז זי האָט זיך שוין באַלד אין גאַנצן אַרויסגעגליטשט פון די הענט. עפּעס אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן האָט מען זיך איינגע־רעדט, אַז אָט די ליידיקע משלים און מעטאַפאָרן, די „בילדער״ פון גאָד־נישט, זענען כולו־אינהאַלט, און מען איז גרייט דעריבער אָפּצושאָקלען זיך פון יעדן מין געזעץ, וואָס הערשט אין דער פּאָעזיע פון טויזנטער יאָרן אָן. מען פאַרוואַרפט, אין בעסטן פאַל פאַרנאַכלעסיקט מען, דעם פערז. וואָס איז דער עיקר־מיטל אויסצודריקן אַ געזאַנג, דעם פערז, וואָס איז טאַקע דער סימן פון אַן אויפגערעגטן געמיט, וועלכער רעדט מיט אָפּ־געהאַקטע זאַצן, — און מען האָט אים פאַרביטן מיט דעם געוויינלעכן פּראָ־זאַישן גוט־קולטיווירטן זאַץ מיט די פאַרשידענע נעבן־זאַצן, אָרט און באַ־דינג־זאַצן: אַן אופן, וואָס איז דורכאויס דערווידער יעדן פאָלקס־סטיל, בפרט דער פּאָעזיע, וואָס מוז זיין איינפאַך ווי אַ געשריי, כאָטש זי קאָן זיין גלייכצייטיק ראַפינירט און אַזוי קאָמפּליצירט ווי אונדזער נערוון־סיסטעם. אַזאַ פּאָעזיע אין פּראָזע, וואָס ווערט אויף אַ צופעליקן אופן מיט אַ שערל צעשניטן אויף לענגערע און קורצערע שורות, איז אפילו קיין שלעכטע סקיצע אויך נישט. עס איז ערגער פון אַ סקיצע דערפאַר, וואָס דאָס אַלץ, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעלאָזן, כדי עס זאָל פאַרט זיין פּאָעזיע, דער ריטעם, למשל, און די „בילדער״, פאַרלייכטערן נישט דאָס לייענען, נאָר פאַרקערט, לייגן שטיינער אויפן וועג. עס איז די כראָניק, וואָס דער פאַר־צייטיקער רעפּאָרטער האָט געבראַנגט צוטראָגן אין דער רעדאַקציע, צו־זאַמענגעמישט מיט מליצה. יענע כראָניק האָט מער ווי די היינטיקע פּאָעזיע דערגרייכט איר ציל: אַרויסקוועטשן טרערן ביי רחמנים בני רחמנים. וואָרעם לאָמיר זיך נישט איינרעדן, אַז אָט דער גאַנצער באַלאַסט פון בילדער און שפּראַך־קאָמבינאַציעס, וואָס מען רופט געוויינלעך אָן „פּלאַס־טיק״, העלפט אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון אַן איבערגעלעבטער שטי־מונג. אַנוואַרפנדיק זיך כסדר מיט נייע סובסטאַנטיוון, פירט אָט די איצטיקע דיכטונג דעם לייענער אַריין אין אַ קרייז פון אַלץ פרישע, אָפּטמאָל גאַנץ־צופעליקע אַסאָסיאַציעס, וועלכע ציען אים אָפּ פון דער טעמע און מאַטערן אים אויס. די מעלה פון פּלאַסטיק ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חסרון, וואָס

פאַרגרעסערט זיך כסדר מיט דער מאָס פון זיין איבערפלוס.

פונקט דער אייגענער פּראָצעס קומט פאָר ביים שאַפן. די אומאויפ־הערלעכע זוכעניש פון בילדער טעמפט אָפּ די פעיקייט פון עמפינדונגען, וואָס איז דאָך דער עיקר ביים שאַפן. און דאָס, וואָס אַזאַ פּאָעזיע האָט נישט קיין שום רעזאָנאַנס, איז אַ סימן, אַז דער אַלטער כלל פון „דברים היוצאים מן הלב..." האָט נאָך נישט פאַרלוירן זיין ווערט.

די פּאָעזיע איז דער כוח פון עמפינדונג, וואָס קומט דורך קפיצת־הדרך אַהין, וווהין מען דאַרף גאַנצע יאָרן (יאָרהונדערטער!) גיין מיט עקספּעדיציעס. די וויסנשאַפט, וואָס קומט צו באַפעסטיקן זיך, געפינט די שפּורן, וואָס זי, די פּאָעזיע, האָט געלאָזן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. די פּאָעזיע ווייזט בלויז דעם וועג, און האָט אַ ווידערווילן צו דאָס דער־גרייכטע. זי טאָר נישט זיין מאָנאָטאָן אַזוי לאַנג ווי זי איז נישט מאַניע, נאָר נביאות, ווי אַ פויגל, וואָס זאָגט אָן אַ שטורעם אין די בערג. דעם גאַנצן אומענדלעכן באַרג־אַרויף־וועג פון פאָלקס־ליד ביז שיר היחוד מאַכט זי דורך אויף דעם שמאָלן שטעג פון אינטימקייט, אויף וועלכן ס'איז לחלוטין נישט דער שטייגער צו פאָרן מיט דער סאָפּענדיקער שווערקייט און מיט דעם פייפערייַ פון אַ לאָקאָמאָביל. איך גלייב נישט, אַז אינטימע זאַכן זאָל מען ווענלן אַרויסברענגען אין אַ האָמעטנער פאָרעם. אַז אַ דיכטער זאָל ווירקלעך אויף אַ סוביעקטיוון אינטענסיוון אופן איבערלעבן די פאַראַכ־טונג פון אַ מענטשן, וואָס גיט אַ שפּיי, וועט ער בשום אופן נישט שילדערן (בפרט אין פערזן!), אַז „די זון האָט דורכגעלויכטן דעם רעגנבויגן פון אַ שפּיי". דאָס קאָן קיין דיכטער נישט זען. פאַרן זינגער איז דאָס אַ ליגן. כדי אויסצודריקן אינטימע אַפעקטן, מוז מען אויסוויילן אַ וואָס לייכטערע שפּראַך. דאָס בילד איז נישט באַשאַפן פאַרן פּאָעט, כדי צו מאַכן שווערער זיין געדאַנק, נאָר — לייכטער. עס איז דאָס מיטל, וואָס קומט ספּאָנטאַן דורך אַסאָסיאַציע פון דער איבערגעלעבטער שטימונג און האָט די אויפ־גאַבע דעם לייענער דורך דער זעלבער אַסאָסיאַציע צוריקפירן צו איר. דאָס, וואָס מיר פילן אַ מידקייט ביים לייענען (און אָפט באַלד ביים אָנהייב), איז אַ סימן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מיסברויך אָדער אַ פאַלסי־פיקאַט. מען האָט פאַרראַטן דעם אימפּולס און זיך איבערגעגעבן דעם רעיון, וואָס זאָל מיט דער הילף פון המצאות געפינען פאַרגלייכענישן.

דאָס בילד איז די פאָרעם פון עקסטאַז, וואָס רעדט מיט גוזמאות, נאָר אין זייער דערהויבענע מאָמענטן באַלויכט דער אָנגעצונדענער געפיל אַנדערע קעגנשטאַנדן, וועלכע ער פילט אַלס קרובים פון זיינע עמאָציעס. עס קומט דאַן פאָר אַזאַ מין פאַראייניקונג פון אַבסטראַקציעס מיט ממשות־דיקס, וואָס דעקן אויף איינער דעם אַנדערן, דאָס קאָן מען אָבער נישט מאַכן, נישט אויסקלערן. דער פאַלסיפיקאַט זעט זיך באַלד אַרויס. דער לייענער איז זיך נוקם, ער וועט עס אַוועקוואַרפן, און צוליב זיין נישט גע־שטילטער דאָרשט נאָך אמתער פּאָעזיע, וועט ער בעסער לייענען לידלעך, וואָס זייער ניוואָ איז נישט העכער ווי פאָלקלאָר. יענע פאַרמאַטערן נישט דעם גייסט. זיי זענען פרימיטיוו, אָבער עכט.

עפּעס אַ חוזק שטעקט אין דעם, וואָס דאָס בילד איז געוואַקסן אויפן חשבון פון דער איבערלעבונג, בעת אין דער אמתן קאָנען זיי נאָר גיין צוזאַמען. פאַרקערט: די עמאָציע דערגרייכט דאָס בילד נאָר אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון איר שטייגערונג. ביז דאַן באַגנוגנט זי זיך מיט פאָרמולעס, וואָס מאַכן קלאָר און גיבן איבער אירע שטימונגען, וואָרעם עס זענען דאָך דאָ אַ סך אַנדערע מיטלען, אַ חוץ בילדער, איבערצוגעבן געפילן, און אפילו מיט געוויינלעכע פאָרמולעס, אויב זיי זענען נאָר אַרויס־געזאָגט געוואָרן געגוג קורץ, געפּאַסט און שאַרף; בעסער געזאָגט, אויב זיי זענען אָנגעשריבן דורך אַ דיכטער. דער זעלבער פאַרלאַנג, אַרויסגע־זאָגט אין אַן אַנדער טאָן, איז מסוגל אַרויסצורופן אַן אַנדער באַציונג, ווי ער וואָלט אַרויסגעזאָגט געוואָרן געוויינלעך, ווי מען איז אים געוווינט צו הערן. אויב מען רעדט, בכן, וועגן מוזיק אין פּערזן, מיינט מען דאָס אינער־לעכע, דאָס, וואָלט איך געזאָגט, אומפאַרשטענדלעכע. דעם ריח, וואָס טראָגט זיך פון פּערז אפילו דאַן, ווען מען צענעמט די ווערטער אין זיי, די ווער־טער, וואָס שיידן זיך מיט גאָרנישט אָפּ פון אַנדערע. עס האַנדלט זיך וועגן דער קראַפט פון איבערצייגונג, וואָס טראָגט זיך פון האַרץ צו האַרץ; דער טיפער געפיל פון אַ מענטשן, וואָס רעדט זיין וואָרט אַרויס אויף אַזאַ אופן, מיט אַזאַ מימיק און אין אַזאַ טאָן, אַז מען מוז אים גלייבן. די קונסט פון שרייבן פּערזן באַשטייט אין דעם, וואָס די מימיק, דער טאָן און אָט די אַלע איבערצייגנדיקע באַוועגונגען זענען באַהאַלטן אין דעם פּערז גופא. ווי אַזוי? עס איז דעם דיכטערס סוד. משה לייב האַלפּערנען וועלן

מיר גלייבן אָן שום בילד. די לײַדנשאַפֿט פֿון זײַן פּערז צווינגט אײַך צו גלייבן. ס׳רוב זענען מיר קוים אימשטאַנד זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן, פּאַרוואָס די אָדער יענע אײַנפּאַכע שורות האָבן געמאַכט אויף אונדז אַן אײַנדרוק. אין די אײַנפּאַכסטע פּערזן פֿון לײַוויקן וועט איר דערפֿילן די אינערלעכע געשפּאַנטקייט פֿון אַ טראַגיש, שרײַענדיק האַרץ, און ס׳איז מערקווירדיק, וואָס דאָס דערפֿילט מען דווקא דורך זײַן אײַנגעהאַלטנקייט, באַשיידנקייט, דווקא דורך זײַן אָפּגעהיטקייט פֿון יעדער מין עקספּאַנסיע. עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק פֿון אַ קוואַל, וואָס ריזלט אונטער דער ערד. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט אָט די זעלבע מיטלען וועט אַן אַנדערער, וואָס זײַנע שטימונגען זענען נישט אַזוי אינטענסיוו ווי לײַוויקס, דעם רעזולטאַט נישט דערגרייכן. פֿאַר נישט געניטע אינטענסיווע איבערלעבונגען זענען בכלל נישטאָ קיין מיטלען, דורך וועלכע מ׳קאָן משפּיע זײַן, ווײַל אויב די מיטלען זענען אין דער בחינה פֿון איבערטראַגערס פֿון די אײַנדרוקן, שטאַמען די ווירקונגען דירעקט פֿון די אײַנדרוקן גופֿא. פּונקט, למשל, ווי מען וועט גאָרנישט דערהערן דורכן טעלעפֿאָן, אויב מען וועט נישט רעדן אין אים. העכסטנס קאָן מען מיט נישט קיין אינטענסיווע איבערלעבונגען, אויב מען האָט סתם אַ חוש פֿאַר שיינקייט, אָנשרײַבן לידער פֿון אַ פֿאַרווײַלונגס־ווערט, וואָס זייער אײַנדרוק איז ווי אַ זייפֿן־בלאָז, וואָס טוט אַ גלאַנץ מיט די קאָלירן און פֿאַרשווינדט. פֿאַרקערט, פֿאַר אַזוינע „שטילע״ געמיטער איז גלײַכער צו שרײַבן וואָס אײַנפּאַכער, כדי זיך צו דערנענטערן צום פֿאָלקס־ליד, וואָס מאַכט אַן אײַנדרוק צוליב זײַן תמימות. איך קאָן מיר בכלל נישט פֿאָרשטעלן לידער פֿון דערשלאָגנקייט. אברהם רייזען איז פֿאַר אַנדערע אַ שלעכטע שולע, הגם ער אַליין איז א ליבער. צאַרטער און האַרציקער דיכטער, טאַקע בלויז דערפֿאַר, וואָס זײַן מקור איז דאָס פֿאָלקסליד, דאָס יידישע פֿאָלקסליד, וואָס איז אויך דערשלאָגן. אונדזערע דיכטער, בפֿרט די יונגע, זענען אָבער נישט קיין פֿאָלקס־דיכטער, זיי ווילן עס נישט זײַן. זייער דערשלאָגנקייט. וואָס קומט נישט פֿון פֿאָלק און גייט נישט צו אים, איז דעריבער אַ נישט באַרעכטיקטע.

ווי אומזיניק וואָלט געווען עמעצן צו רעקאָמענדירן די לידער פֿון אליקום צונזער פֿאַר אמתער פּאָעזיע? אמת, אַן אַבסורד? אָבער מיט וואָס, למשל, שטייט אונדזער ראַציאָנעלע דיכטונג העכער, ווי

אַט די דידאַקטישע פּאָעזיע? אירע חסרונות פֿאַרמאָגט זי: זי איז טרוקן, ראַציאָנעל, אויסגעקאָוועט, מיט אַ ריח פֿון שווייס, האָט זעלטן אַ דערהויבענעם מאָמענט און איז אין גאַנצן אַ פּראָדוקט נאָר פֿון געדולד: זי איז טענדענציעז פּונקט ווי יענע, קעמפֿט פֿאַר באַשטימטע, קלאָרע אידעען, — זי פֿאַרמאָגט אָבער נישט אירע מעלות, קיינער הערט זיך נישט צו צו איר. נו, למשל, וועלכן איינפֿלוס קאָן האָבן מאַרקישעס „וואָכנטעג" אויפֿן לייענער (און דאָס איז דאָך שוין דאָס בעסטע פֿון דעם מין פּאָעזיע, מאַרקיש האָט דאָך יאָ דערהויבענע מאָמענטן!), אַ חוץ אויף דעם לייענער, וואָס פֿאַרמעסט זיך זי נאָכצומאַכן?...

סיי־ווי־סיי געלינגט נישט אויסצוואָרצלען פֿונעם פֿיליסטער דעם געדאַנק, אַז אַ פּאָעט איז אַ לאָ־יצלח, טויג נישט צום לעבן און א. וו., — איז צו וועלכע גוטע יאָר האָט דער דיכטער זיך געדאַרפֿט לאָזן אַרויסשטויסן פֿאַר די אויגן פֿון המון דורך די געשיקטע הענט פֿון פּאָליטיקער, וואָס שטעלן זיך כלומרשט אַוועק מיט די ברייטע פּלייצעס הינטער אים? ער, דער פּאָליטיקער, לייענט אים קיינמאָל נישט, דעם פּאָעט. ווייל פּונקט ווי אין לעבן, אַזוי אויך אין דער ליטעראַטור, וויל ער זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידן פֿון די „קונסט־געניסער" פֿון אַנדערע קעגנערישע לאַגערן. וועמענס געשמאַק ער נעמט געגרן איבער און מאַכט נאָך. מיט אַ כיטרען שמייכעלע הייסן זיי דעם פּאָעט שרייבן סאָציאַל. זיין פּערזענלעכקייט לאָזן זיי פֿונאַנדערשווימען אין דער מאַסע, וואָס איר געשמאַק דאַרף אַנטשיידן און אַרויסטראָגן אַ משפּט איבערן לעבן און טויט פֿון דעם שלימזל, נעבעך, אויף דער בינע, וואָס רייסט זיך פֿאַר זיי דעם גאָרגל. נישקשה, זי, זיין פּערזענלעכקייט, וועט צונויף קומען ערגעץ אַנדערש, בעת אַ וואָל־מיטינג, צו פֿאַרשפּרייטן לאָזונגען... עס איז פּשוט אָן אומדערטרעגלעכע לאַגע! דיכטונג מוז געהערן צו דיכטער! ווער זאָל דען אָפּציען דעם פֿאַרפּראַקטישטן מענטשן צו העכערע עטישע און מאָראַלישע ווערטן, אויב נישט די דיכטונג, וואָס איז באמת בכוח זיך איבערצוטראָגן אין דער ספֿערע פֿון „נישט־רעאַלע" געגנוסן? זאָל מען זי פֿרייאָזן. דורך איר בלאָנדזשעריי וועט זי שנעלער צוקומען צום אמת, וואָס איז דאָך סוף־כל־סוף איר אייגנשאַפֿט, ווי דאָס לעבן פֿאַרן לעבעדיקן. זי וועט אים דערגרייכן שנעלער. איידער וועלכע ס׳איז טעאָריע. איז דען די רעוואָלוציע, וואָס אויף איר

מזבח גייט די יוגנט מיט אַזוי פיל פרייד, נישט קיין דיכטונג? קאָן זי דורך עמעצן פאַרשטאַנען ווערן, אויסער דורך דעם דיכטער? אָבער דאָס, וואָס מען האָט, ווי אויף אַ באַשטעלונג, אָנגעהויבן צו שרייבן „רעוואָלו־ציאָנערע" לידער, איז אַן איינפאַכע פּראָפּאַגאַציע. דער דיכטער, וואָס וויל שעפּן זיינע עמאָציעס פון די פאָלקס־ליידן, מוז זיי זייער לאַנג איבער־קאָכן אין זיך, כדי זיי זאָלן האָבן די אינטימקייט פון פּערזענלעכקייט, און וואָס נאָר זי אַליין איז בכוח צו ווירקן.

עס איז נישטאָ קיין דיכטונג, וואָס זאָל קומען פון אויסן. כדי זי זאָל בכלל זיין — מוז זי קומען פון זיך, פון זיך צו דער וועלט. פּראָקלאַ־מאַציעס וועלן אַלע באַווייזן צו מאַכן. און אפילו אַ פּראָקלאַמאַציע איז ביכולת שטאַרקער צו ווירקן, אויב זי וועט טראָגן דעם חותם פון אַ פּערזענ־לעכקייט, וואָס לעבט מיט אַן אינערלעך לעבן. עס מוז זיין געפיל, אָט די אַלגעמיינע שפּראַך, די מוטער פון אַלע מענטשן. עס מוז זיין גלויבן. אפילו ווען איך זע טאָג־טעגלעך פאַרקליינבירגערטע פּירער, קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן אַ דיכטער אַ קליינבירגער מיט דורכשניטלעכע אינטערעסן, להלוטין נישט בכוח אין דעם קלענסטן פּרט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער פּאַרמאַטעריאַליזירטער וועלט. דאָס איז די דירעקטע סיבה, וואָס די אַזוי געררופענע סאָציאַלע דיכטונג אָטעמט אַמאָל מיט אַ דומפּן ריח פון קעלער־געוויקסן, און אויך מיט גאַסן־פּויקעריי. ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז אָט דער מין ליטעראַטור איז מסוגל צו וועקן ביי עמעצן דאָס געפיל פון פּראָ־טעסט, אויב דער דיכטער גופא טראָגט אים נישט אין האַרצן. און פּראָ־טעסט, אויפשטאַנד, איז דאָך עקסטאַז, איז דאָך דאָס איראַציאָנעלע, די כוחות פון קאָסמאָס, וואָס שפּאַרן זיך אין דעם האַרצן פון די אויסדער־ווילטע. עס איז דאָך פרייד. יאָ, אַ פרייד, וואָס דער דיכטער איז מחויב צו געבן דעם לעזער, — ווער דען זאָל זי געבן אויב נישט ער? —

מען וועט אויף זיכער לייענען פּאָעזיע, אויב עס וועלן זיך גע־פינען אויפריכטיקע, מוטיקע דיכטער, וואָס וועלן, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, זיך מקריב זיין פאַר איר. נאָר זיי זענען ביכולת צוריקגעווינען דעם צוטרוי, וואָס די דיכטונג האָט פאַרלוירן צו זיך, עס זענען נאָך פאַראַן גענוג אויפריכטיקע מענטשן מיט קלאָרע, עמפּינדלעכע נשמות, וואָס בענקען נאָך איר אויפגעלעבט וואָרט.

סיידן — די וועלט איז ווירקלעך אַלט געוואָרן, און דאַן, צו וואָס דאַרפֿן מיר אין גאַנצן די קולטור?
אָבער אין דעם ווילט זיך נישט גלייבן.



די רעדאַקציע פון „ליטעראַרישע בלעטער" אין יאָר 1938, נאָך דעם ווי נחמן מייזיל איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

פון רעכטס צו לינקס: י. ליכטענשטיין, ש. זאַראָמב, מ. קיטאַי, יעקב מייזיל (דער יינגערער ברודער פון נ. מייזיל).

אַ פענצטער צום ים

סעגאַלאָוויטשעס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור אין משך פון דרייסיק יאָר איז געווען דער קאַמף פון אַ מענטשן, וואָס האָט מער נישט געוואָלט, אויפן שטייגער פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און פּרץ, זאָגן „מיר", מיר אָרעמעלייט, מיר יידן, מיר חסידים, נאָר „איך", איך דער מענטש מיט מיין אייגן קאַפּריז, אומפאַרשטענדלעך האַרץ, וואָס האָט ליב און פיינט, טוט ווייַ און פרייט זיך און האָט אייגענע חשבונות מיט וועלט און גאָט.

איז דאָס געווען אַ צוריקגאַנג? ניין, די וועלט מאַכט קיינמאָל נישט דורך די געשיכטע פון יחיד צום כלל, נאָר פאַרקערט, פון כלל צום יחיד. וואָרן אונטער דער מאַנסבילישער דיכטונג פון מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ האָט אַרויסגעקוקט דאָס פאַרוויינטע און לאַכנדיקע פּנים פון יידישן מיידלשן פאָלקסליד, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ תיקון. סעגאַלאָוויטש פון איין זייט און דוד איינהאָרן פון דער אַנדערער זייט האָבן דאָס יידישע פאָלקסליד, אַ פאַרפּוצטס, אַן איבערגעטועטס, באַהאָנגען מיט אַלערליי צירונג פון דער אייראָפּעישער דיכטונג, אונטער די הענט אַריינגעפירט אין דער ניי־אויפגעבויטער היים פון דער יידישער פּאָעזיע.

סעגאַלאָוויטש האָט דאָס פאָלקסליד אָנגעטאָן אין היימיש־פּוילישן באַלאַדע־חן, פּונקט ווי דוד איינהאָרן האָט עס פאַרשלייערט אין זיבן שלייערן פון אַלטער יידישער קבלה־ראָמאַנטיק. „רייזעלע דעם שוחטס" האָט מען געזונגען אויף די לבנה־באַגאָסענע טראַקטן פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך... אַרומגעוואַשן דורך טרערן און זיפצן, האָט עס באַקומען די לויטערקייט פון אַ זיסן חלום, וואָס פאַרגיטיקט אַלע באַעוולהטע, וואָס לייקנט אָפּ דעם טויט; איך מיין, יענע ווירקלעכקייט, וואָס שלאָגט זיך דורך איר וועג איבערן קלאָרן זאַמד אויף דעם אָפּגרונט פון דער נשמה און וועלכע

פאַרלייקנט דעם העלן טאָג פון די הימלען און באַשאַפט אַ נייע ליכטיקע זון אין דער טיפעניש פון אַן אַנדערער וועלט.

דער וועג פון סעגאַלאָוויטשעס ערשטע לידער ביז זיין פּראָזע איז געווען אַ ווייטער אָבער אַ גלייכער. געטריי זיין אייגענעם קרעדאָ, זוכט ער דעם מענטשן נישט אין זיין בייטאָגיקער עקזיסטענץ, נאָר אין שאַר־לאַכענעם בין־השמשות, ווען דער אוראַלטער, פּרימיטיווער, אַטאַוויסטישער אומרו וואַקסט אויף אין אים... ווען זיין אינטימער מהות הייבט אויף זיין פאַרוויינטן קאָפּ און הייבט ווידער אָן צו פרעגן די אַלטע קשיא אויף לעבן, וועלט און טויט. ער זוכט דעם מענטשן אין דער טיפער נאַכט, ווייל ער האָט באַגריפן, דער דיכטער, אַז דער מענטש איז נישט דאָס וואָס ער טוט, נאָר וואָס ער חלומט. דערפאַר איז סעגאַלאָוויטשן אַזוי גלייכגילטיק מיט וואָס זיין העלד באַשעפטיקט זיך אין דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט. ער באַשעפטיקט זיך? — פאַר סעגאַלאָוויטשן איז געַנוג, ווען ער זאָגט, אַז זיין העלד איז אַן אינזשעניר, אַ סוחר, אַ פאַבריקאַנט, אַ באַאַמטער אָדער אַן אַרבעטער, ווייל אין אונדזער היינטיקן סדר איז באַרוף אַ צופאַל און אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן יחיד טיילמאָל בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל ער רופט אַרויס ביי אים עקל און ווידערווילן און אַ דראַנג אים פּטור צו ווערן און פאַרגעסן. און סעגאַלאָוויטש האָט ליב צו שילדערן אַ מענטשן אין דער נאַכט פון זיין פאַרגעסן יענע „ווירקלעכקייט”, אין דער נאַכט פון זיין טיפסטער, געהיימסטער עקזיסטענץ.

איז דערפאַר נישט קיין צופאַל, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט אַזוי שטאַרק ליב די נאַטור, וועלכע גיט אים די מעגלעכקייט צו אינדעטערמי־ניזירן דאָס לעבן און דעם טויט, וועלכע ער טוט אויס פון יעדער אויסער־לעכער קוויזאַליטעט. וואָס טוט אינזשעניער ב. אָדער ג.? ער לעבט, ליבט און שטאַרבט. און שטאַרבן, שטאַרבן סעגאַלאָוויטשעס העלדן מיט אַ זיסן טויט; וואָרן סעגאַלאָוויטש אַפּאָטעאָזירט דאָס לעבן אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל ער האָט פונאַנדערגעוואָרפן די מחיצות צווישן לעבן און טויט און אָוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט די גרויסע נאַטור־מיסטעריע, וואָס מיר זעצן איבער אויף אונדזער מענטשלעכן לשון „ליבע”. באמת, ביי קיין שום יידישן שרייבער האָב איך נאָך נישט געזען אויף אַזאַ מערקווירדיקן אופן צוזאַמענמישן די דריי, אין אונדזער טעגלעכער שפּראַך אָפּגעזונדערטע

באַגריפן פון לעבן, ליבע און טויט, ווי אין סעגאַלאָוויטשעס ווערק — אין זיינע פערזן און דערציילונגען. סעגאַלאָוויטש ווייסט, אַז די מיסטעריע פון דער גאַנצער נאַטור שפּילט זיך אָפּ דאַן, ווען די זון, די שטרענגע מאָראַלישע באָבע גייט אַוועק פון דער ערד און די וועלט בלייבט אַליין מיט די שטערן, מיט איר האַרץ און מיט איר שטילן ליידנדיקן גאָט. די נאַכט אויף דרום איז טיפער און נאַכטיקער ווי אונדזערע צפונדיקע נעכט, און די נאַכט אויף דרום, אויפן אייביק זיך וואַלגערנדיקן ים, איז טיפער און ליידנשאַפטלעכער ווי די צפון־נעכט. דערפאַר האָט ער זיינע בעסטע העלדן אַוועקגעפירט צום דרום ביים ים. די העלדן פון די „קרימער נעכט״ פאַרלייקענען מיט זייער דאָ זיין דעם באַגריף פון צייט און רוים, זיי לעבן אייביקייטן אין איינטאָגיקע עקזיסטענצן. אין זייער קורץ, אייביק מעשהלע באַטייליקן זיך תמיד דריי עלעמענטן: ליבע, טויט און ים. סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די ערשטע אין יידיש, וואָס האָט געפּרוּווט אויף אַן אמת פאַנטעיסטישן אופן אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון טויט; געפּרוּווט, הגם איך האָב מורא צו זאָגן: טאַקע אָפּגעלייקנט. אין דעם זין איז ער אמת יידיש לויט זיין וועלט־באַנעם, לויט זיין אַנונג און לויט זיין שטימונג, הגם ער איז אַזוי נישט צוגעבונדן צו ריין יידישע טיפּן. אין דעם זין פאַרפאָלגט ער געטריי די טראַדיציע פון די אַלטע העברעער, וואָס האָבן תמיד געהאַלטן די גאַנצע וועלט אויף זייער קאָפּ און געווען די שעפער פון קאָסמאָפּאָליטישע רעליגיעס. מ׳דאַרף קאָנען פאַרשטיין און מוחל זיין דעם דיכטער זיין נערוועישע פעדער, וואָס גייט איבערן פּאַפּיר, פונקט אַזוי ווי זיינע העלדן גייען איבער דער וועלט: מיט די טריט פון זומער־פייגל, שמעטערלינגען און נאַכט־פלאַטער, וואָס דרייען זיך האַסטיק ביז אומקום אַרום די ליכט פון אונדזער לעבן. דאָס איז דער וועג פון פאָלקסליד ביז דער טראַגעדיע. ווייל אין עמבריאָן פון פאָלקסליד דרימלען תמיד די יסורים פון לאַנגע דורות דיכטער, וואָס שטייען אויף און פאַרגייען, ווי לאַנג דאָס פאָלק גופא איז פעיק אויסצוהאַלטן זיין טאָג פון עקזיסטענץ אין די גרויסע שטורעמס פון דער געשיכטע. ווער איז סעגאַלאָוויטש? — ער איז נישט מער ווי אַן אָטעם אין דעם דאָזיקן לאַנגן זיפץ פון פאָלקס־ווייטיק און פאָלקס־שמחה, וואָס מיר רופן אָן מיטן אינדיפערענטן מעכאַנישן וואָרט „קולטור״. טאָ וואָס זשע איז דאָ דער אונטערשיד, צי סעגאַלאָוויטש זיפצט

אין לאַנגע, טרויעריק־פילאָזאָפישע זיפצן, ווי למשל אַ טאָמאָס מאַן, אָדער אין קורצע אָפּגעהאַקטע זיפצן, ווי דער זקן טאַגאָר ? וואָרן ס׳וואָלט געווען אַ טעות — דערפאַר וואָס סעגאַלאָוויטש פאַרנעמט זיך זעלטן און נישט גערן מיט געזעלשאַפטלעכע טעמעס — אָנצונעמען אים פאַר אַ קוויעטיסט און אַן אָנהענגער פון קונסט לשם קונסט. אויך די גאַנצע טענה מיטן יחיד איז זייער פּראָבלעמאַטיש, ווייל סעגאַלאָוויטש זעט נישט קיין אָפּגעריסע־נעם יחיד, וועלכער איז בכלל אויף דער וועלט נישטאָ. ער זעט אים אין דער גרויסער שייכות מיט די קאַטעגאָרישע געזעצן פון זיין מאַיעסטעט דאָס לעבן גופא, וואָס האָט אָנגעשיקט אויף דעם אינדיווידו אַלע ארבע מיתות, וועלכע שלאָפן מיט אָפענע אויגן אין די ווינקלען פון זיין ביאָלאָגישער עקזיסטענץ. מ׳רעדט זייער אָפט ביי יעדער געלעגנהייט וועגן סעגאַלאָוויטשעס איינגעפלאָסנקייט אין דער נאַטור. מ׳וואָלט אָבער איין מאָל געדאַרפט פּרווון זיך אויסמאָלן דאָס פנים פון יענעם טראַגישן, מענטשן־איינזאַמען מאַן, וואָס גייט שווייגנדיק אַרום אין די טיפע דזשונגלס פון זיין פאַר־פלאָנטערטן טונקעלן האַרצן, בעת ער געפינט זיך מיט אונדז, זיצט מיט אונדז ביי איין טיש, רעדט מיט אונדז די זעלבע רייד, שמועסט פון פּאָ־ליטיק, זאָגט מיינונגען אמתע און פאַלשע... בעת ס׳ווערט אַזוי פּלוצלינג שטיל אַרום, עס פאַרשווינדן אַלע פנימער ווי אין רויך, און עס הערט זיך אויפמערקזאַם, ווי דער אַרומיקער קאָסמישער ווינט רירט און וויגט די אויסגעשטרעקטע צווייגן פון זיין וואַלדישער, טיף־חלומדיקער איינזאַמ־קייט. וואַלד און פעלד, טייכן, ימים — דאָס איז נאָר דער טיפער גלאַנץ, אין וועלכן עס האָט ליב אַריינצוקוקן דאָס אומרויקע האַרץ, וואָס האָט ליב דעם ווייטיקלעכן טרייסט פון דער אומענדלעכקייט. דאָס איז די אומענד־לעכקייט, וואָס לייזט אונדז אויס פון דער מורא פאַרן טויט. וואָרן אויפן וועג פון דעם דיכטערס גאַנג אין לעבן אַריין האָט דער טויט אים, דעם דיכטער, אויסגעוויילט זיך צו ראַנגלען מיט אים. דערפאַר איז דער דיכ־טער דער, וואָס לעבט איבער דעם גרויל פון טויט אויף אַ צענפאַכן, הונדערט פאַכן אופן, און דער דיכטער, דער העלדישער דיכטער, איז דער ערשטער, וואָס מוז אים באַזיגן און אַנטוואָפענען.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס אין סעגאַלאָוויטשעס ליבע־בוך אין די „קרימער נעכט״ באַווייזט זיך אַזוי פיל מאָל דער טויט ? אָבער פנים אל

פנים מיט דער גרויסער סטיכיע פון ים און ליבע פאַרלירט ער זיינע שוואַר־צע הערנער, פונקט ווי די ליבע און פונקט ווי דאָס לעבן אַליין ווערט ער — אומענדלעכקייט.

איך האָב מיך דאָ אין דעם פייערלעכן מאָמענט פון סעגאַלאָוויטשעס דרייסיק יאָריקן יובילײ נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין דעם סקאַר־באָוון נוסח פון קריטיק און אָפּשאַצונג. דער עיקר זאָל מיר דער לייענער מוחל זיין, וואָס איך האָב מיר דאָ נישט אָנגעגרייט אַ צענדליק ציטאַטן, כדי צו צעקייען און אַריינצולייגן אים אין מויל אַריין. די ציטאַטן וועט ער געפינען, ווען ער וועט לייענען סעגאַלאָוויטשעס ניינצן בענדער. האַלטנ־דיק שוין ביים סוף פון אָט דער קורצער אימפּרעסיע וועגן סעגאַלאָוויטשן, קאָן איך נישט דורכגיין און נישט דערמאָנען אַן איינדרוק פון עפּעס אַ וויל־דער כאַאָטישער וועלט מיט פעלדזן און ים. קוקסטו אָן אַ פעלדז, מעג ער זיין צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער און טויזנטער אַנדערע — זעסטו אים תמיד איינעם. צי זאָגט מען נישט דערפאַר „עלנט ווי אַ שטיין"? און עפּעס נאָר דורכן איינדרוק פון דעם נאַטור־כאַאָס, פון אָט די פעלדזן־שטיינער אין ים, וועלכע סעגאַלאָוויטש שילדערט אַזוי גערן און אינטענסיוו, קאָן איך אָפּפילן דעם קינסטלערישן מהות פון סעגאַלאָוויטשן, וועלכער האָט זיך אַליין אויסגערופן פאַרן אייביק איינזאַמען דיכטער. פאַראַן אַ דערציילונג ביי אים וועגן אַ געהיימנישפול האָטעל־צימער, וואָס איז רייך מיט טויטן און זעלבסטמאָרדן — מיט אַ פענצטער צום ים. דער דיכטער רופט עס אָבער אָן: „דאָס צימער פון ליבע".

צי האָבן מיר נישט אין סעגעלאָוויטשן אַזאַ מין פענצטער צום ים?

וואָרט אָדער וויזיע

פון אונדזער מעכאַניזירטן ווערטער־קאַסטן, וואָס וואַרפט אַרויס יעדן טאָג אַ פּאָר טויזנט ווערטער, נישט קאָנטראָלירט און נישט אָפּגע־שאָצט אין שייכות צו זייער עקוויוואַלענט אין אונדזער באַגריפס־אוצר — איז כדאי אַרויסצונעמען אויף אַ וויילע דעם אַזוי־גערופֿענעם „פּאָעטישן קלאַנג״, וואָס האָט שוין אַזוי פיל דיכטער אַרויסגעגאַרט פון זייער קינסט־לערישער היים און באַזעצט זיי אין אַ קרישטאָל־פינקלדיקן פּאַלאַץ פון — זייף.

מיט דעם דאָזיקן פּאָעטישן (וויל ־) קלאַנג קומט פּאָר אַ גע־פּערלעכע מיספאַרשטענדעניש. דער טעות באַשטייט דערין, וואָס מ׳נעמט אָן דאָס ליד פאַר אַ קאָמפּאָזיציע פון מוזיקאַלישן כאַראַקטער און מ׳פאַר־גלייכט אויף אַ ווולגאַרן אופן דעם פּאָעטישן קלאַנג מיט אַ טאָן, און די געשריבענע אותיות — מיט נאָטן. אין דער אמתן איז דאָס וואָרט — אויב מ׳זאָל געדענקען, אַז אין תוך איז דאָס ליד אַן עמאָציאָנעלע שאַפונג, וואָס דאַרף ווירקן אויף אונדזערע חושים ווי ווייט מעגלעך דירעקט — בלויז אַ שטערונג. פונקט, למשל, ווי דער הילך פון מעטאַל אין אַ בלאָז־אינסטרו־מענט אָדער דער גרילץ פון אַ סטרונע איז נישט קיין באַשטאַנד־טייל פון דער מוזיק. פאַרקערט, דער מוזיקער באַמיט זיך דורכויס צו פאַרפולקאָמע־נען זיין אינסטרומענט: מ׳זאָל נישט הערן די סטרונע, מ׳זאָל נישט הערן דעם טראָמפּייט — מ׳זאָל בלויז הערן דעם טאָן. פונקט ווי דער מאָלער, וואָס וויל, אַז זיין פאַרב זאָל ווערן אויס פאַרב, זי זאָל ווערן קאָליר.

דער אונטערשיד צווישן אַ פּאָעטישער און מוזיקאַלישער שאַפונג איז זייער אַ וועזנטלעכער. אין דער צייט, וואָס די מוזיק באַנוצט זיך מיטן טאָן און ווירקט דורך אַ געוויסער אַזוי־צו־זאָגן אַבסטראַקטער קלאַנגען־קאָמ־בינאַציע, נישט דורך קוואַליטעטן, נאָר קוואַנטיטעטן, דירעקט אויף דער

שטימונג — באַנוצט זיך דאָס ליד מיט ווערטער, אָבער ווירקט נישט דורכן וואָרט גופא, נישט דורכן קלאַנג פון וואָרט, נאָר דורך באַגריפן און פאָר־שטעלונגען, וואָס ווערן דורכן וואָרט סטימולירט. דאָס קריטעריום פון אַ מוזיקאַלישער שאַפונג איז דער סינטעז פון דער קלאַנגען־קאָמבינאַציע גופא: דער אופן פון דעם טענער־צוזאַמענשטעל גופא איז בכוח אַרויסצורופן אין אונדז אַ שטימונג אָדער אַן איבערלעבונג, וועלכע קאָנען אפשר אין דער ווייטערדיקער רייע ווירקן אויך אויף אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, זי וועט אָבער תמיד טראָגן אַ רעטראָספעקטיוון כאַראַקטער; ס׳וועט גיכער זיין אַ דערמאָנונג. אַ מענטש, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין פאַלמע־וואַלד, וועט ביי אַ מוזיקאַלישער שאַפונג, וואָס איז אינספּירירט געוואָרן ביים קינסטלער דורך אַ וואַלד, טאַקע דורך אַ פאַלמע־וואַלד — זיך פאָרשטעלן העכסטנס אַ סאָסנע־וואַלד, כ׳מיין אַזאַ וואַלד, וואָס ער האָט געזען. אַנדערש אָבער איז מיטן ליד, וואָס גייט מיט אַ פאַרקערטן וועג. דאָס קריטעריום פון ליד איז נישט זיין ווערטער־באַשטאַנד און נישט זיין ווערטער־קאָמבינאַציע סתם, נאָר זיין אידעע־ אָדער באַגריפס־אינהאַלט, וואָס ווערן דורך די ווערטער אויסגעדריקט. דאָס ליד ווירקט בכן נישט אוממיטלבאַר, ווי אַ ניגון, למשל, נאָר דורך אַ שטיקל אומוועג: עס מוז צום ערשטן אויסדריקן אַן אידעע, שפּעטער די פאָרשטעלונג, און ערשט איצט קומט די ווירקונג, וועלכע איז אויך אַ קאָנקרעטע און איז תמיד מער־ווייניקער צוגעבונדן צו באַשטימטע ממשותדיקע בילדער און דערשיינונגען.

אויף ווי ווייט די פּאָעזיע, אין איר וואָרט, דערווייטערט זיך דאָ פון דער מוזיק — דערנענטערט זי זיך צו דער פּלאַסטיק. ביידע אַטאַקירן קודם־כל אונדזערע זע־נערוון, אונדזער עמפּינדונג פאַר ליכט און שאָטן, ליניע און פאַרב. מ׳קאָן נישט אַרויסזאָגן קיין וואָרט, וואָס הינטער אים זאָל נישט שטיין קיין באַגריף אָדער פאָרשטעלונג. די שפּראַך איז שטאַרק דיי־פערענצירט און ניואַנסירט, די שפּראַך איז זייער רייך דאָרטן, ווו עס זענען דאָ פיל קאָנקרעטע זאַכן אָדער באַגריפן, וואָס האָבן זיי געשאַפן. די סקאַנ־דינאַווישע שפּע פון אָזערעס, טייכן און פיאָרדן מיט זייער פישפאַנג האָבן געשאַפן דעם גרעסטן פישער־ און שיפער־לעקסיקאָן. פאַרקערט, אָרעם איז די שפּראַך דאָרטן, ווו דאָס לעבן גופא, דאָס רעאַלע אָדער דאָס גייסטיקע, איז אָרעם. נישט דאָס וואָרט באַשאַפט די זאַך, נאָר פאַרקערט, די זאַך —

דאָס וואָרט. און דער איינדרוק קומט דורכן וואָרט בלויז דאַן, ווען עס שטעלט אונדז פאָר עפּעס אַ יש, וואָס וואָלט גריילעך געקאָנט אויסקומען אָן זיין פאַרמיטלער, דאָס וואָרט. אַ באַרג, אַ טייך, אַ מאַשין ווירקט אויף מיר אוממיטלבאַר, ווען איך זע זיי, אומדירעקט — ווען דאָס וואָרט רופט זיי ווידער אַרויס אין מיר, ווען איך שטעל זיך זיי פאָר.

די אויפגאַבע פון פּאָעטישן וואָרט איז צו פאַרקירצן דעם וועג צו דערווירקלעכקייט (צו דער פאָרשטעלונג) ביז אַ מינימום. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס: באַנוצן די שפּראַך, די ווערטער־קאָמבינאַציע אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס וואָרט זאָל וואָס מער אָפּטרעטן אין הינטערגרונט און אַרויסשטעלן דעם קעגנשטאַנד, וועלכן מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן אָדער באַגרייפן; נאָר ער אַליין איז בכוח צו ווירקן אויף אונדזערע חושים. די בעסטע ווערטער זענען די, וואָס שאַפן אַ מין דורכזיכטיקע, אַבסטראַקטע פאָרעם, די פאָרעם, וואָס נעגירט זיך אַליין, לייקנט זיך אָפּ און דעקט אָפּ אָפן און קלאָר די וויזיע. גוטע פאָרעם איז אין דער בחינה פון אַ גוט גע־שליפן גלאָז, וואָס דורך אים זעט מען די גאַס, דעם גאָרטן, דעם בוים, און מ׳זעט נישט דאָס גלאָז, שלעכטע פאָרעם איז אין דער בחינה פון אַן אומגע־שליפן אָדער צעראַצט גלאָז, וואָס דורך אים זעט מען נישט די גאַס, נישט דעם בוים און דעם גאָרטן, נאָר דאָס גלאָז. שלעכטע און מיסגעברויכטע פאָרעם איז אַ פאַרמאָלטע אָדער אינקרוסטירטע גלאָז: אַנשטאָט צו זען דעם באַרג, דעם בוים, דעם גאָרטן, באַטראַכסטו און „באַוווּנדערסט" דאָס גלאָז. גוטע, עכטע פאָרעם איז זיך אַליין מקריב. דאָס עכטע קינסטלערישע וואָרט דערלאַנגט דיר צום טיש פון כל־טוב און שטעלט זיך אַליין אַוועק אומבאַ־מערקט אין אַווינקל. דאָס אומעכטע, פאַלסיפיצירטע וואָרט איז אַ קמיע, אַ גאָלדן אָדער זילבערן געטשל, וואָס דו מוזסט קושן אָן ליידנשאַפט, ווייל דו גלייבסט. ריכטיק אָנגעווענדעטע וואָרט, אינספּירירט דורך אַ זעונג, איז שפּינוועבס־דינער, קלאָרער, דורכזיכטיקער טיולענער חלום, דורך וועלכן דיין געליבטע קושט דיך אין די ליפּן. דאָס סתם־קלינגענדיקע, פוסטע וואָרט איז די פאַרמיטלערין, וואָס גייט אין דיין שליחות און רעדט אָן אויף דיר אַלדאָס בייז. דאָס גוטע געדאַכטע וואָרט איז זעפיר, אַ יאַשמין־ווינט, אַ כישוף־שפּרוך, וואָס ברענגט דיר דיין געליבטע צו שלעפן פאַר די האָר.

דאָס עכטע פּאָעטישע וואָרט איז דאָס וואָרט, וואָס מען הערט

נישט, נאָר מען זעט. דאָס עכטע פּאָעטישע וואָרט איז לייכט, דורכזיכטיק קלאָר און אומפילבאַר. דאָס עכטע פּאָעטישע וואָרט צערינט אין דעם מאָמענט פון זיין געבוירן־ווערן, ווי אַ נעפּל און דעקט אָפּ די וויזיע, וואָס שיינט אויף פאַר אונדז ריין און לויטער. דאָס ליד, וואָס „קלינגט״, איז — לרוב — נישט קיין גוט ליד. ס׳איז נישט קיין מוזיק, ווייל מוזיק האָט אויך די אויפגאַבע צו פאַרקירצן דעם וועג צום אַפעקט און ווירקט אומ־מיטלבאַר דורכן קלאַנג אויפן געהער, בעת דאָ האָט זיך גראָד דער קלאַנג געשטעלט אין וועג צו דער זעונג.

די קולטור פון דער פּאָעטישער פאָרעם איז זייער אַלט. פון טויזנטער יאָרן אָן פלעגן און צערטלען די קינסטלער דאָס ליד, פאַרוויגן עס און פאַרשפּילן עס מיט ריטעם, מיט מעטער, מיט גראַם, טוען עס אָן אין אַלערליי לבושן, אין לבוש פון סאָנעט, באַלאַדע, ראָפּסאָד אָדער דיפּיראַמב; אַ דיכטער קאָן זייער שטאַרק אַרבעטן, אַז דאָס גאַנצע ליד זאָל דווקא אויסהאַלטן דעם יאַמב אָדער כאָריי אָדער דאַקטיל פון, לאָמיר זאָגן, פינף אָדער זעקס פערז־פוס. אָט די אַלע פאַרשיידענע עפעקטן פון שפּראַך־שיינקייט און וווילקלאַנג זענען בלי־ספק (הגם נישט אַלע מאָל) וויכטיק אין דער פּאָעזיע, אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס זענען וואָרט־מיטלען נישט פאַרן וואָרט, נאָר קעגן אים: כדי די רייד זאָלן נישט שטערן די טעטיקייט פון געפיל, מוז מען זיי ריטמיזירן, כדי זיי זאָלן ווערן לייכט, עטעריש און זיך וואָס ווייניקער פילן. אין דער אמתן איז יעדע מעטרישע פאָרעם אַן אופן צו אויטאָמאַטיזירן די שפּראַך, כ׳וואָלט געזאָגט, מ׳לייגט אַריין אין אַ וויגל און מ׳ברענגט זי אין אַ האַלב־שלאָפנדיקן צושטאַנד, כדי זי זאָל שעפּטשען, פליסטערן, זינגען בלחש, ווען עס דאַרף זיך אָפּשפּילן דער שטילער אַקט — מיטן געפיל.

יעדע רעגולערע פאָרעם — מעטער, ריטעם און גראַם — מאַכט די שפּראַך איינטאָניק און גלייכמעסיק. זי האַלט אָן די כסדרדיקייט פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט און פירט אונדז אַריין אין אַ מין באַוועגלעכער, שטייגנדיקער גלייכגעוויכט, וואָס איז פעיק זיך צו אַנטוויקלען, פאַנאַנדערוויגן זיך, אָבער מילדערט די אויסברוכן און די צו האַסטיקע זינקונגען אין דעם „עבע־און־פלוט״ פון אונדזער געמיט. דער ריטעם פּאַסט זיך צו צום טאַקט פון אונדזער טריט, צום דופק פון אונדזערע שלייפן און צום טיק־

טאָק פון אונדזער האַרץ. ריטעם העלפט בייצוקומען דעם ווידערשטאַנד פון מאַטעריע, ווען מען שמידט אייזן אין דער קוזשניע אָדער מ׳שלעפּט קלעצער פון וואַלד. ריטעם באַקעמפט די מידקייט פון קערפּער בעת אַ פּראָ־צעסיע, די פּוילקייט — אין זומער און די קעלט — אין ווינטער. זי נעמט אַוועק די שרעק און וועקט אויף די העלדישקייט און מוט בעת מלחמה. „בעבליאַקעס״ און שטאַמלער היילט מען אויס מיט דער הילף פון ריטעם; קינדער שטילט מען איין מיט ריטמישן געזאַנג; ביים ריטעם ווערן דיינע נערוון שטיל און שלאָפסט איין, ווען דו ביסט מיד; און דער צער פון דער אומגליקלעכער פרוי, וואָס שאָקלט זיך, פאַרזונקען אין זכרונות, איבערן קערפּער פון איר געשטאָרבענעם מאַן אין דער גורלדיקער נאַכט — ווערט אויך געלינדערט דורך ריטעם.

די אויפגאַבע פון ריטעם און מעטער איז צו פאַרטעטערישן די שפּראַך מאַכן זי לייכט, אומוועזנטלעך, אומפילבאַר, קלאָר און ווייך, ווי קוואַל־וואַסער. זי זאָל אונדז נישט שטרויכלען מיט אַן אַנגעוואָרפענער קופּע קאָנסאָנאַנטן אונטער די פיס און נישט צעדרייען אונדז דאָס מויל מיט אַן אומגעלומפּערטער שרייענדיקער פאַרזאַמלונג פון וואָקאַלן. די פּראָזע זאָל זיך נישט וואַקלען שיכור, זאָל נישט גיין שלאַבעריק, זאָל נישט גיין אין אַ זיג־זאַג און נישט שפּרינגען אויף דריי פיסלעך, ווי אַ געשעדיקט הינטל. בקיצור, מ׳זאָל די שפּראַך וואָס ווייניקער אָפּפילן. ווייל אַ מענטש פילט נישט אין שפּראַך, ס׳טוט אים נישט ווי אין קיין שום דיאַלעקט. כ׳האָב אפילו מורא צו זאָגן, אַז אויב אַ מענטש דענקט קלאָר און טיף, איז זיין געדאַנק זייער ווייניק צוגעבונדן צו אַ שפּראַך. דאָס וואָרט איז בלויז דאָס מיטל, דער אינסטרומענט, וועלכן מיר היטן אָפּ און פלעגן, צערטלען און גלעטן, וואַשן און פּוצן, כדי עס זאָל בעסער דינען און אַרויסברענגען נישט נאָכאַמאָל דאָס וואָרט, נישט דאָס מיטל, נאָר די וויזיע. פּונקט ווי דער טאָן איז דער לעצטער עטאַפּ צום איינדרוק אין דער מוזיק — איז אין דער דיכטונג דער לעצטער עטאַפּ — די וויזיע. דאָ הייבט זיך אָן דער פּאָעט און דאָ ענדיקט ער זיך.

דאָס פּנים אונטער דער מאַסקע

אין זיין פאַלקסטימלעכער פּשטות האָט שלום־עליכם גוטמוטיק אָנ־גענומען דעם אַלגעמיינעם עפּיטעט, און אַליין, נישט איין מאָל, מתוך איראָ־ניע און אַ מאָל בדרך הלצה, אָנגערופן זיך „דער גרעסטער יידישער הומאָ־ריסט". דאָס איז בלי־ספק געווען אַ גרויסע באַשיידנקייט, ווייל כדי צו זיין דער גרעסטער יידישער הומאָריסט האָט מען דעמאָלט נישט געדאַרפט זיין קיין שלום־עליכם, מ׳האָט געקאָנט זיין ווייניקער, ווייל — ווי עס זאָל זיך נישט אויסדוכטן אין פלוג, אַז דעם מחבר פון גענצל און פון פאַרכשופטן שניידערל איז געגאַנגען אין דעם אַנעקדאָטישן, אין קוריעזן, אין דער פריי־לעכער פּוענטע — קאָן מען זיך אָבער קיינמאָל נישט באַפרייען פון דעם טראַגישן אויפגעריסענעם אויג, וואָס קוקט אַרויס צו אייך תמיד פון דער קאָמישער מאַסקע. דאָס איז אַן אויג מיט גרויל פון אַ שריפה־נאַכט, וואָס האָט אים פּלוצלינג איבערגעריסן פון שלאָף, אַן אויג פון איינעם, וואָס האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס און כאַפּט זיך אָן מיט די הענט אָן דער לופט. און אַז מען רעדט וועגן שלום־עליכם מוז מען קודם־כל זען —

דאָס אויג.

וואָרן — אויב מיר מוזן אָננעמען, אַז טראַגיזם איז אַ באַשטימטע אינדיווידועל־פּאָליטישע אייגנשאַפט, אָפּהענגיק פון די גאַנצע קוואַליטעט פון אויסערלעכע און אינערלעכע ווירקונגען — איז דער הומאָר בלי־ספק אַ מער אויסערלעכע דערשיינונג, וואָס האָט גיכער צו טאָן מיט פאָרעם איידער מיט אינהאַלט. איך מיין די פאָרעם אין טיפסטן זין פון וואָרט. וואָרן דער אמתער הומאָר, דער סערוואַנטעס־גאָגאָל־דיקענס־הומאָר, איז אין תוך אַ מין סובלימירטער טראַגיזם, וואָס האָט זיך אויסגעדוכט די „לאַכנ־ריקע" פאָרעם, כדי דורך דעם שאַרפן סתירותדיק אופן צו פאַרטיפן די

גרונט־שטימונג, וואָס איז, בעצם, די טראַגעדיע. דער הומאָר נעמט צו פון דעם געשילדערטן אָביעקט דעם מעלאָדראַמאַטישן אָראַטאָרישן סוב־יעקטיוויזם; נעמט צו ביים העלד דעם זעלבסטבאַוווסטזיניקן מאָמענט, וואָס שטעלט אים אַוועק אין אַ דעקלאַמאַטאָרישער פּאָזע און טוט אים אָן אַ מאַסקע פון דער ריינסטער קינדערישער נאַיוויטעט, ער פאַרוואַנדלט אים אין אַ שמייכלענדיק קינד, וואָס שפּילט זיך אויפן אייבערשטן גאָרן, דאַן ווען אין אונטערשטן ברענט שוין דער סופּיט. דער הומאָר איז בלויז דאָס גוט אויסגעוויילטע מיטל אַריבערצוטראָגן די טראַגישע עמפּינדונג פאַרן גורל, דירעקט פון דעם דיכטערס אין דעם צושויערס האַנט, אויסמיידנדיק דערביי די אַריינמישונג פון העלד גופא. מנחם־מענדל, פּונקט ווי דאַן־קישאָט, ווייסן נישט, אַז זיי זענען טראַגיש, פּונקט ווי זיי ווייסן נישט, אַז זיי זענען לע־כערלעך. די ווירקונג וואָלט געווען אַ ביסל אַן אַנדערע, ווען מען שטעלט אַוועק די דאָזיקע העלדן אונטער אַ גרעלער ליכט, מ׳טוט זיי אָן אין קלאַ־סישע טאָגעס און מ׳לאָזט זיי אין לאַנגע באַפּליגלטע טיראַדעס דערציילן וועגן דעם גורל פון זייערע טראַגישע נשמות. אין תוך אָבער וואָלטן זיי ביידע געבליבן די זעלביקע.

הומאָר איז בכן, אין סאַמע תוך, פאָרעם און האָט אַזוי פיל שייכות מיט דער אינערלעכער דיכטערישער פיזיאָנאָמיע, ווי סטיל, שפּראַך, קאָנ־סטרוקציע פון אַנדערע כאַראַקטעריסטישע אויסדרוק־מיטלען. פאַרשטייט זיך, אַז דער סטימול צום הומאָר איז נישט בלויז קינסטלערישער קאַפּריז און אויך נישט קינסטלעריש־לאָגישער, פרייער אויסוואַל, לאָמיר זאָגן אַ שטייגער, אַ באַשלוס, די און די טעמע צו באַהאַנדלען הומאָריסטיש, ניין. דאָס ווערט דורכאויס אַרויפגעצוווּנגען אויפן דיכטער דורך דער אויסער־לעכער אָביעקטיווער וועלט, וואָס געפינט זיך „צופעליק" באַלד פון אָנ־הייב (אפשר אַ מאָל נאָך וואָרטנדיק לאַנגע דורות אויף זיין אויסלייזונג) אַלס פּאָטענציאָנעלער שטאָף אין זיין קינסטלעריש געמיט. טראַגישע העלדן, וואָס מען נעמט אַרויס פון די פאָלקס־טיפּעניש און פון דער קינדער־וועלט, מוז מען באַהאַנדלען מיט הומאָר, ווייל מען מוז אויף אַ געוויסן אופן אויס־שליסן דעם אָביעקט, וועלכער וואָלט געקאָנט פאַרפירן דעם דיכטער אין די לאַבירינטן פון פּסיכאָלאָגיזם און מליצה. דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי אַ קינד אין אַ טראַגישער סיטואַציע איז דאָס אומוויסן, פּונקט אַזוי ווי פאַרן

פאַלקסמענטשן און אפשר — אויך פאַרן מענטש בכלל.

צי איז דאָס נישט אַ מאָל די סיבה, וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי ליב געהאַט צו שילדערן קינדער? צי איז מאָטל פּייסיס נישט טראַגישער נאָך דערמיט, וואָס ער פרייט זיך, וואָס מען נעמט אַרויס די שאַנק, בעת דער טאַטע גוססט? צי דריקט נישט אויף אונדז די גאַנצע שווערקייט פון גורל דערמיט וואָס דאָס יינגל קאָן זיך אין גאַנצן נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון? „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום!"

שלום־עליכמס העלדן זענען טראַגיש דערמיט וואָס דאָס גאַנצע לעבן זייערס איז אַרומגעשוועבט איבערן כאַאָס פון דעם דעגענערירטן, אונטערגעגאַנגענעם צאַריזם, וואָס האָט אין זיין קאָנוולסיע נאָך געדריגעט מיט די פיס איבער די קעפּ פון די רעכטלאָזע יידן פון דער גרויסער רוסישער מדינה. שלום־עליכמס העלדן זענען טראַגיש, ווייל אין זייער גאַנץ לעבן האָט כסדר געשוועבט די סכנה אין די גרענעצן פון אַ זעקסטל וועלט, וואָס איר גורל איז געווען דורכצוגיין אַלע זיבן גיהנום־פייערן, כדי צו לייטערן און אָנצונעמען פאַרעם און געשטאַלט. שלום־עליכמס העלדן זענען, שליס־לעך, נאָך טראַגישער דערפאַר, ווייל זיי אַליין האָבן זייער ווייניק געוווסט וועגן דער טראַגישקייט פון זייער עקזיסטענץ. דורכגענומען מיט אַן איבער־מענטשלעכן, האַרצרייסנדיקן סקעפּטיציזם, זענען די מנחם־מענדל, טוביהס ווי די קליינע מאָטל פּייסיס, געפלויגן אין די הימלען פון קינדערשע בלויע אילוזיעס, טרייסט און האָפענונג. דער טראַגיזם ליגט נישט אין דער פאַר־צווייפלונג און יאוש אין דעם „נאָך אַלעמען", דער טראַגיזם ליגט אין גע־ראַנגל, אין קאַמף, און אָפּטמאָל — דווקא אין גלויבן.

צי איז דאָס אַלץ כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר שלום־עליכם? ניין, איך גלייב, בערך, פאַר יעדן גרויסן הומאָריסט. שלום־עליכמס יידישער הומאָר שיידט זיך בלויז אונטער פון דעם הומאָר ביי די איבעריקע גרויסע הומאָריסטן דערמיט וואָס זיין עלעמענט איז אַ דינאַמישער, בעת ביי אַ מאָליער אַ שטייגער, ביי אַ דיקענס אָדער גאָגאָל איז ער אַ סטאַבילער. צי האָט שלום־עליכם נישט אַרויסגעכאַפּט דאָס סאַמע ווענטלעכסטע פון יידישן לעבן דערמיט וואָס מנחם־מענדל, טוביה, מאָטל פּייסיס און די אַי־בעריקע העלדן פון זיין ריזיקער גאַלעריע האָלטן אין איין אַרומוואַנדערן איבער די גרויסע שטעט און מדינות, בעת אַ גאָגאָלשע טראַגיקאָמעדיע

שפּילט זיך אָפּ ערגעץ אין אַ קליין פאַרגעסן סטעפּיש פּראָווינץ־שטעטל? צי איז נישט וווּנדערלעך דאָס, וואָס שלום־עליכמס העלד איז אַזוי נישט „אַנגעלערנט", אַזוי נישט „דערפאַרן", אַזוי לייכט צו פאַרגעסן אַן עוולה און זיך צו לאָזן איבערבעטן פון גאָט, פון גורל און מענטשן, בעת גאָגאָלס אַ העלד קאָן זיך אַ גאַנץ לעבן אָפּמשפּטן און קריגן זיך איבער אַ חזיר, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ שכנס מולטער? שלום־עליכם איז געווען דער דיכטער פון דער יידישער אויסגעוואָרצלטקייט, דער דיכטער פון דעם פאָלק, וואָס האָט געגרינדעט אַ צווישן־הימל־און־ערד־קעניגרייך. ער האָט פאַרגעשטאַלטיקט און פאַרפּיקסירט אַ טראַדיציע און אַ טראַגישע אויף־דערוויל־עקזיסטענץ, וואָס ציט זיך פון טויזנטער יאָרן. ער האָט אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט דעם שווינדלדיקן פליענדיקן קאַשמאַר פון יידישן לעבן און געוויזן זיין וועלט־טראַגישן און קינדעריש־שמייכלדיקן פּנים. דערפאַר איז שלום־עליכם נישט בלויז דער גרעסטער יידישער הומאָריסט, נאָר דער סאַמע יידישסטער פון אַלע יידישע דיכטער.

דורך סקעפּטיציזם צום גלויבן

נאָכן טויט פון ד״ר א. קאַראַלניק

אַ קורצע צייטונגס־ידיעה האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן דער באַקאַנטער עסעיסט ד״ר א. קאַראַלניק.

אַ צייטונגס־ידיעה איז, געוויינלעך, זייער דעמאָקראַטיש: זי גיט צו דעם עפּיטעט, אָנרופנדיק דעם פאַרשטאָרבענעם „באַקאַנטער״, „באַוווּס־טער״, און גייט איבער צום סדר־היום, זי באַהאַנדלט אַלע מענטשן גלייך, ווי דער טויט, זי מאַכט נישט קיין שום אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש. אַ מאָל אפילו נישט צווישן מענטש און חיה, און אַ מאָל אפילו נישט צווישן מענטש און קעגנשטאַנד. זי טוט אָפּ די אַרבעט, ווי אַ קברן, שנעל און געשיקט, מיט גרויסן גלייכגילטיקן ערנסט, אָבער לחלוטין אויס־דרוקלאָז, און לאָזט דאָס איבעריקע פאַר די אבלים, וואָס גייען מיטן לייי־דיקן אַהיים, מיטן ליידיקן — ווייל ד״ר קאַראַלניק איז געווען עסעיסט און די טבע פון דעם עסיי איז פּונקט ווי אַ שיין קלייד, וואָס איז געבונדן מיטן מענטשן: דער מענטש מיטן קלייד (אָדער אין קלייד) ברענגט פרייד. דאָס קלייד אַליין אָבער, אָן מענטש, באַהאַלט זיך אין דער טונקלקייט פון שאַנק און רופט בלויז אַרויס אומעט און טיפע ווייפולע דערינערונגען. נאָכן טויט פון עסעיסט גייען נישט פון זיין לוויה מיט אייך צוריק קיין העלדן געשאַפן דורכן נפטר און וואָס בלייבן לעבן לדורות. עס באַגלייט אייך נישט די וויזיע פון בילדער, וואָס זענען געבליבן לעבן אַ זעלבשטענדיק לעבן נאָכן טויט פון מחבר. דאָ, ווען עס שטאַרבט אַן עסעיסט, גייט אייך נאָך בלויז דער קלוגער שמייכל. דאָס מאָל — דער טיפער סקעפּטישער שמייכל פון ד״ר א. קאַראַלניק.

עס איז געווען יענער שמייכל, וואָס שטאַמט פון אַנאַליזירן און כסדרדיקן אָפּשאַצן. דער הויפּט־באַרוף פון קאַראַלניקס משפּחה איז געווען

האַנדל מיט קרעלן, וואָס האָט אים אין דער קינדהייט געלערנט אונטער־שיידן עכטקייט פון פעלשונג. דעם דאָקטאָראַט האָט ער באַקומען פון אַן אַרבעט איבער דער סקעפּטישער פילאָזאָפיע. דערנאָך האָט ער געשריבן וועגן דער דייטשער רענעסאַנס־פילאָזאָפיע, וואָס צייכנט זיך געווייג־לעך אויס מיט איר קריטיציזם. אין שטח פון זיינע גייסטיקע אינטערעסן האָבן געלעבט בשלום די איבערזעצונג פון פּרודאָנס „וואָס איז אייגנטום" און אַן אָריגינעל בוך וועגן זוהר; אימפּרעסיאָניסטישע דראַמעס אין דייטש און די איבערזעצונג פון אַ. רייזענס דערציילונגען. ער איז געווען פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער, היסטאָריאָזאָף און עסטעט. ער האָט תמיד גערעדט צו זיין דור, אין הונדערטער אַרטיקלען געפּירט זיין לייענער אויף אַלע מעגלעכע וועגן פון געדאַנק, און בשעת מעשה קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז מ׳קאָן ווען עס איז עפּעס אויסשעפּן און אפילו באַלויכטן אַלזייטיק. ער איז געווען דער סאַמע סוביעקטיוופסטער און זיך אַליין געטרייסטער שריפטשטעלער. ער האָט בלויז געגלייבט דער קורצער אָבער אַנטשיידנדיקער ווירקונג פון גייסט.

*

ער קוקט סקעפּטיש אויף דער וועלט, ער צווייפלט אין דער רעאַ־ליטעט פון פּראָגרעס, און הומאַניזם שרייבט ער אין גענזנפיסלעך. אָבער ער גלויבט אין דעם כוח פון גייסט, וואָס וועט ווען עס איז אויסלייזן די וועלט פון איר פּיין. „בלוט איז גדיכטער פון וואַסער אָבער גייסט איז גדיכטער פון בלוט" — שרייבט ער ביי אַ געלעגנהייט, רעדנדיק וועגן יידן. קאָראַלניק גלייבט נישט אין דער ריינקייט פון דער יידישער ראַסע, ווי אין דער ריינקייט פון ראַסע בכלל, ער האָט אָבער געגלייבט אין דער ריינקייט פון דער יידישער קולטור, פון יידישן געדאַנק, וועלכער האָט אויף אַלערליי וועגן, אפילו דורך קריסטנטום און איסלאַם, פאַרבעסערט און אויסגעאיידלט דעם מענטש. אונטער יידישן גייסט פאַרשטייט קאָראַל־ניק די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן מענטש, פון יחיד, פאַר זיינע מעשים; גרויסן מאָראַלישן ווילן פון יעדן איינעם באַזונדער; גרוי־סער, פּערזענלעכער עטישער כוח. אין צייטן פון געשיכטע־בין־השמשות אַנטלויפן די פעלקער צוריק צום געצנדינסט, וואָס לייגט אַרויף אַלץ אויפן

פֿאַטום, נעמט צו די אחריות פֿון יחיד און לייגט זיי אַרויף אויפֿן כלל. יידישע עטיק איז נישט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון כלל פֿאַרן יחיד, נאָר פֿאַרקערט, אַלץ הייבט זיך אָן פֿון דיר און פֿון מיר און פֿון אים, האָסט דעם פֿרייען ווילן און פֿון דיר הענגט אָפּ אַלץ.

*

„יידישער געדאַנק״ איז ביי קאַראַלניקן נישט דער באַרימטער „פּראַקטישער פֿאַרשטאַנד״, נישט דער „שכל־הישר״, נאָר דווקא דאָס איראַ־ציאָנעלע, דאָס רעוואָלוציאָנערע און, אין פֿלוג, אומפֿאַרשטענדלעכע. אין ציוניזם איז ער אַן אחד־העמיסט און טענהט, צוזאַמען מיט יענעם איידעלן טרוימער, אַז פֿאַר די אַלטע ציוניסטן איז דאָס יידנטום גופא געווען בלויז אַ ירושה, אַ צוגאָב צום פּאָליטישן אידעאַל און נישט קיין ווערט פֿאַר זיך... בעת ער רעדט וועגן דעם פּראַקטישן גליק, וואָס יידן האָבן פֿאַר־לוירן אינעם אָפּזאָג פֿון אוגאַנדע, דריקט ער אויס זיין אָנערקענונג, וואָס דאָס יידנטום איז נישט געגאַנגען אויפֿן לייכטן וועג פֿון פּראַקטישן שכל און קורצזיכטיקן אוטיליטאַריזם. דער שכל, זאָגט ער, איז עקאָנאָמיש, אָבער פֿריי פֿון יעדער וויזיע און פֿון יעדן אויסבליק אין דער צוקונפֿט. אַן אַלטער מאַן וואָס פֿלאַנצט אַ בוים, פֿון וועלכן ער אַליין וועט שוין נישט געניסן, איז נישט קיין בעל־שכל נאָר עפּעס מער, ער איז אַ שליח פֿון העכערע צילן אין לעבן. שכל, זאָגט ער, איז קאָנסערוואַטיוו, פֿויל; די געשיכטע ווערט געבויט פֿון די, וואָס גייען איבערן שכל, פֿון די גרויסע אַוואַנטוריסטן.

„דער בעסטער וועג איז נישט דער קירצסטער, נאָר דער לענגסטער, דער שטויביקסטער, דער וועג, וועלכן דער שכל פֿירט נישט״.

*

אַליין אַן אינטעלעקטואַליסט, טאַקע אַ גרויסער בעל־שכל, האָט ער שמייכלענדיק דורכגעקוקט דורך די שפּעלטעלעך פֿון דער צעלעכצטער לאָגיק. דערפֿאַר גלייבט ער אין דער שליחות פֿון העכערן שכל און קערט זיך אַ ווייל אום צו רעליגיעזיטעט. די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט זעט ער אַלס אומאויפֿהערלעכן קאַמף צווישן גאָטלאָזיקייט, ניהיליזם און — גלויבן. אַליין דער שטאַרקסטער און אומברחמנותדיקסטער אַנאַליטיקער —

איז קאָראַלניק אַן אָנהענגער פון סינטעז. אין אַ סך אַרטיקלען רייסט ער אַראָפּ די קריטישע באַציונג פון דער יידישער אינטעליגענץ צום פאָלק, און האַלט, אַז דאָס פאָלק קאָן מען אויפהייבן נישט דורך שטראָפן און מוסרן, נאָר דווקא דורך ליבע, דורך זיין פאַרגאַנגענהייט, דורכן סינטעז פון זיין געשיכטע, טאַקע דורכן אתה בחרתנו. מיט אַנדערע ווערטער: דורך ווירדע, דורך זעלבסטבאַוווסטזיין, וואָס איז אַ תנאי צו מאָראַלישער קראַפט ביי אַ פאָלק, פונקט ווי ביי אַ יחיד. אין דעם זין האָט קאָראַלניק אָפּגעשאַצט דאָס יידישע לעבן און געשריבן זיינע צענדליקער, הונדערטער אַרטיקלען וועגן אַלע פראַגן פון אונדזער עקזיסטענץ. אָט דעם היסטאָריאָזאָפישן הויפטשטריך האָט ער דורכגעפירט אויך אין זיינע צענדליקער ליטעראַרישע עסייען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין קורצן, רייכן גייסטיקן לעבן, אָנגעהויבן פון סאָקראַטעס און געענדיקט ביי ראָלאַן.

ווי האָט געזאָגט אַמאָל אָסקאַר ווײַלד: „סקעפּטיציזם איז דער אָנהייב פון גלויבן".

אַ שמועס וועגן קונסט

(ביי פעליקס פרידמאַן אין דער אַטעליע)

מיטן קינסטלער פ. פרידמאַן באַגעגענען מיר זיך זייער אָפט. אַ וואַרשעווער איינוווינער פון „עמך"־יחוס, מיט אַ גאַנץ גוטן יידיש אין מויל — פאַרברענגט ער זיינע פרייע שעהען אין דער חברותא פון יידישע קינסט־לער און שרייבער. דערצו איז ער אַ געמיטלעכער מענטש, אַ גוטער מיט־שמועסער, נישט קיין כמורנער, און האָט ליידנשאַפטלעך ליב אַ גוט בעלע־טריסטיש בוך אָדער אַ בוך לידער. ער באַטייליקט זיך תמיד אין די שמועסן, דיסקוסיעס און מחלוקתן, וואָס קומען פאָר ביים טיש וועגן ליטעראַרישע פראָבלעמען, און ער האָט אַליין אויך ליב אונטערצוזינדיקן מיט דער פעדער. נעמען אַ פענדזל אין דער האַנט — איז כאָטש גילט אים אָפּ, אָבער שרייבן איז ער אייך תמיד גרייט וויפל איר פאַרלאַנגט נאָר פון אים, אַן אַ גראָשן האָנאָראַר.

איצט האַלט פעליקס פרידמאַן ערב אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. אַן אויסשטעלונג ביי אַ קינסטלער, בפרט נאָך אַכט יאָר, איז ווי ביי אַן אַנדערן, להבדיל, אַ חתונה; עפּעס אַ פייערלעכער לעבנס־צערעמאָ־ניאַל, וואָס חזרט זיך נישט קיין סך מאָל איבער און האָט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויפן גאַנג פונעם גורל. די שטימונג איז אַ פייערלעכע, אַן עלעגי־שע, פרייד געמישט מיט שטילער שרעק. דעם חתנס חן שיינט שטענדיק דורכן ווייסן טיכל אויף די אויגן — דורך זיין טרויער. אין אַזאַ צייט מוז אַ מענטש האָבן וואָס צו זאָגן. דאָס איז אַ גורל־שעה, וואָס עפנט אויף די שטילע טויערן פון חשבון־הנפש, באַוווסטזיין און אחריות. איך האָב דעריבער גערן אָנגענומען דעם רעדאַקטאָרס פאָרשלאַג, צו מאַכן אַ באַזוך ביים מאָלער אין דער אַטעליע און טאַקע פאַר איינוועגס הערן, וואָס זאָגט אַ שטייגער אַ יידישער קינסטלער ערב זיין אויסשטעלונג.

*

איך בין אַריין אין אַ זייער גרויס, זייער ווייניק מעבלירט צימער. דער באַלעבאָס האָט מיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל אויף דער איינציקער געבעטער אַלטער שטול און אָנגעהויבן רעדן מיט מיר וועגן — ליטעראַטור, צי איך האָב געלייענט „דער געליבטער פון דער גרויסער בעריכע״, און ווי מיר געפעלט אַ לעצט ליד אין די „ליט־בלעטער״? און וואָס איך זאָג אויף „פּענעק״? אַנטקעגנאיבער מיר זע איך אַ גרויסע פּאַליצע מיט לאַנגע פּאַכן אָנגעשטעלט מיט ביכער, געהאַלטן אין אַ פּעדאַנטישן סדר. איך זאָג אים, אַז איך בין געקומען האַלטן מיט אים אַ שמועס וועגן מאַלעריי. ער צעשמייכלט זיך גוטמוטיק און זיינע אויגן וואַרפן אַ בליק אויפן בילד, וואָס געפינט זיך נאָך אויף דער סטאַלוגע. דאָס איז אַ שטיל לעבן פון אַרבוז, וויינטרויבן, עפּל און אַ פלאַש, אין זייער הייסע, ממש מיט בלוט אָנגעטרונקענע פאַרבן. נישט ווילנדיק טוסטו אַ קוק אויף דער „ווירקלעכקייט״ הינטערן בילד, וואָס שטייט סערווירט אויף אַ טישל, און דיר וואַרפט זיך אין די אויגן דער אייגנאַרטיקער אויסדרוק, וואָס די רעאַליטעט האָט אָנגענומען אויפן געמעל. ס׳איז דאָס אייגענע, אָבער עפּעס איז עס אַנדערש. די בלויע וויינטרויבן האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט דער רויטער פאַרבלוטיקטער שיין פון אַרבוז. דער ווייסער טעלער איז ווי פאַרגאָסן מיט ווין און דער שוואַרצער טיש גיט אָפּ פון זיך אַ רויטן געהיימנישפולן גלאַנץ, וואָס איז עפּעס פינצטער און מעלאַנכאָליש, וואָס שמידט צו דיין אויג, און דו פילסט, אַז ס׳האָט גאַנץ ווירקלעך אָנגעהויבן ווירקן אויף דיין שטימונג. וואַרפסט ווידער אַ בליק אויף דער ווירקלעכקייט, צום טיש, און הייבסט אָן צו זען, אַז דאָס געמעל, יאָ, איז טאַקע זייער ענלעך, זייער ווירקלעך, זייער רעאַל. נישט רעאַל און „אַבסטראַקט״ איז געווען בלויז דער אויבערפלעכלעכער בליק פון מיין אויג, וואָס קוקט על־פּי געוווינהייט און איז גענייגט צו זען תמיד שאַבלאָנע פאָרמען און פאַרבן, אויסערלעך, אָן נטיה, אָן יעדער אינטענסיוויטעט פון געפיל און איבערלעבונג.

— וואָס האָט איר זיך פאַרקוקט אַזוי לאַנג? — פרעגט ער מיך.

— איך האָב דאָ בדעה צו פאַרטיידיקן די נאַטור פאַרן אָנגריף פון קינסטלערישן באַרבאַריזם — האָב איך געזאָגט.

— איר פאַרשפּאָרט! — זאָגט פרידמאַן אייפעריק — דוכט מיר,

זי האָט נישט אין קיינעם אַזאַ גוטן, געטרייען פריינד, ווי איך בין איר. מיין גאַנצע אָנשטרענגונג, וואָס איך מאַך, און מיין גאַנצער פלייס, וואָס איך לייג אַריין אין מיין אַרבעט, איז אַלץ בלויז, כדי בעסער צו פאַרשטיין און אויסצודריקן די ווירקלעכקייט. נאַטירלעך מיין איך דאָ דאָס וועזנטלעכע, דאָס אייגנטלעכע, אַנטשולדיקט מיר פאַר דער מליצה, פאַר דער נשמה פון דער ווירקלעכקייט. טוט אַ קוק אויף די פרוכטן — ווייזט ער מיר אויפן טישל — צי דריקן נישט אויס דער אַרבוז, די עפל, די ווייַנטרויבן די מעלאַנכאָלישע ליידנשאַפט פון שפעט־זומער; דעם אומעט און די בענקשאַפט פון אַן אָפגעשפּילטער נאַטור־חתונה, נאָך וועלכער עס קומט דער ווייַנענדיקער פאַרזאָרגטער האַרבסט און דער ווייסער פראָסט? איצט טוט אַ קוק אויפן בילד, זעט איר, די געוווינהייט איז דער ערגסטער שונא פון קינסטלער, זי שטערט אייך צו זען זאַכן אין זייער אייגנטלעכקייט, אין זייער מהות, און צווינגט אייך צו קוקן דווקא אוטיליטאַר און אויבנאויף, ווי אויף אַ דיאַגראַם, אָן שום געפיל. אין דער אמתן האָב איך דאָ גאָרנישט צוגעגעבן און גאָרנישט אָפּגענומען. כ׳האָב בלויז איבערגעטראָגן די דריי דימענסיעס אויף איין פלאַך, צוגעהערט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די שטילע שפּראַך פון שאַטירונגען, פון ליכט און שאָטן און זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען דעם טיפן שפּעטזומער־איינדרוק, דעם אומעט פון רייפקייט, ליידנשאַפט און פייערלעכן טרויער. איך מיין, אַז דאָס איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט אַ פאַרשטענדעניש פאַר קונסט, אַלצאיינס צי מאָלעריי אָדער ליטעראַטור.

— יאָ, אָבער די צרה איז דאָך דאָס, וואָס די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע איז נישט די איינציקע מעגלעכע, און עס קאָן קומען אַן אַנדערער, און די זעלביקע אָביעקטן אויפפאַסן אין גאַנצן אַנדערש.

— נאַטירלעך, ווייל אויך דער שפּעטזומער און דער האַרבסט, באַגינען און פאַרנאַכט און אַלצדינג אין לעבן ווערן פאַרשידן אויפגעפאַסט, דאָס הייסט, פאַרשידן אין ניואַנסן. ווייל אין תוך ווירקט דער פרימאָרגן, למשל, אויף אַלעמען פריילעכער, ווי דער פאַרנאַכט. אָבער טאַקע אין די ניואַנסן־שטימונגען האַנדלט זיך עס. קאָן זיין, אַז אַן אַנדערער עמפּינדט אַ ביסל אַנדערש די צייטן פון יאָר, למשל, און דער שפּעטזומער ווירקט אויף אים גאָר פריילעך און כלל נישט פייערלעך. אַז אַן אַנדערע האַנט

וואָלט געפירט דעם פּענדזל אויף דער לייוונט, וואָלט ער זיכער אַנדערש געמאָלן, הגם אויך אמת, אויב די האַנט וואָלט געהערט צו אַ קינסטלער. ווי אַזוי איך דערקלער דאָס? כ׳קאָן עס טאַקע נישט דערקלערן. דאָס איז דער גרויסער סוד פון דער קונסט, וואָס זי איז אי אמת, אי אינדיווידועל און סוביעקטיוו אין איין צייט, און, אדרבא, זי מוז עס זיין, כ׳ווייס? ס׳זענען אפשר בכלל נישטאָ — און די קונסט איז דער בעסטער באַווייז דערפאַר, — קיין ריין אמתע זאַכן אָן מענטשלעכער אויפפאַסונג און אינדיווידואַליטעט. מילא, דאָס דערקלערט שוין ווייטער אַליין. איר זענט אויך נישט חולה צו טראַכטן — פאַרענדיקט ער מיט אַ קליינינק שמייכעלע אין זיינע אויגן.

איך האָב זיך פאַרקלערט, פאַרקוקנדיק זיך אויף אַ שטיללעבן מיט בלומען אין אַ בלויער וואַזע. בלומען־געמעלן זענען פאַראַן היפּש אין צאָל ביי פרידמאַנען. רויזן, ליליען, אַסטרעס, טולפּן, נעגעלעך, איריסן און נאָך אַלערליי אַנדערע בלומען, וואָס שפּילן פאַרן אויג גרופּעסווייז, איינ־מיניק אָדער אין געמישטע בוקעטן.

— איך האָב ליב פאַרב — זאָגט ער — דאָס איז די גרעסטע פרייד פון די מענטשלעכע עמפּינדונגען. דאָס אויג איז דער גליקלעכס־טער חוש ביים מענטשן. עס עמפּינדט ליכט און פאַרב, וואָס שטראָמט צו אונדז פון די ווייטע רוימען. פון פּלאַנעטן און שטערן. באַרעכנט נאָר, ווי אומבאַגרענעצט ס׳איז דער תענוג פון זען די אַלע זאַכן, וואָס מיר קאָנען נישט הערן. זון־אויפגאַנגען און שקיעות, ווייטער זון־באַלויכטענע באַרג־שפּיצן, בלויע לבנה־נעכט. גאָלדענע און גרין־זילבערנע שטערן, נו, און אַלערליי לאַנדשאַפטן, בלומען און רייך אָרנאַמענטירטע שמעטערלינ־גען, וואָס דעמאָנסטרירן זייער אומאויפהערלעך זיך פאַרוואַנדלנדיקע שיינ־קייט, אָבער בלייבן אַלע פיינטלעך־קאַלט צו אונדזער אויער און אפילו צו אונדזערע אַנדערע חושים. דערמאָנט זיך, ווי הינטערשטעליק איז דער גרילצנדיקער קוויטש פון אַ פאַווע קעגן דעם בונטן רעגנבויגן פון איר פעכער, וואָס זי צעשפּרייט איבער זיך. דוכט מיר, אַז מיט קיין שום מיטלען אין דער וועלט קאָן מען נישט אַזוי דייטלעך און אומצווײדייטיק אויסדריקן אַ שטימונג ווי דורך פאַרב. נישטאָ, למשל, אַזאַ טאָן אין דער קלאַנגען־וועלט, וואָס זאָל פאַר זיך גופא זיין טרויעריק. יעדער טאָן איז טרויעריק

אָדער פרײלעך אין אַ באַשטימטן קאָמפּלעקס, צוזאַמען מיט אַנדערע טע־נער, אַזוי צו זאָגן, אין קאָלעקטיוו. אָבער שוואַרץ, טונקל־בלוי און אפילו ווײס זענען באַשטימט טרויעריק, דריקן אויס אַ באַשטימטע שטימונג, און דאָס אײגענע, פאַרקערט, רויט, גרין, געל, וואָס דריקן אויס פרײלעכקײט, לײדנשאַפט אָדער פרײד... פאַרב איז דעריבער, זאָג איך, רײנע קוואַליטעט. אַוועקשטעלן אַ פאַרב אויפן לײוונט איז שוין פאַר זיך אַלײן אַן איבער־לעבונג. פאַרשטײט זיך, איך רעד פון אמתן קינסטלער.

— וואָס זאָל איך אײך לאַנג ברײען? — זאָגט פרידמאַן — איך בין פאַרליבט אין פאַרב. דאָס אָפּערירן מיט פאַרבן איז בײ מיר עפּעס אַ מיסטעריע. דערפאַר זעט איר בײ מיר אַזוי פיל בלומען און פרוכטן. זעט איר — האָט ער אַרויסגעשלעפּט צװײ בילדער פון שטויס, וואָס ער האָט צוגעגרײט אויף דער אויסשטעלונג — דאָ האָט איר צװײ שטיללעבנס פון פּיוואָניעס. אײנער אַ װײסער בוקעט אין אַ בלויען טאָפּ און דער צװײ־טער אַ פאַרביקער אין אַ רויטן וואַזאָן. קוקט זיך אײַן און „הערט" זיך גוט צו צום אונטערשיד פון די שטימונגען, וואָס זײ רופן בײ אײך אַרויס.

איך האָב געקוקט פון אײן בילד אויפן אַנדערן און די „שטימונג" האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן. אײגנטלעך האָט זיך עס נישט געהאַנדלט וועגן דער שטימונג גופא, נאָר וועגן אַ ניואַנס אין דער עמפּינדונג. פּיוואָ־ניעס זענען בלומען ענלעך צו כריזאַנטעמען, שײדן זיך אונטער פון יענע בלויז דערמיט, וואָס זײ האָבן לאַנגע שמאָלע בלעטעלעך, און נישט קײן האַלבע רעדלעך. די װײסע פּיוואָניעס האָבן אַ רויטלעך קעפּל אין מיטן און די קאָלירטע — אַ גרויסן געלן קאָפּ. בײ בײדע בוקעטן זענען די גרינע לאַנגע בלעטער װײנענדיק אַראָפּגעפאַלן איבער די וואַזאַנעס. ס׳איז געווען אַן ענלעך געפיל אָבער מיט אַ טיפן ניואַנס. איך וואָלט געזאָגט, ווי דאָס זעלביקע מאָלצײט, וואָס ווערט געגעסן בײ פאַרשידענע געלעגנהײטן, למשל אויף אַ שמחה און נאָך אַ לוויה. מ׳זאָגט, אַז פון אַ קונסטווערק נעמט איטלעכער אַרויס דאָס (אפשר מיט פּראָצענטער), וואָס ער איז פעיק אַרײנצולײגן. אָבער איך מײן, אַז מיר לײגן זעלטן אַרײן דעם מאַקסימום. איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן דעם גרויסן טראַגישן תהום צווישן דעם קינסטלערס טײלמאָל מסירת־נפשדיקער אינטענסיוויטעט און דער גרויסער איבערפלעכלעכער גלײַכגילטיקײט פון צופעליקן פרעמדן צושויער און

„מבין". איך האָב מיך ווידער פֿאַרקוקט אויף די אַלערליי שטיללעבנס מיט בלומען, אויבס, גרינס און געבעקס, שמאַראַגד־גרינע קאָנצעפּציעס, וואָס דערמאָנען אָן אַ זוניקן זומער־פֿרימאָרגן, רויטלעכע קאָנצעפּציעס, וואָס פֿילן זיך אָן מיט שטילן געהיימען רעש פֿון שפּעט־זומער און יונג־האַרבסט. די שווייגנדיקע פּאַרטראַכטקייט פֿון אַן אַלולדיקן מיטן טאָג און די מרה־שחורה פֿון רויטן ווינטיקן פֿאַרנאַכט. גאָלדענע סימפֿאָניעס פֿון געל און אָראַנזש מיט אַ חלה און אַ פֿלאַש ווײַן, וואָס דערמאָנט דיר אָן אַ פֿרײַטיק צונאַכטס; אומעטום קאָנסטו זיך אויסמאָלן אין דמיון די מענטשן וואָס דאַרפֿן זיצן בײַ אָט די טישן מיט פֿרוכטן, בלומען מיט געבעקס, זיי לעבן אין דער ווײַטער אייביקייט פֿון אונדזערע חלומות. אומעטום אַ קרוג, אַ בלויע אָדער אַ ווייסע. ווײַזט אויס, אַז דער קינסטלער האָט ליב אָט דעם איידעלן, הערלעכן, טראַדיציאָנעלן געפֿעס. ר'איז אי פֿאָרם אי קאָליר, געאייגנט אי פֿאַר דער צייכענונג, אי פֿאַר דער פֿאַרב. די פֿאַרב פֿון אַ קרוג דערמאָנט עפּעס אין מענטשלעכן קערפּער, אין קערפּער פֿון אַ פֿרוי, קאָן זײַן אַז דערפֿאַר ליבט זיך אַזוי פֿרידמאַן אין דעם קרוג.

דערמאָנט נישט קיין פֿרוי מיט אַ נאַקעטן אָרעם אויפֿגעהויבן צום קאָפּ — אָן אַ קרוג? און אָט שטעלט פֿרידמאַן אָן אָרום אונדז אַ ריי אַקטן; ער שפּאַרט זיי אָן אין דער קאַנאַפּע, אין דער טיר, בײַ אַ שטול, בײַ דער סטאַלוגע, בײַ די ווענט. — זעט איר, איך האָב ליב צו מאָלן דעם מענטשלעכן קערפּער — זאָגט פֿרידמאַן — וואָס גיט זיך צום שווערסטן אונטער דעם פּענדזל און די פֿאַרב. ס'איז אַ גרויסע פֿרייד איבערצוגעבן אויפֿן לײַוונט די דינאַמיק און די אומאויפֿהערלעכע פֿאַרוואַנדלונג פֿון מענטשלעך, נאַקעט, לעבעדיק לײַב. אָט דאָס, טײַערער פֿרײַנד, איז בלויז דער אונטערשיד פֿון מײַן באַציונג, כ'מיין מאָלעריש, צו אַ הייפּטל קרויט און צום פּרעכטיקן קאָפּ פֿון אַ נאַקעטער פֿרוי. איז נישט שיין דאָס הייפּטל קרויט, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעמאָלט? — האָט ער מיר ווידער אָנגעוויזן אויף אַ שטיללעבן?

— אין וואָס זשע, אַלזאָ, גייט עס אייך?

— עס גייט אין אַרויסבאַקומען דעם כּשוף פֿון דעם צאַרטן באַטאַנישן געוועב פֿון אַ צומח און פֿון לעבעדיק וויברירנדיק, בלוט־פּולסירנדיק לײַב ביים שענסטן בעל־חי — ביים מענטש, פֿאַרשטאַנען? מ'דאַרף אַרויס־

באַקומען דורך דער צייכענונג, דורך קאָליר און דורך דער אַזוי גערופענער פאַקטור. איר ווייסט עס אַליין אויך מסתמא, אַז דאָס קאָן מען דערגרייכן דורך טיפער באַגייסטערונג, אינטואיציע, ליבע און קינסטלערישע קאָנ־טעמפּלאַציע. אין קורצן זיך אויסגעדריקט — מען דאַרף אַריינטראָגן די גאַנצע אינטימע וועלט, כדי אַרויסצופילן די נשמה, די אינערלעכע נאַטור פון דער זאַך. מען דאַרף אַריינברענגען אינדיווידואַליטעט. פון דאַנעט, פאַרשטייט זיך, פירט אַ וועג צו פסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג. אַט קוקט אַן אָקאָרשט די בילדער און זאָגט אי״ר.

איך האָב אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די בילדער, איינס נאָכן אַנדערן. מיין אויג איז געבליבן שטיין אויף איינס פון זיי. עס איז געווען אַ קערפּער פון אַ יוגנט, וואָס וויקלט זיך אַ לאָק אין די בלאָנדע האָר. סיי די באַוועגונג גופא פון אומשולדיק אויסגעדרייטן קאָפּ און די גאַנצע פּאָזיציע פון פּראָפיל, דער אויסדרוק פון פנים און דער קאָליר פון גאַנצן בילד, וואָס פאַלט אַראָפּ פון העלן ראָז ביז טונקל באָרדאָ, דריקן אויס אומשולד, צניעות און תמימות, וואָס קאָן אויסברעכן אין ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז.

מיין בליק איז געפאַלן אויפן צווייטן בילד, וואָס האָט פאָרגע־שטעלט אַ פרוי אין דער פולער רייפקייט. די פאַרב איז וואַרעמער, אינ־טענסיווער און שווערער. עס דערמאָנט עפּעס אין רייפע סעדער, גאָרטן־הייזלעך און די ערשטע פאַלנדיקע קליאָן־בלעטער אין שוואַרצע סטאַוון.

און אָט איז ווידער אַ קערפּער אין שפּיגל, וועלכער האָט געהאָלפן דעם קינסטלער פאַרצושטעלן דעם אַקט אין זיינע אַלע דריי דימענסיעס, אָבער די קאָנטורן זענען עטוואָס פאַרווישט, ווי צו באַטאָנען דאָס אילו־זיאָנערע פון דער וויזיע. די פאַרב, ווי די באַציונג פון אונדזער געפיל צום אילוזיאָנערן, איז הייס פייערדיק־אָראַנזש.

אַ פרוי אין אָפּרו, אין אָפּקילנדיקער מידקייט נאָך ליידנשאַפטלעכן אויסברוך, שמאַראַגד־גרינער, פרימאָרגנדיק־גרינער געדאַנקען־אויסלייטערנ־דיקער הינטערגרונט. די פרוי זיצט האַלב־ליגנדיק מיט צוגעשלאָסענע אויגן מיט אַן אויסדרוק פון אורמענטשלעכער רו אויפן פנים.

אַ דיקע פרוי, וואָס אירע אויגן קוקן אַרויס מיט אַן אומענדלעכן אומעט פון איר דיק קיילעכדיק פנים. דוכט זיך די ווייסע קישנס פון איר לייב וויינען מיטן געוויין פון שווערקייט און איבערפולקייט. — —

און אָט איז דאָס ליכט פון אַ העלן זילבערנעם קערפּער, וואָס דער־מאָנט סיי אין דער ליגנדיקער באַוועגונג, סיי אין דער צייכענונג און סיי אין דער פאַרב, די אַקטן פון די אַלטע מייסטערס. ס'איז אַ בלענדענדיקער פלעק אויף אַ טונקל־רויטלעכן הינטערגרונט.

— איר זאָגט רובענס? מעגלעך, רובענס איז אַ גרויסער קינסט־לער געווען, איך האָב אים נישט ליב. דאָס איז שוין מסתמא מיינס אַ פּער־זענלעכער געשמאַק. איר ווייסט, אין תוך זע איך נישט אין דער קונסט קיין שום אַנטוויקלונג, נאָר אַ קייט פון אומאויפהערלעכע פאַרוואַנדלונגען. יעדע עפּאָכע בויט לחלוטין איבער די ווירקלעכקייט, פאַסט זי אויף און אינטער־פּרעטירט זי אַנדערש, נאַטירלעך אין הסכם מיט די באַגריפן פון די פּסיכאָ־לאָגישע הויפּט־ליניעס פונעם דור. דעם נאַקעטן קערפּער האָט מען גע־מאָלט אין פאַרשידענע תקופות, אָבער יעדער עפּאָכע זעט אים אַנדערש און נעמט אים אַנדערש אויף, דערפאַר מוז אַנדערש זיין די קאָמפּאָזיציע און די קאָלאָריסטישע סימפּאָניע. לאָמיר עס אָנרופן סוגעסטיע פון קער־פּער, פּונקט אַזוי פון אַ פּייזאַזש, שטיללעבן אָדער קאָמפּאָזיציע. די דאָזי־קע סוגעסטיע וועט לעבן אַזוי לאַנג ביז עס קומט נישט די גרויסע אינדי־ווידואַליטעט, וואָס ברענגט אַן אַנדערע, אַ נייע סוגעסטיע, וועלכע שאַפט אַן אַנדערע פאָרעם און אַ נייע עפּאָכע אין דער קונסט.

— פון וואַנעט באַקומט עס די דאָזיקע אינדיווידואַליטעט אָט די נייע סוגעסטיע? —

— ווייס איך נישט, בין נישט מחויב צו וויסן. אפשר, ווי איר זאָגט, פון דער סביבה פון די היסטאָרישע פאַקטן, פון דער געשיכטלעכער אַטמאָספערע. אָבער, יעדנפאַלס מוז עס זיין אַ גרויסע קינסטלערישע פּער־זענלעכקייט, וואָס זאָל אָפּוואַרפן אַלע געוווינהייטן און זיך צוהערן צום רוף פון זיין ערע. דאָס הייסט, מען מוז זיין אַ גרויסער קינסטלער, כדי צו דערהערן דעם אמת, די אמתע רעאַליטעט. יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז נישט די טעמע איז דאָ דער עיקר, נאָר די וויזיע, די קרעאַציע, די אינטערפּרעטאַ־ציע פון דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. די שפּראַך פון קינסטלער איז נישט די טעמע, נאָר דער אופן פון באַהאַנדלונג, זיינע אייגענע באַ־גריפן און עמפּינדונגען, וואָס איז שיין און וואָס איז מיאוס. אַ ווערק ווערט

געשאַפן אין זייער סובטעלע נשמה־צושטאַנדן, ווען מ׳קאָן זיין ערלעך צו זיך ווי פאַר גאָט אַליין. מען מוז זיך אויסלייזן פון עגאָיזם און טעמפּעליידנשאַפטן, סובלימירן די חושימדיקע איבערלעבונגען און דערהויבענע געפילן.

— נו, דאָס איז אַלץ נוגע זיך, און ווּ איז דער מיטמענטש, וועלכן דער קינסטלער דאַרף העלפן צו פרייהייט און אויסלייזונג?

— דורך זיך — טאַקע צום מענטשן, איר פאַרשטייט. כ׳מיין אַז דער קינסטלער מוז נישט דווקא רעאַגירן אויף געזעלשאַפטלעכע אָדער פּאָליטישע דערשיינונגען. דער עפּל, די באַרנע, פלוימען און ווייַנטרויבן און אַלע גוטע זאַכן דאַרפן זיין פאַר אַלעמען, אָבער צי קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַרישע אָדער סעמיטישע פלוימען, קאַפּיטאַליסטישע אָדער פּראָ־לעטאַרישע עפּל? קונסט איז קודם־כל געננוס און נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע. מען פאַרלאַנגט פון דער קונסט די באַשטעטיקונג פון עטישע פּרינציפּן, אָבער בלויז איר יש אַליין, איר פרידלעכע ראָל, איר מענטשלעך־אינטי־מער אָפּשטאַם און איר פעיקייט צו לעבן בלויז אין שטילקייט און אין שלום — איז די באַשטעטיקונג פון די גרעסטע עטישע פּרינציפּן אינעם לעבן. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, עמעצער זאָל זיך עסן רויק קאַרשן, בעת מ׳וועט אים שטעכן נאָדלען אין לייב? אָדער קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי איינער זינגט און שפּילט זיך צו אויף אַ גיטאַרע אין אַ שטורעם, ווען אַ האָגל פליט אים אין קאָפּ? איז די באַיאָונג פון קונסט אַליין דען נישט דער גרעסטער אַרגומענט פאַר אַלע גוטע און שיינע זאַכן, וואָס זענען דאָ און דאַרפן זיין אין אונדזער לעבן און דער פאַראורטייל פאַר אַלע אומיושר־דיקייטן און געמיינהייטן?

— בכן, אויך קונסט לשם קונסט?

— איך שרעק זיך נישט דערפאַר. יאָ, פּונקט ווי לעבן צוליב לעבן. דער מענטש פאַרן מענטשן און די וועלט פאַרן לעבן און פאַרן מענטשן. קונסט איז דאָך בלויז איבערגעדיכטעטעווירקלעכקייט, ווירקלעכקייט פּלוס מענטשלעכע יסורים, מענטשלעך גלויבן, ליבע־בענקשאַפט און גרויסע ערלע־כע שטרעמונגען, נישט אמת? איז פאַרוואָס זשע נישט קונסט צוליב קונסט? אויב זי, די קונסט, איז נאָר ריכטיק פאַרשטאַנען געוואָרן און נישט מיס־

געברויכט. און אויב מיסברויכן קאָן מען דאָך נאָך מער, דוכט מיר, מיט קונסט צוליב פּראָפּאַגאַנדע.

דער שמועס האָט זיך נאָך לאַנג געפירט אויף אָט דער טעמע, ביי וועלכן איך האָב אָנגעוואָרפן פאַרשידענעביישפּילן פון דער ליטעראַטור, און פרידמאַן — פון דער מאָלעריי.

ס׳איז געוואָרן שפּעט. די שטיללעבנס, אַקטן, קאָמפּאָזיציעס און פּאָרטרעטן, וואָס איך האָב דערוויל באַטראַכט, זענען וואָס אַ מאָל טונקעלער געוואָרן און זיך צעבערענט אין טונקעלע צעגאָסענע פלאַמען פון זון־אונ־טערגאַנג. די באַוועגונג אויף דער גאַס, וווּ ס׳גייען אַרויס די פענצטער פון דער אַטעליע, איז געוואָרן געדעמפטער און איינגעהאַלטענער. מיר האָבן זיך עפּעס ביידע פאַרטראַכט, און ס׳איז שטיל געוואָרן. און פּלוצלינג האָט די ווייסע שיין פון אַ גאַז־לאָמפּ קעגנאיבער דעם פענצטער אויסגעלייגט אַ גרויסן ווייסן קוואַדראַט אויף דער וואַנט און אָנגעצונדן עפּעס אַ העל פּנים פון אַ פּאָרטרעט מיט אַ געהיימנישפול ליכט. פרידמאַן איז שנעל צו צו דער טיר און אַרויפגעדרייט די עלעקטרי, מיר האָבן זיך עפּעס ווי בייגע־ריק אָנגעקוקט.

— שוין אַכט יאָר — האָט פרידמאַן זיך אָפּגערופן — פון יענער אויסשטעלונג, און די פּאָר יאָר וועלן זיך אַדורכרוקן, ווי מיינט איר?

— וואָס קאָן מען טאָן? — האָב איך געזאָגט, אויפשטעלנדיק זיך, עס איז דאָך אויך ווירקלעכקייט. מ׳דאַרף אויפהאַלטן דעם הומאָר און טאַקע עפּעס טאָן אויך, דאָס איז אַלץ.

אָן אַ ברירה

פֿאַראַן אַן אַלטער יידישער מנהג צו לערנען איוב בשעת עס עס טרעפֿט אַ צרה: ווען עמעצן קומט אָפּ חלילה אַ גליד פֿון דער משפּחה, עס שטאַרבט אַ ווייב, אַ קינד, דער טאַטע אָדער די מאַמע, אָדער ווען ס׳פּאַסירט עפּעס אַן אַנדער אומגליק. דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ, וואָס האָט נישט קיין ווערטער אין מויל, אויסצוטענהן זיך מיט גאָט, די וויינענדיקע אויגן, וואָס די אומבאַגרייפֿלעכע קראַפֿט פֿון נויטווענדיקייט און שיקזאַל האָט געצוווּנגען אַ קוק צו טאָן אין תהום — הייבן אָן זען די שוידערלעכע געשטאַלט פֿון יענעם ביבלישן מאַן, וואָס זיצט אויף דער ערד מיט אַ זאַק אויף די לענדן און קראַצט מיט אַן ערדענעם שאַרבן זיין לייב און הייבט אָן רעדן מיט זיין מעכטיקן, הימל־רייסנדיקן פּראָטעסט און לסוף אויך גרויסער דערלייזנדיקער טרייסט און פֿאַרשטענדעניש פֿון גרויסע זאַכן. איך דערמאַן זיך, ווי מיין פֿאָטער איז אויך געזעסן אַמאָל אויף אַ פּוס־בענקעלע און מעין געוועזן אין אַ גרויסן, אַלטן ספר און — גע־שמייכלט. יאָ, איך האָב מיך דעמאָלט שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, ווייל דאָס איז געווען נאָכן טויט פֿון זיין עלטסטער אַכצן־יאָריקער טאָכטער. אין אבלות, האָט ער מיר אויפֿגעקלערט, איז מען זיך נוהג צו לערנען איוב. מ׳דאַרף זיך לערנען מצדיק זיין את הדין.

עפּעס אַ טיפֿע טראַגעדיע קומט פֿאָר אין אונדזער היינטיקן יידישן לעבן, וואָס מיר קאָנען נישט מצדיק זיין דעם דין. פֿאַרשטייט זיך, איך מיין נישט אין רעליגיעזן זין, אָבער, אַז מ׳טוט אַ קוק אין דער רעטראָספּעק־טיוו פֿון אונדזער לעבן און מיר דערזען פּלוצלינג, ווי גאַנצע קהלות פֿון שטעט און לענדער זענען אויסגעראָטן געוואָרן, און צענדליקער, הונדערטער טויזנטער זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן אויף הפקר אין דער בייזער, שטור־רעמדיקער, מיטלאַלטערלעכער נאַכט, באַרויבט און געשענדעט געוואָרן און

אויסגעמאָרדעוועט געוואָרן מיט אַלערליי מיתות משונות אין זייערע אייגענע וווינונגען און אין די ווינונגען פון זייער גאָט — נעמט אונדז אַרום עפּעס אַ מאָדנע אויסטערליש געפיל. אַז איך לייען די דאָזיקע פון בלוט און טרערן צעוויטיקטע בלעטער פון אונדזער געשיכטע, קאָן איך מיר נישט אַרויסיאָגן פון קאָפּ אַ זלידנעם געדאַנק, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר און לאָזט מיך נישט צורו, אַז די דאָזיקע אַלע קדושים פון מאַינץ און נירנבערג און פראַנקפורט און האַמבורג און אויך פון וואָרמס און אויך שפּעטער פון אומאַן און טולטשין האָבן געהאַט אַ ברירה! ס'איז אפשר אמת דאָס, וואָס אַ סך היסטאָריקער שטעלן פעסט, אַז די עיקר סיבות פון אַלע גזירות און נגישות אויף יידן זענען, אויך אין די אַמאָליקע צייטן, געווען עקאָנאָמישע. ס'איז געווען אַ שנאה, וואָס איז פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן צוליב קאָנקורענץ און מאַטעריעלער נויט. די מאַסן, וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף יידן, וואָלטן אפשר נישט „באַזעלט" געוואָרן פון אַזאַ היסטערישער באַגייסטערונג, ווען זיי וואָלטן אונדז נישט געקאָנט פשוט אויספּלינדערן און באַרויבן. אָבער סיי־ווי־סיי איז יעדער איינציקער פון זיי, כ'מיין פון די שונאים, געווען גרייט אין ווילדסטן מאָמענט אַריינצושטעקן דאָס אויסגעשאַרפטע שטעכנדיקע מעסער צוריק אין גאַרטל אָדער אין דער כאָלעווע, אויב — דער קרבן האָט זיך אונטערגעגעבן, האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ גייסטיק און באַשטאַנען אָנצונעמען יענעמס גלויבן. מער האָט מען נישט געפאָדערט, ווי דאָס שטיקעלע גלויבן — נישט דעם גוף, נאָר די נשמה.

עפּעס אַ שוידער נעמט אַרום טראַכטנדיק וועגן יענע וווּנדערלעכע מענטשן פון אונדזער פאָלק. זיי האָבן געהאַט די ברירה אַריינצוגיין צוריק אין לעבן, צו געניסן פון דער זון און לופט, עסן און טרינקען, חתונה האָבן און, אדרבא, נאָך באַקומען אַלערליי פּריווילעגיעס און מעגלעכקייט צו שטייגן אויפן לייטער פון דער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפט, זיי האָבן אָבער די ברירה נישט אָנגענומען, נאָר אומגעקומען, און טיילמאָל מיט די אייגענע הענט, אָדער דורך די הענט פון זייערע געליבטע. דווקא צוליבן גלויבן, גראָד אויף די פּרוכתן פון די ארון־קודשס און די פּאַרמעטן פון די ספרי־תורות. זיי זענען אומגעקומען מיט פּסוקים פון תהילים און איוב אין מויל. זיי האָבן מצדיק געווען דעם דין!

אין אַנבליק מיט יענע יידישע פּורעניות איז אונדזער טראַגעדיע אַ סך טרויעריקער, ווייל מיר האָבן נישט קיין ברירה. אין די גזירות רעות, וואָס קומען אויף אונדז היינט צו טאָג, פעלט עפּעס די זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, די פעסטקייט, די שטאַרקייט פון געמיט, וואָס איז שוין אַליין אַ האַלבע טרייסט. די טראַגעדיע פון דייטשן ייד, וואָס מען וואַרפט פלוצ־לינג אַרונטער אונטער די רעדער פון זיין אייגענעם וואָגן, איז דאָך נישט דאָס, וואָס מ׳וויל אים אָפּרייסן פון זיין גאָט און גלויבן, און ער ווייסט כאָטש פאַרוואָס, נאָר דווקא דאָס, וואָס ער ווייסט נישט פאַרוואָס; ער האָט זיך אין אַלע פּרטים צוגעפּאַסט צו דער אַרומיקער וועלט, אָנגענומען אירע מנהגים, אירע טראַדיציעס, געוואָרן דער העראָלד פון איר קולטור, גערעדט אויף איר שפּראַך און געדינט צו איר גאָט. די טראַגעדיע איז, וואָלט איך יעזאָגט, אַ דערנידערנדיקע טראַגעדיע. זיי פרעגן תמיד פאַרוואָס, זיי האָבן נישט קיין ברירה!

כ׳האָב דאָ נישט געמיינט פּוגע בכבוד צו זיין, חלילה, די דייטשע יידן. פאַרקערט, מיר וואָלטן זיי געקאָנט נעמען פאַר אַ מוסטער פון אָרבעט־לעכקייט און טאָלעראַנץ. דער גורל שטויסט זיי איצט אין די אָרעמס פון דער גרויסער יידישע געמיינשאַפט מיט דער זעלביקער קראַפט, ווי זיי האָבן זיך אַליין פריער געשטויסן צו דער גליקלעכער דייטשער געמיינשאַפט. אָבער סיי־ווי־סיי געהערן מיר אָפּט אַלע אַהין גיכער ווו דער גורל באַשטימט אונדז, איידער ווו מיר באַשטימען זיך אַליין. מיר אַלע נעמען זיי צו מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט, ווי ביין פון אונדזער ביין און פלייש פון אונדזער פלייש. אין דער אמתן האָב איך זיי איצט דערמאָנט בלויז פאַר אַ משל, וואָס האָט שרעקלעך בולט געמאַכט די טראַגעדיע פון אונדז אַלעמען, כ׳מיין פון אונדז אַלע וועלטלעכע, אויפגעקלערטע יידן אין אייראָפּע און אין דער גאַנצער וועלט. עס איז גוט, וואָס מ׳שטעלט אונדז נישט פאַר קיין נסיון, עס איז גוט, וואָס מ׳גיט אונדז נישט די ברירה, אָבער פון וואַנעט ווייסן מיר, אַז מיר וואָלטן דעם נסיון אויסגעהאַלטן און ווי אונדזער ברירה וואָלט אויסגעפאַלן? ווו איז אונדזער איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט פון אונדזערע קרבנות? מיט אַנדערע ווערטער: וואָס פאַראַ נייע ווערטן האָבן מיר באַשאַפן און וואָס פאַראַ אַלטע ווערטן האָבן מיר אויפגעהיטן און נישט פאַרלענדט אין אונדז, וואָס זאָל אונדז געבן די איבערצייגונג

אין דער נויטווענדיקייט פון אונדזערע יסורים, וואָס זאָלן שאַפן אין אונדז דאָס געפיל פון פריוויליקייט און ברירהדיקייט, פון דעם ווירדיק־מענטש־לעכן אין אונדזערע ליידן?

איך ווייס, אַז איך וועל ציען אויף זיך דעם צאָרן פון אַ סך „פּראָ־גרעסיסטן", ווען איך וועל מיך איינשטעלן צו זאָגן, אַז אונדזער טראַגעדיע, כ'מיין קודם־כל מאָראַליש, איז נישט קלענער, ווי די טראַגעדיע פון די דייטשע יידן. כ'ווייס זייער גוט, אַז די מאָדערנע יידישע קולטור איז אין איר אינטענץ די אייגענע קולטור, וואָס די קולטורן פון אַלע אייראָ־פּעיש־דעמאָקראַטישע פעלקער. אַ קולטור, הייסט עס, וואָס שטרעבט צו ניוועלירן, אויסצוגלייכן, צונויפמישן און די אונטערשידן צו פאַרווישן צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק און צווישן וועלכע עס איז אַנדערע גרופּעס. עס איז אַ ראַציאָנאַליסטישע, פּשוט מענטשלעכע קולטור, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר יעדן פאָלק, וואָס וווינט אויף זיין ערד, עסט ברויט אין דער היים און שלאָפט אונטער זיין אייגענעם דאַך, וואָס ליגט נישט אין אַ געצעלט אָפּן פאַר אַלע פיר ווינטן אין דער וועלט, און עס דאַרף זיך נישט באַשיצן פון בייזע שטורעמס און שלאַקס־רעגנס, וואָס וועלן פאַרפלייצן און אונטערשווענקען זיין עקזיסטענץ! עס שלעפּט זיך נישט אַרום פון לאַנד צו לאַנד, אַלע טאָג אונטער אַן אַנדערע זון, וואָס ברענט אים דעם קאָפּ, און אַלע וואָך אויף אַן אַנדערן באָדן פון שטיינער און דערנער, וואָס פאַרוווּנדן אים די פיס! דאָס יידישע פאָלק, וואָס וויל נישט (אויב עס וויל נישט) ווערן אויסגעראָטן סיי פון זיין אינטעליגענץ, פון זיינע שפּיצן — פון אויבן און סיי פון די מאַסן פון אונטן — מוז האָבן אַן אַנדערע קולטור. אַן אייראָפּעישע קולטור? יאָ, אָבער נישט בלויז אייראָפּעישע קולטור, נאָר עפּעס מער. פאַר גרויסע טיילן פון אונדז שטייט פאַר היינט, אין אַ ווילדער, באַרבאַרישער, פון גאָט פאַרלאָזענער צייט, אויסגעראָטן צו ווערן פיזיש. עס איז שלעכט, עס איז טרויעריק, עס איז טראַגיש. אָבער קוים טראַכט מען נישט מיט פערזענלעכע, נישט מיט פּרי־וואַטע, נאָר מיט נאַציאָנאַלע, מיט היסטאָרישע קאַטעגאָריעס, שטייט דאָך אונדז פאַר אין אַלע צייטן, יאָ, אויך אין גוטע צייטן פון „פרייהייט", גלייכ־הייט און ברידערלעכקייט" — אויסגעראָטן צו ווערן גייסטיק! וואָס פאַר אַ ווערטן האָבן מיר דען באַשאַפן, וואָס זאָלן אָפּהאַלטן אונדזערע קינדער

און זייערע דערציערינס, די מוטערס, זיך נישט צו אַסימילירן און פאַר־שווינדן צו ווערן און אויסגעראָטן צו ווערן אַלס גלידער פון אונדזער אַלטן, בלוטנדיקן פאָלק? עס איז גוט אַש, עס איז גוט בערגלסאָן, עס איז גוט ווייסנבערג א. א. וו., אָבער צי גלייבט עמעצער, אַז זיי זענען בכוח אָפּצוהאַלטן אונדזער פאָלק פון גייסטיקער פאַרשווינדונג אין אַ גוטער צייט און געבן דעם קלאָרן באַוווסטזיין, דאָס אחריות פאַרן קיום פון פאָלק, דעם זין פון אונדזערע יסורים אין אַ שלעכטער צייט?

זעט איר, דאָס דאָזיקע האָבן אונדזערע עלטערן גראָד אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען. אין דער טיפער היסטאָריאָזאָפישער פאַרשטענדעניש פאַר זייער קיום האָבן זיי געוווסט, אַז מ׳מוז אָפּהיטן אַ געוויסע אָריגינאַליטעט, אויב מ׳וויל אָפּהיטן דאָס פאָלק ווי אַ גאַנצן קערפּער, ווי עס פירט זיך אין דער נאַטור: יעדער לעבעדיקער קערפּער מוז פאַרמאָגן אַ געוויסע פיזיאָנאָמיע, אַ געוויסע אינדיווידואַליטעט. זיצנדיק און אַרומוואַנדערנדיק כסדר צווישן פרעמדע פעלקער, האָבן זיי אויסגעטראַכט דעם שלא ככל הגויים, נישט מחמת שנאה צו פרעמדע פעלקער, ניין, יידן האָבן קיינמאָל נישט פיינט געהאַט, נאָר פשוט צוליב דער נויטיקייט אויפצוהאַלטן דעם אייגענעם קיום. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז ס׳גייט דאָ נישט אַזוי שטאַרק אין לשון, אפילו נישט אַזוי שטאַרק אין דער הלבשה, אויף וועלכער ס׳איז באמת נישט געווען קיין שום איסור; איך וואָלט אפילו גע־זאָגט, אַז אויך נישט אין גלויבן, ווייל סוף־כל־סוף קאָן דאָך אַ גלויבן אַרונ־טערנעמען אַ סך פעלקער, גאַנץ פאַרשידנאַרטיקע און צווישן זיך פיינטלעכע, למשל איטאַליע און אַביסיניע — עס גייט גאָר אין עפּעס אַנדערש, לאָמיר עס פשוט אָנרופן קולטור, נאָר מיט איין תנאי, אַ קולטור, וואָס העלפט צו דעם קיום פון פאָלק און איז נישט גורם אים צו פאַרלענדן.

וואָרן וואָס איז דען קולטור? מ׳דאַרף נישט לאַכן פון די וואָס האַלטן, למשל, אַז קולטור איז זייף, אַ ריין העמד און גוטע מאַניערן. אויך דאָס איז אַ מיטל צו דערהאַלטן דעם מענטשן, דאָס איז נאָר די ערשטע מדרגה. אָבער קולטור הייסט אויך, זיך קאָנען אַן עצה געבן אין אַ שווערער סיטו־אַציע, צופּאַסן דאָס אייגענע לעבן צום לעבן פון די מענטשן אויף דער וועלט, נישט שטיין אין קיין סתירה מיט דער וויסנשאַפט פון דער צייט, מיט די גוטע מנהגים פון דער צייט, בקיצור: זיין אַ מענטש צווישן מענטשן.

וואָרן קיינער וועט דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז אַריינגיין אין טראַמוויי מענטשלעך איז יאָ קולטור, און ווירדיק ענטפערן עמעצן אויף אַן אָנפאַל, אַ באַליידיקונג לויט די באַגריפן פון דער צייט, הייסט נישט קולטור. קול־טור, בקיצור, הייסט עפּעס אַזוינס, וואָס העלפט דעם מענטשן עקזיסטירן אין פּרט, ווי אַ אינדיוויד, און אין כלל ווי אַ קלאַס אָדער פאָלק. אין דעם לעבן פון יעדן כלל ליגט, אייגנטלעך, די נשמה פון פּרט, אַנדערש ווערט ער אָפּגעריסן פון כלל, גייט ער אַרום מיט אַ צעריסענער נשמה און פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ פּלעווע אין ווינט. נישט אומזיסט האָט היינע, דער אָפּ־געריסענער פון יידישן שטאַם, אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: אַ ייד קאָן זיין אָדער אַ טראַגישער מענטש אָדער אַ מנוול. קולטור איז אַ מאַסן־דערשיינונג, וואָס איז באַשאַפן פאַרן פּרט. די יידישע אַלטע קולטור, אַ קולטור פון אַ פאָלק, פון זיין געשיכטע, פון זיין קיום, איז נישט געגאַנגען אויפן וועג פון נאָכקאָפּירן און נאָכמאַכן אַנדערע און האָט אייביק געהאַט אין דער אינטענץ די עקזיסטענץ פון גרויסן יידישן פאָלקס־קערפּער. דערפון האָט יעדער יחיד געשעפּט מוט און אויסדויער, סיי אין פּריוואַטן, שווערן לעבן, סיי אין שווערן, יסורימדיקן פאָלקס־לעבן. דאָס איז געווען אַ קולטור, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם יחיד פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אים פשוט געגעבן אַ זין און אים געלערנט שיין און ווירדיק אַליין אויסקלייבן די ברירה. די יידישע מאָדערנע קולטור פאַרמאָגט עס לעת עתה נישט.

דאָס ליכט פון עקסטאַז

צום פיר און צוואַנציקסטן יאָרצייט נאָך י. ל. פּרץ)

די גאַנצע, בערך קורצע, צייט פון פּרצס ליטעראַרישע טעטיקייט איז געווען אַ בייזע פינצטערע צייט פאַר די מאַסן־ישובים פון די אייראָפּעישע יידן. אויף דעם אָפּהילך פון די רעוואָלוציאָנערע שטימען, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער גאַנץ אייראָפּע, האָט די צאַרישע פּאָליציייִשע מלוכה געענטפערט מיט פּאָגראָמען, מאַסן־גירושים, גזירות־רעות. אויפן שטח פון גאַנצן יידישן תחום אין רוסלאַנד, אוקראַינע, פּוילן און אויך רומעניע זענען פאָרגעקומען שחיטות און מאַסן־מאָרדן און רויבערייען פון יידיש האָב און גוטס. הונדערטער טויזנטער יידן האָבן ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט, אַרויסראַטעווען זיך פון די צונויפגעדריקטע, הונגעריקע און פאַגראַמירטע שטעט און שטעטלעך, און אַוועקלאָזן זיך אין אומבאַקאַנטע לענדער מעבר־לים, אָן אַ פאַרגאַנגענהייט און מיט אַן אומבאַוווסטער צוקונפט.דאָס יידישע לעבן פון אינעווייניק איז געווען צעריסן. עס האָבן זיך איבערגעבראָכן אַלטע טראַדיציעס, עס האָבן זיך אויסגעלאָשן אַלטע מנהגים און דער אַלטער גלויבן האָט אָנגעהויבן אויסצוגיין. אויך דאָס ליכט פון דער השכלה האָט גענומען צאַנקען, זיך לעשן; עס האָבן אַנטוישט איר פרומע אפּיקורסות און איר נאַיווער גלויבן אין קורצן ראָק און אין חסד פון מלכות. מלכות האָט פאַרראַטן, אָפּגעקערט זיך פון די אויפגעקלערטע פונקט ווי פון די פרומע, און ביי דער ערשטער בייזער געלעגנהייט פון 1914, אַ יאָר פאַר פּרצס טויט, האָט זיך גענומען שיטן מיט טויט־קלעפּ. איין קלאַפּ שווערער פאַרן אַנדערן. יידיש האָב און גוטס האָט זיך אויסגעשטעלט אויף הפקר, מ׳האָט דערקלערט אַלע יידן פאַר שונאים; אַרויסגעטריבן זיי און אונטערגעצונדן זייערע שטעט — עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס יידישע

געצעלט וועט אַרויסגעריסן ווערן פון שטורעם און מיר ווערן דאָ פאַר־טיליקט אויף אייביק.

מיט וואָס האָט מען געקאָנט קומען טרייסטן, אַז יעדעס וואָרט איז שוואַך געווען, און מיט וואָס האָט מען געקאָנט קומען העלפן, אַז יעדע הילף איז צו קליין געווען? עס איז נייטיק געווען די גרויסע שטאַרקע נאַ־ציאָנאַלע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל אָנצינדן אַ פייער פון התלהבות און אַ גלויבן אין אונדזער אמתער גייסטיקער, נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס מ׳קאָן נישט אומברענגען. נישט שטייגער־לעבן פון יידישע מענטשן, נאָר נשמה־לעבן פון יידישן כלל; נישט אונדזערע מאַטעריעלע דראָבערונגען אויף דער ערד, וועלכע איז קאַרג און שטיפמוטעריש פאַר אונדז אויף דער וועלט, נאָר דעם הימל, וואָס שפּרייט זיך אויס ריין און לויטער איבער אונדזער קאָפּ; נישט דעם באָדן, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט אונטער די פיס, נאָר די שטערן, וואָס לייכטן אונדז איבערן קאָפּ. עס איז געגאַנגען אינעם גרויסן לעבנס־קלוגן קאָמפּראָמיס פאַר אַ פאָלק, וואָס וויל און האָט כוח צו לעבן. עס איז געגאַנגען אינעם ריזיקן עקוויוואַלענט פון ערד, לאַנד, מלוכה, פרייהייט, זעלבשטענדיקייט און ווירטשאַפט, וואָס ס׳פאַר־מאָגט יעדעס געזונט און נאָרמאַל פאָלק אונטער דער זון; אַן עקוויוואַ־לענט, וואָס זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט און די באַדינגונגען ממשיך צו זיין אונדזער קיום; וואָס זאָל שטאַרקן די אָפּגעשטאַנענע און אויפ־הייבן די געפאַלענע; עס איז געווען נייטיק דער עקסטאַז, וואָס צינדט אָן זיין ווייס מיסטיש ליכט דאָן ווען בייזע צפון־ווינטן ביינאַכט לעשן אויס דעם שכל, וואָס האָט אָפּט מאָל ליב צו גיין האַנט ביי האַנט מיט צווייפל, מיט יאוש און אונטערגאַנג; עס האָט געדאַרפט אויפפלאַקערן די התלהבות, די העכערע, איבערזינלעכע און איבערשכלדיקע פרייד, וואָס זאַמלט אַרום זיך, ווי אַ שייטער ביינאַכט, אַלע פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרצווייפלטע, אָפּגעקילטע, אַפּאַטישע און פאַרלוירענע: זיי זאָלן זיך אָוועקזעצן אַרום אים, פאַרקוקן זיך אין די טאַנצנדיקע און ווינט־גע־יאָגטע פלאַמען, חלומען ווייטער דעם לאַנגן דורותדיקן חלום און זאָגן שטיל: מיר זענען נאָך דאָ!

עס זענען געווען גרויסע קינסטלער, גרויסע שריפטשטעלער, זייער וואָרט האָט געקאָנט אויסשפּילן אַלע גאַמעס פון אונדזער פרייד

און טרויער — אָבער קיינער האָט נישט אַזוי העל אָנגעצונדן אונדזערע חלומות, אונדזער אייגנטלעכסטע ווירקלעכקייט ווי ער. אונטער זיין האַנט האָבן ווידער אָנגעהויבן בליען אונדזערע אינטימסטע טרוימען, וועל־כע מיר האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך אין דעם טראַגישן נע־ונד פון אונ־דזער געשיכטע; אונטער זיין כישוף האָבן אָנגעהויבן לעבן אונטער דער זון פון העלן אייראָפּעישן ראַציאָנאַליסטישן בייטאָג — אונדזערע ריינע, דערהויבענע און טיף־מענטשלעכע אידעאַלן. פאַר אונדזער יוגנט האָט ער אַוועקגעשטעלט די גרויסע שיינקייטן און טיפערע פרייד אין זין פון מסירת־נפש און גלויבן, און פאַר אונדזערע געלערנטע, משכילים, פאַר־שער און גריבלער — האָט ער אַוועקגעשטעלט די שאַפנדיקע התלהבות־דיקע פרייד פון חסידיזם; פון סינטעז, פון אַ יידישן מאָניזם, וואָס קוקט ליכטיק, נאַיוו און מיט פיעטעט אויף דער וועלט. ער האָט פיינט געהאַט קליינלעכקייט, צעבראָכנקייט, צעריסנקייט, גריבלעריי און טרויער. אין אַן עפּאָכע פון דעקאַדענטן און דעקאַדענץ — איז ער געווען עליה, אויפ־גאַנג, באַרג־אַרויף. בראַנד־וועג: „שבת זאָל זיין!". שבת, כאָטש אַרום אונדז הערשט אַזאַ מוראדיקע אָרעמקייט; שבת, כאָטש מ׳שטאַרבט אין די שטעטלעך פון הונגער, און אויך פון זיי, פון די הונגעריקע שטעטלעך, טרייבט מען אַרויס; שבת — כאָטש עס ברענט דער באָדן אונטער די פיס, כאָטש מיר זענען געיאָגט און געפּלאָגט, דערנידעריקט און געשלאָגן, אונ־טערדריקט ווי די ערגסטע קנעכט, אָן יעדער אחיזה אין אָט דעם צו אַלדי רוחות רעאַלן לעבן. אוודאי דאַרף מען שאַפן יידישע שולן און זיך טאָקע אַליין אַוועקזעצן שרייבן לידעלעך פאַר די קינדער; מ׳דאַרף שאַפן היימען צו שלאָפן בייגאַכט, און ברויט צו זעטיקן דעם הונגער בייטאָג; מ׳דאַרף דערהאַלטן דעם גוף, ווי ווייט מ׳קאָן — פון יחיד, אָבער מ׳מוז דאָך אויך דערהאַלטן ביים לעבן די נשמה פון פאָלק. אָט דאָס איז געווען פּרץ פון „מסירת נפש", פון „גלגול פון אַ ניגון", פון „מקובלים", „צווישן צוויי בערג", „די גאָלדענע קייט" און פון די אַלע אַנדערע צענדליקער מעשיות און דערציילונגען.

פּרץ האָט געהאַט אַ גוט אויג פאַר רעאַלער מענטשלעכער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, האָט אונדז נישט איין מאָל באַוויזן גלענצנדיק די קונסט פון דער שילדערונג, צייכענונג און קאָנסטרוקציע. ער האָט

גוט תופס געווען מיליע, און בכוח געווען איבערצוגעבן מיט דער גאַנ־צער דינאַמישער קראַפט אַ סיטואַציע. אָבער ער אַליין איז געווען צו אומרויִק, צופיל פאַרקוקט אין תכלית־זאַכן, געהאַט צו ווייניק געדולד צו גיין אויפן קינסטלערישן דרך־המלך, און אויסצוהאַמערן טיפן, געשטאַלטן און סביבה סתם. ער האָט געוואָלט געבן נשמה, נישט מ׳זאָל זי זען, נאָר זי זאָל לייכטן און פירן די ווייטערדיקע דורות. נישט קיין העלדן ווי טיפן, פאַר מענטשן סתם, נאָר העלדן ווי סימבאָלן פאַרן כלל, פאַרן פאָלק. אין פרצעס אַלע ווערק באַוועגן זיך שטאַרקע מענטשן, נישט קיין כאַ־ראַקטער־שטאַרקייט, וואָס וואַקסט אויס אויפן באָדן פון דער אייגענער נאַטור, נאָר גלויבן־שטאַרקייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער טיפע־ניש פון אַן אַלט, גייסטיק און שווער־געפרווווט פאָלק. זיי גייען איבער באַרג און טאָל, מיט פאַרבלוטיקטע פיס שפּרייזן זיי איבער אַלע מניעות, שפּאַנען מיט צעפּאַסעוועטע פאַרבלוטיקטע לייבער צווישן קנויטן און שייטערן איבער תהומות — אַן אויפהער פאַרקוקט צו אַ ווייטן ליכטיקן פונקט אין דער צוקונפט, וואָס וועט פאַרוויקלעכן אַן אַלטן ביבלישן חלום און אויסלייזן די וועלט פון רשעות און טרויער. דאָס איז געווען פּרץ, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן ווידער אויסצושפּרייטן דעם הימל איבער אונ־דזער קאָפּ, בעת די ערד האָט זיך אונדז געוואַקלט אונטער די פיס.

— היינט לעבן מיר ווידער איבער אַזאַ שווערע צייט, ווי דאַן, ווען פּרץ איז געשטאָרבן. מיר דאַרפן ווידער געשטאַרקט ווערן אין אַ גלויבן, כדי אויסצוהאַלטן. כדי איבערצוּוואַרטן. מיר מוזן ווידער פאַרציען איבער אונדז פּרצס הימל פון די אַלטע גרויסע פאָלקס־אידעאַלן — פאַר אונדז און פאַר דער וועלט.

ש. זאַראַמב

ביבליאָגראַפיע 1923 — 1939

צוזאַמענגעשטעלט פון א. ריוועס

1923

טײַפון, קונסט־ליטעראַרישע זאַמלונג, לאָמזשע.

דעביוטירט אונטערן פסעוודאָנים „משה צבי" מיט לידער — פון אַ באַלאַדע; השארת הנפש. אין פּראָזע — לידער פון דער נאַכט.

וואַרשעווער אַלמאַנאַך, לידער — נאַכט; ברודערל ווינט. זאַמלבוך, וואַרשע.

1925

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע — שטאַרבנדיקע דיכטער, ליד. זייט 51.

1926

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, פּינף גומערן „שפּראַצונגען", חודש־אָרגאַן פאַרן יונגן יידישן וואָרט, רעצענזיע. זייט 29

דער שפּיגל, ליד 809

1927—1926

וואַרשעווער שריפטן, זאַמלבוך. — ליבע־לידער.

1927

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע.

יהואש, אין די שבעה־טעג נאָך יהואש. עסיי זייט 47

לייוויקס „הינטערן שלאָס". רעצענזיע . ״ 76

י. ה. לעוויס לידער . . . . זייט 177

אַ שטילע איבערלעבעניש — נאָוועלע . . „ 293

יידישע מאַטיוון — ראָמאַנס פון אַ מיידל . . . „ 418

יידישע מאַטיוון — ראָמאַנס פון אַ ייִנגל . . . „ 643

י. ראָזענפעלד, „ער און זי“, רעצענזיע . . . „ 525

ק. מאַלאַדאָווסקי, לידער, רעצענזיע . . . . „ 605

פּאָעזיע און פּראָזע, עססיי . . . . „ 733

פּאָעזיע און פּראָזע, עססיי (סוף) . . . . . „ 757

1 9 2 8

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע.

אהרן גאָלדבלאַט, „וואָרצלען“, רעצענזיע . . . זייט 16

י. פּאַפּיערניקאָוו, „אין זוניקן לאַנד„ רעצענזיע . „ 59

גוסטאַוו פלאָבער, „מאַדאַם באָוואַרי“ . . . . „ 551

מאַקס בראָד, „די פרוי פון אונדזער בענקשאַפט“ „ 616

מעמוּאַרן פון ישראל בונימאָוויטש . . . . . „ 691

יעקב וואַסערמאַן, „די מאַסקעס פון ערווין רייַנער“ „ 1031

יידישע וועלט, חודש־שריפט, אויגוסט 1928

נאַנעס, לידער, ציקל פון 9 קאַפּיטלען . . . 347—352

1 9 2 9

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע.

וועגן חיים פלאַקס „מיט זיך“ . . . . . . זייט 100

א. ראַבאַי, בעסאַראַבער יידן . . . . . . „ 149

וועגן סטעפאַן צווייגס „אַמאָק“ . . . . . „ 178

טאַגאָרעס, „היים און וועלט“ 436

„ערשטער שניט“, זאַמלונג פון יונגע דיכטער . „ 769

אַמאָל אין אַ יובל, זאַמלבוך, וואַרשע.

צו קיינעם נישט; פאַרן געעפנטן אויג פון דער נאַכט, לידער זייט 103—104

אויפגאַנג, חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור און קונסט, וואַרשע 1929

דורכן מתים־פעלד, נאָוועלע . . . . . נומער 2—1

1930

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

פּרץ הירשביין, „אינדיע״ . . . . זייט 191

א. ראבאַי — „געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע״ . . . ״ 354

זילבערשטיינס „ברויט״ . . . . ״ 586

וואַלינער שליאַכן, קלמן ליס . . . . . . ״ 725

עסיי וועגן דריי דערשינענע בענד פון יונה ראָזענפעלד ״ 776

„הערנער אונטער דער קרוין״, ז. שאַפּירא . . . ״ 910

צוויי עקזאָטישע ביכער: רענע מאַראַן: באַטואַלאַ, פראַנצ. בראקער שענג טשענג: מיין מוטער, פראַנצ. מאַרק ראַקאָווסקי. ״ 983

הימען צום שוואַרצן ליכט, ליד . . . . . . ״ 681

1931

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן אין דרום־אַמעריקע —

ל. מלאך, „דאָן דאָמינגאָס קרייצוועג״ . . . . זייט 191

„אַמאָל אין אַ יובל״ זאַמלבוך, קלעצקין־פאַרלאַג . . . ״ 280

„אַזוי איז עס געשען״ י. רייזפעדער, ראָמאַן . . . ״ 604

1933

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

פיר ביכלעך לידער און דערציילונגען: יחזקאל קייטלמאַן, „מיטן פּנים צו זיך״;

משה גראָסמאַן, „האַמער און האַרפע״; ב. מרדכי, „אָפענע טירן״;

בינם העלער, „אין אומרו פון טעג״ . . . . זייט 9

וועגן ש. בערלינסקיס נאָוועלן „צו אַ נייער וועלט״ ״ 149

ז. סעגאַלאָוויטש, זאַמלהעפט 30־יאָריקער שרייבער־יובל 1903—1933, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַריין פון ייד. ליט. און זשורנאַליסטן, וואַרשע.

אַ פענצטער צום ים, עסיי . . . . . זייט 81—86

1934

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

האַרבסטיקע וואָלקנס, לידער . . . . . . ״ 430

געזונטער ראָמאַנטיזם, דוד פּראַם, רעצענזיע . . . ״ 652

1935

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

„מאָרגנרויט״ ב. גרינבערג, רעצענזיע . . . . ״ 41

ה. בערגנער, „שטובן און גאַסן״ . . . . . ״ 187

לידער . . . . . . ״ 745

1936

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

דאָס פּנים אונטער דער מאַסקע, עסיי וועגן שלום עליכם, זייט 397

שריפטן, ליטעראַרישער חודש זשורנאַל, וואַרשע.

ראַנדעווו, ליד . . . . ״ 1

וואָרט אָדער וויזיע, עסיי . . . . . . זייט 30—33

1937

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

אסתר זוסמאַן, דער חלום פון אַ פרוי. רעצענזיע זייט 452

דורך סקעפּטיציזם צום גלויבן, נאָכן טויט פון ד״ר א. קאַראַלניק זייט 492

בריוו פון ש. זאַראָמב אין רעדאַקציע ליט. בלעטער ״ 532

אַן אינטערעסאַנטער דעביוט. מאיר האַלפּערין, לידער ״ 579

אַ שמועס וועגן קונסט ביי פעליקס פרידמאַן אין אַטעליע ״ 591

אַ שמועס וועגן קונסט ביי פעליקס פרידמאַן אין אַטעליע (סוף) 608

שריפטן, וואַרשע

יאַנואַר 1937. פון די „שריפטן״ ביז די „זאַמלביכער״, עסיי ז׳ 27

פעברואַר 1937. ער האָט זי געפונען, נאָוועלע . ״ 3

וועגן ישראל עמיאָט, „ביי דער זייט״, לידער . . ״ 47

מערץ 1937. לייב ראַשקין, „די מענטשן פון גאָלדבאַזשיץ״ ראָמאַן זייט 47

יוני 1937. וועגן משה בראָדערזאָנס „פאַרשטעלונגען״ ״ 43

נאָוועמבער 1937. לעאָ פינקעלשטיין, די גרונטשריכן פון דער
יידישער פילאָזאָפיע, פון פילא יודעוס ביז משה מענדלסאָן ז' 41
וועגן מ. ה. דראָכלעס „פון אומרויקע צייטן", דערציילונגען 42

1 9 3 8

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע

יידיש אין ארץ־ישראל, „ארץ־ישראל זאַמלבוך 1937" זייט 712
דורך נאַכט צום באַגינען, יחיאל לערער, „מיין היים" " 720
שטילקייט, יצחק יאַנאַסאָוויטש . . . . " 297
איבערן אָפענעם קבר פון אַ פריינד, וועגן טויט פון אהרן מאַרק
— זייט 757
אָן אַ ברירה, עסיי. . . . . " 765

שריפטן, וואַרשע

יאַנואַר, 1938, צוויי פאַרטרעטן, נאָוועלע . זייט 9—25
" וועגן „ארץ־ישראל שריפטן" . . . " 41
„ וועגן רחל קראַמפּס „שטילע רייד" . . " 41
פעברואַר 1938, צוויי פאַרטרעטן, נאָוועלע (סוף) " 6—18:
פעברואַר 1938, איבערזעצונג פון לאָרד בייראָנס לידער
נאָוועמבער־דעצעמבער, וועגן הערץ בערגנער, צו זיין נסיעה
קיין אויסטראַליע " 9

1 9 3 9

ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומער 12, 13 אַפּריל

דאָס ליכט פון עקסטאַז (עסיי) צום 24־טן יאָרצייט נאָך י. ל. פּרץ

י ד י ע ו ת

צווייוואָכנבלאַט פון „החלוץ" און „העובד" אין פוילן.

1 9 3 5

היינט און מיט יאָרן צוריק. (פון אַ באַזוך אין קעלצער קיבוץ)
וואַרשע, נומער 4.

עולה רגל צום כינוס, (פון קיבוץ „תל־חי״ ביאַליסטאָק) נומער 7
פּאַלעסיע אַרבעט . . . . נומער (15)50
קלאָסאָוו . . . . נומער (17)52
חלוצים אין קלאָסאָוו . . . . נומער (19)54
דער קיבוץ אין ווערבע . . . . . נומער (21) 56

1 9 3 6

די מוזע אין קיבוץ . . . . . נומער (2) 58
דורך ליידן — פרייד, צום 70־טן געבוירנטאָג פון ראָמאַן ראָלאַן
נומער (4) 60
דאָ איז רויק... אַ טאָג אין בית־הבראה . . . נומער (9) 65
אויפגעהויבענע הענט . . . . . נומער (10) 66

1 3 9 7

ד. שמעונוביץ, די ערשטע באַגעגעניש, פראַגמענט פון דער אידיליע
„די מצבה״ וואָס דערשיינט אין קורצן. יידיש ש. זאַראַמב נ. (2) 71
אויף דער גראָכאָווער ערד . . . . . נ. (7—6) 76—75
דער וועג צום האַרצן, 10 יאָר נאָכן טויט פון ה. ד. נאָמבערג ;
זרובבל, חברה, ליד. יידיש ש. ז. . . . . (10—9) 79—78

1 9 3 8

ווי אַזוי דאַרף מען לייענען אַ בוך —
אַ מתנה די חברים פון „פרייהייט״־סעמינאַר (1) 80
קיבוץ באַראָכאָוו אין לאָדזש, צום יובל פון „החלוץ״ (3) 82
דער קיבוץ אין לאָדזש, צווייטער אַרטיקל . . . . (4) 83
איינזאַמקייט און געמיינזאַמקייט . . . . . . (6) 85
„דער אָרגל״ פון ש. מעלצער. יידיש ש. ז. . . . . (7) 86

1 9 3 9

„על מנת שלא לקבל פרס״. (פראַגמענט פון אַ גרעסערן אַרטיקל) (1)87
דוד פרישמאַן, „דער סורר ומורה״ . . . . . (2) 88

אלטע קינדער און קינדערישע אַלטע . . . נומער (3) 89
צו שלום עליכמס אַכציק יאָריקן געבוירן־טאָג:
זרבבל, „אַ ווינט ביי נאַכט", יידיש ש. ז.
איינער פון די טויזנטער, וועגן דוד שמעונאָוויטשס פּאָעמע „רסיסי לילה" . . . . נומער (5) 91

דאָס בוך פון דער ניי ארץ־ישראלדיקער פּאָעזיע, „החלוץ", וואַרשע 1936, איבערזעצונגען פון העברעיש

דוד שמעונאָוויטש

אָ, זיי געגריסט . . . . . זייט י"ח
נישט פּייערלעך און זאָרגלאָז . . . . " נ"י
דער יובל פון די פּורמאַנעס (אידיליע) . . פ"ג—צ"ח

י. פיכמאַן

מיין לאַנד . . . . זייט י"ט
ירושלים . . . . . . " כ"ה
טריקעניש . . . . . " כ"ז

ש. שלום

וווּנדער טרינק מיין האַרץ . . . . זייט ק"מ
זיי האָבן מיר געטויט מיין ברודער . . . " קס"ט

רחל

רחל . . . . זייט כ"ב
די בשורה . . . . . . " נ'
אין שאַכט . . . . " ק"ג
פון תמיד בין איך . . . . . . " קנ"א
וואָרט . . . . . . " קנ"ז

מ. ז. וואָלפאָווסקי

אַ נייער שאָסיי . . . . זייט נ"ז
צווישן דיינע בערג, גליל . . . . . . " ס"ב
די וואַסער־גרעבער . . . . . . " קס"ה—קס"ו
שלומס טעכטער . . . . . . " קס"ז—קס"ח

יהודה קרני

אין שטיין־האַקעריי . . . . . זייט ס״ד
טרייב די קי . . . . ״ קכ״ג
געבעט פון אַ פרוי . . . . ״ קכ״ז
אַ חמסין אין שומרון . . . . . . ״ קח״ט—ק״ל

א. שלאָנסקי

מי . . . . ״ ס״ט—ע
צום אומבאַקאַנטן . . . . ״ ק״ד
דעם מדבר אַנטקעגן . . . . ״ קט״ו—קהט״ו
דאָס ליד פון משמרת . . . . ״ קל״ג

יצחק למדן

נאַכט־שטערנס

י. ד. קאַמזאָן

קריזיס . . . . . . ״ ק״ב

לוי בן אמתי

שניטער־ליד . . . . ״ קכ״ד
אין קבוצה . . . . . ״ קמ״ג

א. ברוידעס

אַ בריוו . . . . . . ״ קל״ו—קל״ז

י. בת־מרים

ווי פסוקים די טעג . . . . ״ קמ״ב
איז אַ ווייַנגאָרטן ס׳האָרץ מייַנס . . ״ קמ״ז

ח. נ. ביאַליק

די שפּיהער טעכטער . . . . . ״ קמ״ח—ק״נ

אינהאַלט

זייט

שמואל זאַראָמב 7

זיינע לעצטע יאָרן 18

לידער און פּאָעמעס

נאַכט 23

ברודערל ווינט 24

שטאַרבנדיקע דיכטער 25

ליבע לידער 26

דער שפּיגל 29

יעדע נאַכט 31

יידישע מאַטיוון 32

נאָנעס 38

פריהאַרבסטיקע וואָלקנס 52

Con Sordino 53

ראַנדעווו 54

וואַנדער ־ לידער 57

איבערזעצונגען פון דער העברעישער דיכטונג

לוי בן ־ אמיתי 61

ח. נ. ביאַליק 62

א. ברוידעס 65

י. בת ־ מרים 66

מ. ז. וואָלפאָווסקי 67

יצחק למדן 72
יעקב פיכמאַן 77
י. ד. קאַמזאָן 79
יהודה קרני 80
רחל 84
א. שלאָנסקי 87
ש. שלום 96
דוד שמעונאָוויטש 97

נאָוועלן

אַ שטילע איבערלעבעניש 117
דורכן מתים ־ פעלד 129
ער האָט זי געפונען 35
צוויי פאָרטרעטן 141

— — — — עסייען

אין די שבעה־טעג נאָך יהואשן 189
פּאָעזיע און פּראָזע 191
אַ פענצטער צום ים 205
וואָרט אָדער וויזיע 210
דאָס פּנים אונטער דער מאַסקע 215
דורך סקעפּטיציזם צום גלויבן 219
אַ שמועס וועגן קונסט 223
אָן אַ ברירה 233
דאָס ליכט פון עקסטאַז 239
ביבליאָגראַפיע 243

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווי און גליבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
אַ. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)

מרדכי אורן	דער פראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראַנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ל. אַליצקי	מיין האַרץ־רייזע
נ. דרוזדוב	די יידן אין איטאַליע
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכי לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מרדכי יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ספר זרבבל	(צו זיין 75־טן געבוירנטאָג)
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הניטער מיר
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
מרים ריינעס־מעלצער	צום קוואַל
א. שטיינבאַרג	משלים

א. לעוו	ביימער אין ווינט
י. כהן	דער גורל פונעם ייד
יוסף ראַטענבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענדער)
ש. פּאָלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויס
י. כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען

בעברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אַלמי	בין סיני לאולימפוס
מ. בורשטין	פת ומלח
ד. פלאקסר	האידיאה והאמת
ר. קביאַטקובסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
מול האויב הנאצי	ספר הפרטיזנים (עברית־יידיש)